STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07397

# REYSHE

Berish Weinstein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בעריש ווײַנשטײַן

# רײשע

## פּאָעמע

אַרויסגעגעבן פון
**דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור־פאָנד**
ניו־יאָרק, 1947

דערשיינט אין 1200 עקזעמפּליאַרן.
געדרוקט אין גרעניטש פּרינטינג קאָרפּ., נ. י.
באַצירונגען אויף די שער בלעטער געצייכנט פון אבֿרהם וואָלקאָוויץ.
אותיות פון יצחק ליכטנשטיין.

**Copyright, 1947**

**By David Ignatoff Literary Foundation, Inc.**

**New York, N. Y.**

לזכרון די טויזנטער יידן וואָס
זיינען אומגעקומען על קידוש-
השם אין מיין היים-שטאָט, ריישע

צו דיר, ריישע, דאָס ערשטע בלאַט —
די אותיות פֿון איכהדיקן כּתבֿ־יד,
וואָס דיינער אַ בן־עיר האָט דאָ פֿאַרשריבן:
אַז אַחוץ קידוש־השם — לזכרון,
איז פֿון דיר גאָרנישט געבליבן.

# היימישע ערד



א.

אַלץ וואָס איז באַשערט אויף גאַליציעס ערד,
איז אין דיר, היים־שטאָט, ריישע — פאַראַן.
און ווייל יידן מאַכן אַ ברכה איבער דיין לבנה,
בלויט דערפאַר אַנדערש דיין הימל ביינאַכט.
עס גייט־אויף דאָס ליכט פון גאַסן־צינדער;
פאַרבענקט ווערן ווינטער די חדר־קינדער.
אַ טבע האָבן מלמדים צו לערנען טריב
מיט יינגלעך קלוגע, מיט יינגלעך ווילדע.
און שווער איז דעם הויכן ר׳ משה אריהס חדר —
דער רבי ווערט בייז ביי דער סדרה משפטים,
און חזרט די פרשות אָבער־און־אָבער:
עין תחת עין — אַן אויג פאַר אַן אויג;
שן תחת שן — אַ צאָן פאַר אַ צאָן.
און בייז ווערט ר׳ משה — ר׳ חודש אלול,
אין די וואָכן פון ואתחנן, שופטים און האזינו.
אַפילו ביים לערנען דאָס געזאַנג פון אקדמות,
ווערט ר׳ משה אריהס אויסגעצויגענער, דאַרער
אין אַלץ — אין זיין באָרד, פאות איז דאָ כעס,
בלויז אין קלויז מאַכט ער מיט יינגלעך שפּאַס.

מלמדים וואוינען שטענדיק צווישן בתי־מדרשים.
ווי אין געטאָס איינגעמויערט שטייען די חדרים.
גאַסן אַזעלכע זעען אויס ווי מעשהס, לעגענדעס.
גאָט, ווי עס קלאַפּט דאָס האַרץ פון אַ יינגל,

ווען ער גייט פונעם חדר אין די ווייַנאַכטן אַהיים
און זעט אויף זיין וועג די דזשעווקעס ברענען!
אַזויפֿיל אימה שלאָגט פון זיין גאַנג אַרויס.
אַלע אָנגעהערטע מעשהס שרעקן אים אַצינד.
דער וועג איז שניי, דער חדר־לאַמטערן — שאָטן,
און די פאַרשנייטע דעכער שטומען אין פראָסט
און אַ ייִנגל מיט אַ לאַמטערן גייט דורך געפֿאַרן, —
פון דער סדרה ויגש, פון ויחי צי פון שמות,
מיט אַ חומש, אַ גמרא, מיט אַ דערשראָקן געזיכט
און דער פראָסט אונטער די ייִנגלישע טריט בריט.

לאַנג איז דער חדר־וועג דורך דער גרינער גאַס.
מען גייט דורך דער מיקאַשקע, דורך דער וואַליע;
דורך קורצנס הויף — דורך שטיינער, דורך ציגל
און דורך קברות־ביימער — פאַרשנייטע תליות.
אינעם ייִנגל וועקן זיך אָנגעהערטע מעשהס:
אַז אַן אַ מזוזה שטייט אָפן די שול ביינאַכט;
אַז אַהין קומען מתים באַדעקט מיט טליתים
און אַז עמיץ אַ מת צעוויקלט אַ ספר־תורה.
ווי איז אַ ייִנגל וואָס גייט אַן אַ טלית־קטן
אין יענער רגע פון חצות מיטן אייגענעם שאָטן!
ס׳רופט אים ווער ביים נאָמען אין שול אַריין,
און מען טוט ווי עס פלעגן די באָבעס הייסן:
מ׳גייט מיט אַ צאַפּלדיק האַרץ צום רב אַרויף
און דער רב גיט־מיט זיין טלית, דעם שטעקן
און הייסט גיין צוריק אַ זיכערער אין שול
מאַכן אַ ברכה איבערן אויפגעוויקלטן ספר,
וועלן זיך פאַר אים אַלע מתים דערשרעקן...
פחד איז דער חדר־וועג ווינטער ביינאַכט.

פראַקטיק די שויבן מיט וואַלד פאַרצויגן.
מיט בורשטינענע אויגן פרעמדע הינט לויערן
און פון חדר אַ ייִנגל שאַרט זיך פאַרלוירן.
זיין געזיכט ווערט העל, די טריט מונטער,
ווען ער וואַקסט אין מאַרק אויס אַ ליכטיקער.
די קראַמען מיט חמשה־עשר בשבט שמעקן
פון באָקסער, פון טייטלען און פאָמעראַנצן.
און ס'בלענדט מיט דרשה־געשאַנק פון לייכטער
פון מנורות, בשמים־ביקסלעך און קידוש־בעכער.

די שטאָט איז אין ווינט און אין פראָסט,
פאַרהאַרטעוועט אין שניי ליגן די גאַסן
און לאָמטערנדיקער ליכט שלאָגט־אָפּ בלאָ.
פיאַקער־שליטנס אין ווייכן העלן קלאַנג,
טראָגן זיך גרינג איבער די הויפּט־גאַסן
און צעהיצן, צעפּאַרען די יאָגנדיקע פערד.
פון די חדר־ייִנגלעך ציט אָפּ דער אומעט,
ווען זיי טראָגן זיך — נאָך גיכע שליטנס
אויף פּאָדקאָוועס און אויף ליזשבעס
און אויף געקאָוועטע, הילצערנע קאָסטנס.
פון שניי, פון גליטש און ווילדן לויף,
צאַפּלען זייערע געזיכטער ייִנגליש־רויט
און שניטן און ביילן לויפן בלוינע אויף —
ווי צום ייִנגל וואָס קומט אַהיים מיט וואונדן,
דעם קאָפּ, די הענט מיט טיכער געבונדן.

קאַלט, שטאַר, אָדערדיק זיצן טרויעריקע מאַמעס
ביי פאַרשנייטע קוישן, געפרוירענע אויבסטן —
און בלאָזן היימלעכקייט פון פייערטעפּ אַרויס.
העלער שניי ליכטיקט אויף זייערע בלאָע הענט.

גרינגער, פלינקער ווערן גאַליציעס טעכטער.
און דער שפּאַציר רוישט ווייך, שטאָלץ, עלעגאַנט
איבער דער רייכער הערנגאַס — אַרויף־און־אַראָפּ,
און די גאַסן לעבן אויף פּריצישער, פּוילישער
פון די הויכע, קלינגעדיקע מיידלישע רייד.

ב

בייטאָג צי ביינאַכט, האַרבסט צי ווינטער,
אָפן פאַר דער וועלט שטייט די גרויסע קלויז.
די טירן האָבן נישט קיין ריגלען, קיין שלעסער
און אין פּאָליש גיסן תמיד איבער די פּעסער
פון מנינים וואָס טונקען אָפּ זייערע הענט,
פון אַלערליי יידן אַנגעלאָפן פון דער פרעמד:
סוחרים פון יאַסלע, סוחרים פון לובלין,
קליין־הענדלערס פון טאַרנע, פון סאַנדז,
און רייזנדערס פון קאָלאָמעי, צי פון סטרי
און סתם אורחים וואָס גייען איבער שטעט
און שלאָפן־איבער אין קלויז אויף אַ ברעט.

בייטאָג צי ביינאַכט, האַרבסט צי ווינטער,
ברענען די יאָרצייט ליכט פאַרטריפטער.
יעדער — פון דער פרעמד, צי פון הי,
זיצט ווינקלדיק אין אַ ספר פאַרטיפט
און בייסט די באָרד פאַרקלערט אין אַ פּשט
און זענקט אַ געצופּטע האָר ביי אַ לאָמפּ.
אויף די טישן ליגן אַנגעוואָרפענע ספרים,
וואָס גלאַנצן אָפּגענוצט פון צופיל לערנען
פון אַלערליי יידן אין דער אָפענער קלויז.

אין דער ווינטער־שעה פון השכמת־הבוקר,
גייט ר׳ הערש־יעקב צו דער קלויז אַראָפּ
אַ געפּרווירענער אַזאַ פונעם מרחץ — פרום.
ער גייט מיטן תפילין־זאַק, מיטן שטעקן,
דאָס געזיכט טיף אינעם קאָלנער באַהאַלטן.
שנייאיק פאַלט דער ווינט אויף זיין גאַנג
און צעבלאָזט, צעפלאָטערט זיינע פאָלעס.
ער ברעכט אַלטלעך דעם האַרטן וועג
און נעמט אַריין אין זיך דעם פאַרטאָג.
אין קלויז רינט פון אים די קעלט אָפּ.

נאָכן שניי, נאָך דער קעלט — אין קלויז,
צעבינדט ר׳ הערש יעקב די ווייסע טאָרבע
און נעמט מיט זיינע נאַסע, שטאַרע פינגער
די תפילין, דעם טלית און די ליכט אַרויס.
אַלץ לייגט ער אויף אַ שטילן שטענדער אויס.
אַזוי פירט זיך ר׳ הערש־יעקב — ערב טאָג,
ווען די לאָמטערנס ברענען נאָך פון ביינאַכט.

די שטאָט איז אַלט, דער בית־החיים איז גרויס,
ר׳ הערש־יעקב זאָגט קדיש מיט יתומים אין קלויז.
ער צינדט ליכט נאָך טויטע וואָס שטאַרבן עלנט,
וואָס האָבן קיינעם אויף דער וועלט נישט געלאָזט.
אַזוי היט ער אַלע יאָרצייטן בייטאָג און ביינאַכט,
און מיט אַלע וואָכעדיקע מנינים דאַוונט ער מיט,
ער זאָל עמיצנס אַ קדיש חלילה נישט פאַרפעלן.

אַז די זון שטייט אינמיטן הימל — הויך,
און צעטראָטן איז די שטאָט פון יאַרידים,
גייט ערשט ר׳ הערש־יעקב פון לעצטן מנין.
יידן האַלטן שוין ווייט מיטן מסחרדיקן טאָג,

זיין ווייב האָט די ערדענע כלים שוין פאַרקויפט —
און פאַר דעם געבויגענעם ר׳ הערש־יעקב
איז נאָך אַלץ פריער, קאַלטער אינדערפרי.
נאָך אַלע מנינים פונעם וואָכעדיקן גרוי,
וואַשט ער זיך ערשט צו אַ כזית־ברויט
און בענטשט פאַר יעדן ברעקעלע — גאָט.

אין זיין שטוב איז ר׳ הערש־יעקב אַ סופר,
וואָס זיצט ביי שטיקלעך פאַרגעלטן פאַרמעט.
אַמאָל זיינען דאָס תפילין, און אַמאָל מזוזות,
צי גאָר פסולע אותיות פון ספרי־תורהס —
וואָס ער קריצט מיט אַ גענדזענע פענע שטיל
אינמיטן מסחרדיקן טאָג, אין זיין שטוב.
ר׳איז די קדושה בעת ער שרייבט מיט יראה
און לייענט אַפילו אויף אויסנווייניק די מגילה.
ר׳איז קיינמאָל אין פרעמדע שטעט נישט געווען,
און צו רביים מיט קוויטלעך נישט געפאָרן,
ווייל בטחון האָט ער נאָר אין געוועלטיקער
און עולם־הזה פאַר אים איז נאָר גאָט צו דינען,
לייטערט ער זיך אַ ייד בלויז פאַר עולם־הבא.

ג

עס גייען־אויף די טעג פון ריישעס מסחר
מיט די האָרט־סוחרים די חסידישע, די וועלטלעכע.
געוועלבער, סקלאַדן און קעלערס שמעקן טונקל
און פון די יאַרידים ציען ריחות פון פערד.
קיל שלאָגט דער מאַרק פון יונישן קאַלעך
און עס שפּאַרט מיט הענדלער, מיט חזירים און פערד,
מיט דערשראָקענעם געשריי פון ווייַנענדיקע בהמות.

דער פרייטיק רוישט מיט פויערים, מיט וועגענער.
יידן דאַרפישע, יידן שטאָטישע, יידן אַטלאָסענע,
האַנדלען קאָרג, האַנדלען הייס, האַנדלען גרויס
און ווילן זיין קליגער פון די האַרט־סוחרים;
פון חיים־וואָלף בוי, דעם ברייטן שניט־סוחר,
פון שניייווייס, דעם פאַרריסענעם זאַלץ־הענדלער
און פון אשר זילבער, דעם רייכן פּראָפּינאַטאָר.

קראָמען שטייען אויפגעלייגטע, אויפגעוואָרפענע
דער פעטער מאירל, די פאַרגעלטע מומע ראַצעלע
מעסטן לייוונט פאַר פויערים און פאַר פריצים.
מאירל שפּאַסט מיט אַ גוי איבער אַן אייל סחורה
און די מומע ראַצעלע רופט אים, דו נאַר, שוטה:
אַ פּרוטה מער, צי אַ פּרוטה ווייניגער,
ס'איז היינט דער קורצער פרייטיק, מאירל —
כ'וועל נאָך חלילה ס'ליכט־בענטשן פאַרזוימען!

ד.

אַז די ברייטע שבת־שטיבער דאַרפן אויפגיין,
גייט דער הויכער שבתי פאַרריסן מיטן האַמער
און קלאַפּט הילצערדיק אַ טיר נאָך אַ טיר.
יידן פאַרשליסן גיך די בייזע געוועלבער
און שקיעהדיק ווערן די פענצטער פרום,
די דעכער און די שויבן פאַרנאַכטיק און שטום.
און רויט אין בית־השמשות אַריין ציט די זון
און וואַרפט אַן דעם ערב־שבת אויף פּנימער.
חסידיש און פריש טריפן נאָך בערד פון מרחץ,
און אין געאייל אויף זייער וועג פון מקוה אַהיים,
גייט מען גיך אין שמעלקע קאַנערס שענקל אַריין

נאָך אַ ביסל מעיד, נאָך פּילזנער ביר, נאָך אַרבעס
ביז ס׳נעמט דער הימל בלויען אין ערב־שבת.
אויף אַ יעדער מויער פאַלט־צו מנההדיקער פאַרכט.
מיט אַ פאַקל־פלעמל גייט דער לאַמטערן־צינדער
און צינדט אָן די גאַסן שאָטנדיק און טריב.
אינעם מאַרק שטייען נאָך די יאַרידישע גויים
ביי זייערע אויסגעשפּאַנטע, פאַרדרימלטע פערד.
גרינג רוקט זיך די לבנה פון די דעכער אַרויס
און שלאָגט־אָפּ גרין אויפן מאַגיסטראַט־זייגער.
ביסלעכווייז שלאָגן־אויף די פענצטער מיט ליכט,
מיט לייכטער פון וואָרעמען מעש, פון ברייטן זילבער
און אין אַלע שויבן צינדט זיך אָן די קדושה.
ווי אויף עולה־רגלדיקע וועגן, אַהער און אַהין,
גייען יידן הויכע, יידן גראָע, יידן פלאַטערדיקע
מיט אַטלאַס־ווינט צום ברענענדיקן קבלת־שבת:
ווער צו די סאַנדזער, און ווער צו ר׳ לאַזערל;
ווער צום דזשיקאָווער, און ווער צום בלאַזשעווער;
ווער צו דער קלויז, ווער צו דער וואָליער־שול —
אַזוי גייט מען מיט פלאַם און מיט הייסן ווינט
ביז די מעריב־שעה ציטערט אין שבת אַריין.

ה.

פרייטיק־נאַכט קלאַפּט טרויעריק ר׳ מאָטישס מיל.
זיין חסידים־שטיבל זאָגט שיר־השירים שטיל.
ר׳ מאָטיש וויגט זיך ביים מזרח מיט התלהבות,
לויטן נוסח פון דזשיקאָווער רבין ר׳ יהושעלע —
מיט כוונה נאָך אים וויגט זיך דאָס גאַנצע מנין,
ווייל נגידיש־גראָ איז ר׳ מאָטישס גרויסע באָרד;
ער איז דער עלצטער בן־תורה אין זיין שטיבל.

די אייניקלעך — יוסף, אליה לערנען יום־ולילה
אין זיידנס שטיבל — ביים זיידנס ווייסער מיל.

דער מילהויף איז ברייט, דער וועג האַרבסטיק.
וועגענער פאָרן, שניידן זיך אַריין און אַרויס;
צו גאַנצע חדשים אַזוי — טאָג־איין, טאָג־אויס.
די מיל, די זעג ווערט פונעם בראַזג נישט מיד,
ווי עס ווערט ר׳ מאָטיש פון לערנען נישט מיד.
און ווייל תבואה איז סחורה פאַר חכמה און תורה,
שטייט ר׳ מאָטישס ווייב איטעלע, אַ וואָכעדיקע, —
אַ ווייס־פאַרלאָפּענע פון מעל און פון קלאַיען
און האַנדלט מיט גראַפּן פון גרויסע גיטער;
פירט מסחר מיט פריצים, מיט וואַלד־סוחרים.
צו די דאָרפס־גויים רעדט זי אַ פּראָסטן פּויליש
און צו די פריצים — העפלעך און הכנעהדיק.

פלאַטערדיקער רויך זעצט פון דער מיל אַרויס
און הילצערן געשריי טראָגט זיך פון דער זעג.
פון דער בעקעריי יאָגט אַ ריח פון זעמלמעל.
ס׳שוויבלט מיט פויערים, מיט תבואה־סוחרים,
און מיט רייכע מילנערס און בעקער־סוחרים.
איבער ליימיקע גריבער פּראַכן שווערע פורן:
טייל מיט פולע זעק פון ווייץ און קאָרן,
טייל — מיט לערע קוישן נאָך געבעקסן,
טייל — מיט פרישע אויסגעהאַקטעביימער.
פון די ביימער ווערן קלאָפּטערס, ברעטער,
פון די לערע קוישן — פולע וואַרעמע ברויטן,
און פונעם ווייץ, פונעם קאָרן — ברייטע שפע.
איטעלעס אויגן זיינען צו אַלץ געווענדט
פון השכמות־אָן ביז דער טאָג ווערט שטום —
און ר׳ מאָטיש דער מתמיד ווייסט נישט דערפון.

ו.

ברייט און ווייט שמט ר׳ מאָטישס חסידיש הויז
מיט זיין מסחר, מיט זיין טאַרטיג און גיטער;
מיט זיינע זין און איידעמס, די לערנערס
און מיט זיינע שנירן פון יחוסדיקע הייף.
אינדערוואָכן, אין די טעג פון אַ גאַנץ יאָר,
איז ווי חול־המועד אין ר׳ מאָטישס הויז.
אָפּן איז זיין שטיבל פאַר אורחימדיקע יידן.
דאָ, פאַלט־צו דער פאַרנאַכט ווייך און בלאָ
און שווייגנדיק נעמען ווערן די שויבן גראָ
פון אורחים אַלערליי וואָס פאַלן אַריין דאָ
צו וואָכעדיקער מנחה, צו נאַכטיקער משניות.
אין שטיבל צעוואָרפן ליגן תמיד די ספרים
פון היימישע און פרעמדע ישיבה־בחורים —
און די מיל לויפט, שווער קלאַפּט די זעג
אַזוי נאַכט נאָך נאַכט, טעג נאָך טעג —
און מען לערנט פון גמרות מיט ברען,
אַלע נאַכט — אין די ווינטערדיקע שעהן.

עס גרויסט זיך ר׳ מאָטיש מיט מאירטשע דעם זון,
ווייל פון אַלע, איז מאירטשע דער שאַרפסטער למדן.
ער זיצט שטענדיק נאָר אין ספרים אַריינגעטאָן —
און לייענט אַפילו גאַזעטן פון דער גרויסער וועלט.
ר׳ מאָטיש זיצט אין קהל, מאירטשע אין סענאַט
און ביידע זיינען פון די העכסטע אין ראַבינאַט.
צווישן גויים רעדן זיי דייטש און פויליש
און שבת אינדערהיים רעדט מען לשון־קודש.
מאירטשעס באָרד איז גרויס, זיין פנים מילד
און די מלבושים טראָגט ער חסידיש־ווילד.
ער חברט זיך מיט בחורים וואָס עסן „טעג״,

וואָס שלאָפֿן אין בתי־מדרשים אויף די בענק —
און פֿירט זיך ווי אַ ישיבהניק פֿון דער פֿרעמד.

אַ טבע האָבן מענטשן, אַ טבע האָבן הייזער
צו רעדן לשון־הרע אויף נגידישע ווייבער.
די שטאָט טראַכט אויס, די שטאָט דערציילט:
אַז מאירטשעס ווייב פֿירט זיך נישט־אויף רעכט,
אַז זי איז גרויסשטאָטיש און אויפֿגעקלערט
און רק זי קליידט זיך אין די לעצטע פֿאַסאָנען
פֿון די פֿיינסטע דאַמע־שניידער אין פּאַריז געניייט.
און טראָגט פּרימאַ ליאַק־שיך מיט הויכע שטעקל.
אירע האָר — ווי האַלב־פֿרעמדע, האַלב־אייגענע,
טראָגט זי אויף דער „טאַנגאָ"־מאָדע פֿאַרקעמט.
אָנגעצויגן איז איר בוזעם און פֿאַרשפּיצט
אירע היפּטן — איינגענומען און געשפּאַנט.
אַ לוסט האָט זי צו קאָפּייען און צו אָפּיצירן,
זעט מען זי שטענדיק אויף דער „פֿיינסקי" שפּאַצירן.
זי בענקט נאָך אָלמיץ, נאָך טעפּליץ און נאָך ווין,
פֿאָרט זי קיין קאַרלסבאַד און פֿון דאָרטן אַהין.
— אַזוי רעדט מען אויף ר' מאָטשיס הויז כסדר,
אַפֿילו אין טעפּער־געסל אין די אָרעמע הייזער.

אַ האָרץ קען זיין אי בייז, אי גוט,
האָט ר' מאָטשיס ווייב איטעלע אַ האָרץ אַזאַ.
זי טראָגט אַ קמיע פֿון הייליקע יידן, —
אַ ירושה נאָך פֿון דור און פֿון דורות —
האָט זי טאָקע מזל, ברויט און הצלחה
און אַ פּיעקאַרניע פֿון אויבערשטנס השגחה.
איטעלע האָט אַ מיל און אַ געלן סידור,
זיצט זי תמיד פֿאַרמעליקט צווישן רעדער.
אינמיטן טאָג זאָגט זי דעם תהילים איבער

און דאַוונט אין וואָכעדיקער גרוי אַליין,
אירע אויגן טרערן אָפּ מיט טראָפּנס געוויין
און באַפּלעקן די אַלטע תפילה־בלעטער.
אַזאַ שטומער כעס אויף איר געזיכט,
אַזאַ פרומע גוטסקייט אין אירע הענט.
איטעלע די בייזע — איז איטעלע די גוטע,
וואָס לאָזט אָרעמע אָן ברויט נישט אַרויס.
און האָט חלילה אַ ייד נישט אויף שבת,
שיקט מען אַ קינד צו איטעלען נאָך חלות.
אַזוי וואָך־איין און אַזוי וואָך־אויס,
ווייל ריישע איז אָרעם, איז רייך און גרויס.

# וואַסעדיקער טעג



א.

ריישע האַנדלט אָרעם, האַנדלט רייך און גרויס.
מיט אויפגעלייגטן מסחר הייבן זיך אָן די טעג.
ווינטער צי זומער שטעלן זיך די יאַרידים ברייט.
מען האַנדלט מיט שניט, מיט נאַפט, מיט שפּיצעריי;
מיט צעלניק, מיט תבואה און מיט שטיינערן זאַלץ
און די פּויערים האָבן גרויסע אויגן אויף אַלץ.
דער איינצלנער מסחר שטעלט זיך אָפּ אין רינג;
אויף דער מיקאָשקע, איבער דער גאַנצער לענג.
יידן מיט פרומע בערד, יידענעס אין שייטלען
דינגען זיך אויפן אייל און אויף דער קוואָרט
ביז עס וואַקסט דער ריוח צו דער פּרוטה אויס.
ווינטער שטייט מען אין זעק, אין אָניצעס געהילט
און אין די קראָמען גליען, טליען פייערטעפּ
די פּיס, די פּנימער און ס'לייב צו דערוואָרעמען.
דאָס טעפּל „וואָרעמס" ווערט קאַלט און באַשטאַנען;
ווערט פאַרגליווערט, פאַרשישעט און פאַרגעסן,
מען פאַרגינט זיך נישט אינמיטן יאַריד צו עסן.

אויף דער טאַרגאָוויצע און אויף דער וואָליע
שרייט דער מסחר פון פערד און רינדער;
שרייט דער מסחר פון חזירים, קי און קעלבער.
די פערד־הענדלער זיינען שטענדיק רויט, הויך,
און די חזיר־הענדלער — געזונט און ברייט.
זייערע פּיס קענען שפּאַנען ווייט —

און קענען שעהן־לאַנג אין די שענקען שטיין;
אַקסלען האָבן זיי אָפּגעטראָגענע — פון פעלן.
מיט קי־מיסט, פערד־מיסט — היי און האָבער,
איז די וואַליע, איז די טאַרגאָוויצע — צעטראָטן.
דאָ האַנדלט מען אָפן, פראָסט אויף דער האַנט.
מ׳פּרואווט די פערד אויף אַ ציגיינערישן אופן,
מען ציילט זייערע ציין און מ׳לאָזט זיי לויפן.
פאַר פערד וואָס זיינען נישט לאָם, נישט בלינד,
צאָלט מען אויס גרויסע אַסיגנאַציעס געשווינד.
און פאַר פערד וואָס מאַגערן און ס׳קריכן די פעלן
באַצאָלט מען פאַר נבילה־פלייש בחצי־חינם
מיט אַזאַ ריווח לויט מעקלערס און מבינים.

קצביש בלוט שלאָגט פון די וואַליע יונגען.
זיי ליגן־אָן אויף טאַרגאָוויצעס טעג און נעכט
מען זאָל זיי דינגען צו טרייבן יונגע רינדער.
הערצער האָבן זיי וואָס זיינען האַרט און שטאַרק,
וואָס קענען טראָגן קעלבער לעבעדיק אויפן קאַרק,
און טרייבן אָקסן געשווינד דורך אָפענעם ווינט.
שטענדיק האָבן זיי מיט זיך שטריק און שטעקנס
און פאַרמאָגן אַלץ וואָס אַ קצב דאַרף האָבן;
זיי טראָגן זיך אַרום מיט אַלערליי מעסערס
אויף צו שינדן און אויף צו טרייבערן
און שליענטשען אין שעכט־הייזער, אין יאַטקעס.

אויף דער וואַליע ווערן די רינדער טרויעריק.
די וואָס זיינען נאָך יונג, קענען קוים שטיין,
ליגן שטיל אויף שטרוי פיר־פיסיק געבונדן
און זייערע אויגן קוקן נאַריש, ציטערן שטום;
מען ווייסט נישט צי ס׳איז שרעק, צי געוויין —
און בלויז די יונגען פון דער וואַליע אַליין

קענען אַזאַ מילדן, רינדערן טרויער פאַרשטיין.
האָב רחמנות גאָט, אויף די שאָף און רינדער,
וואָס פאַלן לעבעדיק אין זייערע הענט אַריין!

ב.

מ׳קען קיינמאָל נישט פאַרשטיין דעם אומעט פון אַ פויער,
ווען ער בלייבט נאָכן יאַריד פאַרנאַכט אין טרויער.
איז אַמאָל אַ דאָרפס־ייד מנהדיק אַזוי פאַרבליבן,
ווען ער האָט זיין לעצטע קו אויפן יאַריד געטריבן
און זי מיט אַ ציטריק געוויין צום קצב אָפּגעגעבן.
ר׳האָט זיך מיט דער קו, ווי מיט אַ מענטש, געזעגנט
און שטום זיינע טרערן פון די אויגן געלאָזט.
מיט געוויין האָט ער דאָס ביסל אָרעם־געלט געציילט
און אַזוי פאַרבליבן אַן אומעטיקער ייד נאָכן יאַריד.
ר׳ איז נישט, ווי להבדיל דער גוי, אין אַ שענק אַריין
פון גרויס עגמת־נפש די בהמה צו פאַרטרינקען,
נאָר איז אַ געבראָכענער צו ר׳ שלמה לייבעלען אַוועק,
ווייל ר׳ איז אַליין אַ ייד פון גמרא, פון זוהר,
וואָס האָלט ביי זיך אין דאַרף אַן איידעם אַ לערנער —
און אָקערט דאָס פעלד מיט פרומקייט, מיט בטחון
און לעבט אַזוי אַ דאָרפס־ייד — אַן אַ יידישן שכן.

און פאַלט אַמאָל אַזאַ ייד אַריין צו די וואָליע־יונגען,
גיבן זיי אים טרייסט און אַ גרויסן מקח דערצו.
די אויגן פון דעם יידס בהמה בינדן זיי צו
זי זאָל נישט מאָגערן און אָפּפאַלן פון בענקשאַפט.
כאָטש די יונגען פון דער וואָליע האָבן טאַטעס,
וואָס שטייען מיט פיאַקערס ביי דער באַן —
האָבן זיי אָבער ליב אַזעלכע פרומע דאָרפס־יידן.

און זייער האַרץ קען אַמאָל ווערן פול מיט רחמים,
זיי זאָלן די קו פונעם ייד אָפּפירן צוריק אין דאָרף
און זי צובינדן צו דער שטאָל אינמיטן דער נאַכט,
מ׳זאָל מיינען אליהו־הנביא האָט זי צוריק געבראַכט.

ג.

ווי אין יעדער שטאָט פון גרויסן האַנדלס פּאַרקער,
האָט ריישע פּראכטערס, טרעגערס און שפּיליטערס
וואָס פירן לאַסטן סחורות — אַהין און אַהער.
די שטאָט שטייט צו מערב, וואו די זון פאַרגייט.
דער וואָקזאַל איז הויך, דער באַנהויף ברייט;
און די ציגער שיידן זיך, גייען זיך פאַנאַנדער:
אַ שטרעקע צו לעמבערג, אַ שטרעקע צו קראָקע
און ביים זייט — אַ שטילער שטראָז קיין יאַסלע.

די סקלאַדן, די מאַגאַזינען ציען זיך ווייט
מיט אָנגעוואָרפענע סחורות פון אַלערליי שטעט;
קאַסטנס, פעסער, היטל־צוקער און שניט,
וואָס שטייען און וואַרטן פאַר שפּיליטערס גרייט.
פון די ברענענדיקע, הייסע טעג ביי דער באַן,
ברעכן זיך האַרט די קליידער פון די טרעגערס
און צעפאַלן פון צענאַגלטע קאַסטנס און באַלן —
זייערע פּנימער זיינען תמיד בלוי פון ביילן.

שפּיליטערס זיינען פּראָסטע, שטאַרקע יידן,
וואָס וואוינען אַ ביסל אָרעם, אַ ביסל לייטיש
אין טעפּער־געסל, אין די ליימיקע שטיבער.
שבת פּוצן זיי זיך אויס אין בגדי־מלכות:
מיט געשטרייפטע הויזן און לאַנגע פּראַקס;

מיט צילינדערס אויף די קעפּ, אין האַרטע קראַגנס,
און האַלטן זיך שטייף, שטרענג און אָנגעבלאָזן,
מען רופט זיי — די דאַטשן פון שולעכל.
אינמיטן שבת רייסן זיי זיך צו דער וואָך
און קענען נישט רוען, נישט אַרומגיין לער —
פירן זיי אויפן פעלד אַרויס פּאַשען די פערד
און זעען צי גאַנץ איז דער וואָגן, די שטאַל.
אַזוי פּטרן זיי דעם לאַנגן, זומערדיקן שבת,
ביז מען מעג שוין דעם וואָגן־פערד שפּאַנען.

ד.

בחורים פון הויכן יחוס און פרומען שטאַם,
רעדן אויפן טעפּער־געסל כמעט צום גראַם.
זייער לשון־הרע אויפן געסל איז אַזוי צו זאָגן:
אויף פּרעהן האָט גאָט געשיקט די עשר־מכות;
צום טעפּער־געסל די געבאָטן פון די לוחות:
אויפן זיבעטן טאָג זאָלן די פּורמאַנעס רוען,
די שפּיליטערס זאָלן שבת קיין מלאכה נישט טאָן,
באַלעגאַלעס זאָלן שבת זייערע פערד נישט פּאַשען,
די זין זאָלן זייערע טאַטע־מאַמעס נישט קאַפּען;
די האַנטוועדקערס זאָלן נישט מזנה זיין;
די קעשענע־גנבים זאָלן נישט גנבענען,
די בעטלערס זאָלן נישט שעלטן, נישט בענטשן,
די טרעגערס זאָלן נישט גלוסטן צו יענעמס ווייב,
די משרתים נישט צו די דינסטן פון זייערע האַרן. —
אַזעלכע „לוחות" האָבן יחוסדיקע בחורים פאַרטראַכט
אויפן אָרעמען טעפּער־געסל, אַזוי צו זאָגן.

דאָס טעפּער־געסל שטייט אַן טאָג, אָן לאַמטערנס.
מיט בעטלערישן אומעט וואוינען דאָ מענטשן

וואָס זיינען טריב ווי די וואָלקנס, ווי דער האַרבסט.
תמיד זיינען זייערע פּנימער שלאָפלאָז און קאַלט
און ס׳אַרט זיי קיינמאָל נישט קיין רעגנס, שניי.
ווינטן ציען אין זייערע אָפענע קעלערס אַריין
און אויף זייערע פענצטער וואַקסט שימל און מאָך.
פון אַלטקייט נעמען ראַסטיק זייערע רינוועס קלאַפּן
און גיסן מיט פאַרקילטן רעגן אויף די שויבן.

ה.

וואונדער פון טעפּער־געסל איז דער הויכער שבתי.
מקנא זיינען אים שנאָרערס פון גרויס ביז קליין.
שבתי איז נאָבל, טראָגט זיך דאַטש־געקלייד,
ער איז דער קליגסטער פון אַלע ריישער אָרעמעלייט.
היות ווי ר׳האָט שוין אַ וועלט מיט שטעט געררייזט,
בעטלט ער אַנדערש פון אַלע אַנדערע בעטלערס. —
ער גייט קיינמאָל נישט אַרום פון אַ טיר צו אַ טיר;
שטרעקט קיינמאָל נישט אויס זיין האַנט נאָך נדבות,
נאָר שטעלט זיך פאַר געוועלבער דערציילן מעשׂהס:
אַז ער האָט שוין אין פּאַריז ווייַן געטרונקען;
אין די בערלינער ביר־האַלן שוין געזונגען;
אין דער פּראַגער אַלטער שול שוין געוועזן
און אין ווין דאָס גרויסע „ריזנראַד״ שוין געזען. —
וואונדער אַזעלכע דערציילט ער פון דער וועלט
און מ׳וואַרפט דערווייל אין זיין צילינדער געלט.
כאָטש מ׳ווייסט אַז שבתי האָט אַלץ אויסגעטראַכט,
האָרכט מען זיינע מעשׂהס געשפּאַנט ביז פאַרנאַכט.

פאַר דער שטאָט איז שבתי אַליין אַ מעשׂה.
שטענדיק פּאַסירט מיט אים נסים־ונפלאות.

פאַר אַ מענטש וואָס קען זיך מיט פראַנץ יאָזעף אפילו,
איז דאָך נישט שייך ווי ער קען צו גראַפן אַריינקומען ?
בפרט נאָך ווען שבתי רעדט פויליש און אַ ביסל דייטש
און פון ריישע צו פּאָטאָצקין איז אין ערך נישט ווייט.
פאָרט טאָקע שבתי צום גראַף אַריין פון צייט צו צייט ;
שבתדיק פאַרדיסן — און דייטשמעריש געקליידט ;
אין לאַנגן, שוואַרצן פראַק, אויפן וועסט די קייט ;
אין האַנט דעם שטעקן, דעם צילינדער אין אַ זייט
און ס'בערדל — אַלא אויסלענדער פאַרקעמט.

אַזוי פאָרט שבתי אַליין צום גראַף פּאָטאָצקי אַריין.
און וואָס דערציילט שבתי יאָ, און וואָס דען נישט,
ווען ר'זיצט שוין מיט פּאָטאָצקין ביים זעלבן טיש ?
אָ, דעמאָלט פירט ער צונויף די ערד מיטן הימל
און האַלט דעם גראַף ערנסט, טיף און פאַרקלערט.
פריער לויבט ער אים געגעדיק און געהאַרכזאַם ;
דערציילט ווי געשעצט ר'איז ביי די „זשידעס",
און דערנאָך רעדט ער וועגן זיין ביטער מזל :
אַז גאָט האָט אים אַ ווייב אַ געווינערן באַשערט
וואָס האָט אַ טבע צו געבן יעדעס יאָר אַ קינד ;
גאַנצע צוועלף — און אַלע זיינען ב"ה געזונט.
נאָר נאָקעט, לאַ־עליכם, איז ער ווי די נאַכט ;
טעג, — די קינדער האָבן קיין יאַכל נישט געהאַט.
דער גראַף האָרכט, באַפעלט, דער דינער פאָלגט
און שבתי פאָרט אַהיים מיט אַ האָן, מיט קרויט ;
מיט פוטער, מיט אייער און מיט ווייצן־ברויט ;
מיט כל־טוב פון גראַף פּאָטאָצקיס הויף.

ז.

אָן שבתין איז ריישע, ווי קהל אָן אַן אתרוג.
וואו איז ער יאָ און וואו איז ער דען נישט ?

אַ לוויה, צי אַ שמחה קען אַן אים נישט זיין.
מאַכט ר׳ שלום ראַזנוואַסער חתונה אַ טאָכטער,
שיקט מען שבתין אַרויס פאַרבעטן די שטאָט
און מען הייסט אים אויסרופן אַלע אָרעמעלייט,
שרייט טאַקע שבתי אויפן קול איבערן מאַרק:
— רבותי, קבצנים לאָזט אייך הערן און דינעו!
ר׳ שלום ראָזענוואַסער, דער גרויסער שניט־סוחר,
פאַרבעט אַלעמען אויף דער חתונה פון זיין טאָכטער;
ביר און גענדזנס, בולקעס מיט געפילטע פיש,
וועט זיין געגרייט לרוב, אויף אַ באַזונדערן טיש.
די שטאָט וועט קלינגען, די שונאים וועלן פּלאַצן,
און מ׳וועט טאַנצן ביז טאָג, קלאַפּן אין די טאַצן.
איך — טאַקע שבתי אַליין, וועל זיין דער בדחן.
כ׳וועל זיך אָנטאָן אַ שווערד, האַלטן שלאַכטן
און וועל אַלעמען מאַכן צום וויינען, צום לאַכן.
רבותי יידן, אָרעם צי רייך, קינד און קייט —
קומט אַלע היינט צו ר׳ שלומס גרעסטע פרייד,
מען וועט טרינקען און פרעסן צעזעצטערהייט!

אַפילו אויף לויהס פילט זיך שבתי היימלעך.
מעג ער זיצן באַן אַ מת בייטאָג צי ביינאַכט,
קלאַפּט קיינמאָל נישט זיין האַרץ פון שרעק.
גאָט, די בייזע שעה זאָל נישט זיין,
ווען ס׳דאַרף אַמאָל ליגן אַ בר־מנן אַליין;
די ליכט טאָרן ברענענדיקע אַליין נישט שטיין,
דעמאָלט שיקט קהל נאָך שבתין גיך אַהיים —
ער זאָל איבער נאַכט ביים מת פאַרבלייבן.

מאַכט זיך אַמאָל פון אַ קימפּעט אַ קינד אַ טויטס,
טראָגט עס שבתי ביינאַכט אויפן קברות אַרויס.
אַ שניי פאַלט, אַ זאַווערוכע דעם וועג פאַרבלאָזט

און שבתי מיטן קעסטעלע גייט אָפּ פון שטאָט.
אין אַזאַ שעה איז ער די חברה־קדישאַ אַליין;
דער קברן וואָס בלייבט צווישן די מצבות שטיין.

און שטאַרבט אַ נגיד וואָס האָט קאַרג געלעבט,
פירט שבתי מיט אים חשבון אַפילו נאָכן טויט.
ר׳הייסט קהלן אויפן מת ליגן אַ הויכן פּרייז:
אַן עושר וואָס האָט ביים לעבן נישט געגעבן,
זאָל כאָטש קהל פון אים טויטערהייט נעמען.
און ס׳איז רעכט שבתי זאָל ס׳מת נישט רירן,
און פאַר דער שטאָט דאָס מת פאַרשעמען
ביז מען וועט נישט צאָלן ברייוח צו קהלן.

ז.

מאַמעס פון טעפּער־געסל און פון רויזנגעסל,
האָבן שטענדיק אין אַמעריקע זייערס אַ קינד,
אַ סך וואָס האָבן פון חרפּה די שטאָט פאַרלאָזט
און זיינען דאָרט פאַרפאַלן געבליבן אָן אַ וואָרט.
אָבער די וואָס זיינען איבערן ים אַוועק פון נויט,
שרייבן טאָקע בריוו, שיקן אויף נדן, אויף ברויט —
און די מאַמעס רימען זיך פאַר זייערע שכנים;
שטאָלצירן און שעמען זיך נישט פאַר קיינעם.
טעכטער שיקן זיי פאָטאָגראַפיעס מיט די מענער,
מ׳זאָל זיי זען אויסגעפּוצט אין זייד, אין דיאַמאַנטן;
אין הויכע, זאַטע בוזימס אין ברייטע היטן.
אויפן בילד שטייען זיי שטייף און אָנגעבלאָזן
און זעען אויס ווי פּרינצעסנס, ווי פּרינצן. —
טאַטע־מאַמעס קוועלן־אָן פון די רייכע פאָטאָגראַפיעס
און פון פרייד בלייבן טרערן אין זייערע אויגן שטיין.

אין שבתים גאָס וואוינען טרעגערס, קעשענע־גנבים.
זיי זיינען מער אויף וואָקזאַלן, ווי אינדערהיים,
פאַרטאָג קומען זיי אין שטוב איבערשלאָפן;
שעלטן דער מאַמע, דעם טאַטן, די שוועסטער
און לאָזן זיך צוריק אַרויס אויף גאַטס הפקר.
זיי האָבן ווילדע מעסערס און פלינקע הענט
און קענען אין קרימינאַל ברעכן די שטאַרקסטע ווענט.
אַז מען פירט זיי אין גאַס געקייטלט און פאַרשעמט,
לאָזן זיי צו דער ערד די פנימער אַראָפּ, ווי געלעמט.
זייערע מאַמעס ברעכן די פינגער, בעטן רחמים,
מען זאָל זייערע זין כאָטש דאָס מאָל פאַרגעבן.
גאָט, אַ מאַמע פון אַ גנב וויל בעסער ווערן בלינד.
איידער צו זען ווי מען פירט געקייטלט איר קינד!

און וואָס קען נעבעך טאָן אַ מאַמע פון אַ גנב
זי זאָל דאָס פנים פאַר מענטשן קענען ווייזן?
טוט זי וואָס אַלע מאַמעס פון טעפּער־געסל
און שרייבט צו איר טאָכטער קיין אַמעריקע:
— „שפּרינצע, טאָכטער מיינע, ווי גאָט איז דיר ליב!
כ׳ווייס ווסעט האָבן צער ווען ווסט דאָס לעזן.
מיינע אויגן וויינען, ס׳ברעכט מיר דאָס האַרץ,
האָב מיטלייד אויף דיין אַלטן, קראַנקן טאַטן.
ס׳איז אַ חרפּה, אַ בושה דיר דאָס צושרייבן,
כ׳קען פון שאַנדע אין גאַס זיך נישט ווייזן.
איך גיי־אַרום אין וויטיק און אין שפּאָט —
יאָסקע זיצט שוין ווידער אין מאַגיסטראַט.
קהל וויל אים פון דער שטאָט פאַרטרייבן
און כ׳קען אים מער אין שטוב נישט האַלטן.
דאַרום, שפּרינצע מיינע, האָב גאָט אין האַרצן,
שיק נאָך יאָסקען, נעמען קיין אַמעריקע אַראָפּ.
ר׳איז שטאַרק און וועט זיך אַ מלאכה לערנען

און וועט אפשר דאָרט מיט לײַטן ווערן גלײַך.
טאָכטער מײַנע, האָב רחמנות אויף דער מאַמען
און זע זאָלסט אַ שיפסקאַרט נישט פאַרזאַמען.
כ׳קוש דיך מיט טרערן פון אַ צעבראָכן האַרץ
דײַן עוויגע מוטער".

# שטאָט און פעלד



## א.

אין די ריישער פֿאַרנאַכטן נאָך ספירה,
ווערט בלוי די שטאָט צווישן הימל־ערד.
דאָס פעלד ווערט אָוונטיק, קיל און טיף,
און לאַנגזאַם, שווער — פון צופיל פּאַשע,
גייען מיט זאַטע אייטערס אַרום די קי.
די לאָנקעס ווערן אומעטיק, רייף און ברייט —
און די קאָרן־פעלדער און די ווייצן־פעלדער,
בויגן זיך מילד — ווי סאַמעט אין ווינט.
פוילנס דורותדיקער טייך דער ווייסל,
רוישט אונטער דער לעמבערגער בריק.

דער ווייסליק ווערט פליטקע אַלע פֿאַרנאַכט —
און יינגלעך לויפן אַהין זיך באָדן ווילד;
שווימען דורך דער ברייט צו יענער זייט
און שניידן דעם שטראָם אַרויף צו דער בריק,
צו קענען דערנאָך שווימען „נאַזנאַק" צוריק.
טאַטעס שטייען נאַקעט און נאַריש אויסגעטאָן;
באָדן זיך ווי די קינדער, שפּאַסן מיטן וואַסער —
אַ תחום־פעלד פון די מאַנסבילן אָפּגערוקט,
באָדן זיך מאַמעס אין העמדער, כאָטש מען זעט.

ביינאַכט ווערט דער זומערדיקער שפּאַציר דאָ —
אַביסל פרעך, אַביסל שטאָטיש און פֿאַרבענקט.
זעלנער, שיקסעס, פאַרגייען צווישן קשאַקעס ווייט,
און פּראָסטע יינגען רעדן שעמעוודיקע רייד.

סטודענטן מיט סטודענטקעס שפּאַצירן ברייט.
דער הימל, די שטערן בלויען און גליען
און עס פלאַטערן די הערצער וואָס ציען
אין דער גרינער צאַפּלדיקער נאַכט אַריין.
עס שמעקן זאַנגען מיט אויפגייענדיקן היי,
און וואַרעם, בלאָס שטייט די לבנה ווי בליי.
אויפן וויסליק טראָגן זיך קולות פון ייִנגען,
וואָס קענען אַפילו אין דער נאַכט אַריין שווימען,
כדי דערנאָך פאַר דער שטאָט זיך צו קענען רימען.

ב.

און דאָס זיינען די ייִנגען פון דער דריקעראָווקע,
פון טאַטעס וואָס קנעטן ציגל און מאַכן קאַכליעס;
פירן פונעם וויסליק ליים פאַר דריקערס ציגעלניעס.
ייִנגען פון דער דריקעראָווקע גייען אין שקאָלעס
און לערנען אַפילו אין די העברעע „ווידזשאַלאָוועס“.
ווינטער גייען זיי אין סאָציאַליסטישע פאַראייִנען,
די ביכער פון קאַרל מאַרקסן צו קענען לייענען.
די וואָס מען קען אין די גימנאַזיעס נישט שיקן,
שטודירן אַליין, גייען אַרבעטן אין די פאַבריקן.
שבת־נאַכט גייען זיי אין פאַראיין פון יד־חרוצים,
לערנען מיט האַנטווערקער דעם סאָציאַליזם.
זיי לייענען פוילישע גאַזעטן, טראָגן גריוועס האָר
און זיינען גרייט צו גיין דורך פייער און דורך וואָר.

זומער, אויפן פעלד — אינמיטן דער וועלט,
לערנען זיי זיך אין גרויסע ווינטן לויפן
צו קענען פאַרכאַפּן די גרויסע ערד.

מיידלעך מיט מענערישן ברען, מענערישן שיק,
עסן טרפות, שלעפן זיך מיט די יינגען אָרום —
שטאָלצירן און האַלטן זיך אינטעליגענט;
טראָגן רימענס אויף די לענדן, ביכער אין די הענט,
און שפּאַנען איבער גאַסן מיט זיכערן גאַנג.
שטרענג זיינען זיי לויט מאַרקסן און לאַסאַל —
און זיינען גרייט צו גיין ביזן לעצטן מענטש
איינצעמען פוילנס ערד — די ווייטע, רייכע שטעט.
און זיין וועט ווי ס'איז אין דער „שבועה" פאַרשריבן:
„ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט,
אַלע וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט!
צוזאַמען, צוזאַמען אונדזער פאָן — זי איז גרייט..."

און פעלקער — ווייסע, געלע און שוואַרצע,
וועלן אויפשטיין פון קעלערס, פון בוידעמער,
און זיך פאַרזאַמלען דאָס בלוט צו געבן
פאַר דער פרייהייט פון „שמאַכטנדע־קנעכט".
מען וועט גיין מיט דער „פרייע־פאָנע" —
און נאָכגיין וועלן געזינדער מיט רינדער
איינצעמען וואָקזאַלן, גיטער און שלעסער.
די וואָס וועלן פאַלן פון פייער, פון שווערד,
וועלן פון „אַרבעטס־מאַכט" ווערן הייליק פאַרערט
און וועלן בלייבן אין דער געשיכטע ווי די קינדער,
וואָס זיינען פאַר דער פרייהייט געגאַנגען שטאַרבן.

ג.

אַז דער תמוז־פאַרנאַכט פאַלט אויף דער שטאָט
און עס שמעקט וואַרעם גרינער געשניטענער היי,
יאָגן זיך יינגלעך איבער גאַסן ווילד און פריי

און מושטירן זיך, שפּילן זיך אין מיליטער.
מען מאַרשירט ווי רעגימענטן און אָפיצירן,
צו קענען מיט אַנדערע חדרים שלאַכטן פירן.
פאַר אַ באַפעדערט יינגל מוז מען סאַלוטירן.
מען פירט אָן אַן אייגענעם רויטן־קרייץ;
ווייל צו האַלטן מלחמה איז מען גרייט;
זיך פאַרמעסטן שטאַרק מיט יענעמס חדר.
אַז מען רופט צוהילף די יינגען פון דער וואָליע,
דינגען די אַנדערע — די יינגען פון רושקאָוויעש
און מ׳פירט דאָס געשלעג אויף דער מיקאָשקע אַרויס
ווייל דאָ איז דער וועג ליימיק, הפקר די גאַס.
מען שלאָגט זיך מיט שטיינער, מיט פּיקעס —
ביז מען בלוטיקט. ביז מען גיט זיך אונטער.

יינגלעך פון טאַטעס — בעל־מלאכות,
ברענגען מכשירים פונעם ווערקשטאַט צושטייער:
אַ סטאָלער־יינגל ברענגט געשניצטע פּיקעס;
אַ שלאָסער־יינגל — שאַרף־געמאַכטע באַיאָנעטן;
אַ רימער־יינגל — לאַנגע פויערישע בייטשן,
און אַ בעדנער־יינגל — רייפן אויף צו וואַרפן.
קינדער פון רייכע הייזער און גערטנער,
מוזן לאָזן קאַסערנעס אין זייערע הויף מאַכן.
אויף חדר־לשון — הייסט דאָס חדר־שלאַכטן.
די זון צו מנחה איז נאָך לאַנג און רויט
און די ערד אונטער די באַרוועסע פיס בריט.

זומערדיק און זאַט שטייט די שטאָט פאַרנאַכט.
ביי די רינשטאָקן בליען ביימער, קאַשטאַנעס קיל,
און בלעטער, צווייגן בויגן זיך רייף און גרין.
שאָטנדיק פאַר די הייזער זיצן אַלע מאַמעס מיד
און זיינען באַרעדעוודיק און זיינען אומעטיק.

יינגלעך וואָס האָבן נאַר־וואָס שלאָכטן געפירט,
זיצן אָנגעלענט אויף זייערע מאַמעס שויסן
און זיינען פאַרטראַכט אין זשאַנדאַרן־גנבים;
אין וועלדער וואו עס האַלטן זיך אויף גזלנים.
די וואָס זיינען מיט וואונדן פונעם חדר געקומען,
וועלן פאַר זייערע טאַטעס שטיין דערשלאָגן
און דערציילן — אַז הינט האָבן זיך אויף זיי אָפּגעריסן.
דאָס יינגל ביי דער מאַמע זיצט נעבעך אין שרעק
און קוקט אומעטיק און שטום צום פאַרנאַכט אַוועק.

גאָט, פאַרוואָס לאָזטו דאָס יינגל בענקען פאַרנאַכט,
פאַרוואָס לאָזטו אים זיין אַזוי טרויעריק פאַרנאַכט?
עס ציט אים צו קינאָ אוראַניאַ, צו קינאָ אָלימפּיאַ;
אַ, ווי ער וויל זען „קוואָ־וואַדיס“, „די ווילדע וועסט“;
די פילם פון שטאַרקן, פלאַמיקן „האַמונקולוס“,
וואָס איז געבוירן געוואָרן פון אַ כישוף־גלאָז.
אַ פאַרבאָרגענער לייענט ער געשפאַנטע מעשהס:
ווי אין אַ באַלון פליט אַרום שערלאָק־האָלמס,
ווי ער פאַלט אויף אַ דאַך פון אַ רויבערס הויז
און פאַרשווינדט פלינק דורכן פענצטער אַרויס.
דאָס זיינען דעם יינגלס פאַרבענקטע מעשהס, גאָט —
לאָז אים קיינמאָל נישט זיין טרויעריק פאַרנאַכט.

## ד.

אין אַזעלכע פאַרנאַכטן קומען מאָדנע יידן אָן.
זיי טראָגן דאָרפישע בערד, גרויסע בלאָטיקע שטיוול;
צעשפּריצטע פאָלעס אין זייערע גאַרטלען פאַרשטעקט, —
און ווערן קיינמאָל נישט מיד איבער הייזער צו גיין.
זיי האָבן נישט קיין ווייבער און נישט קיין שטיבער —

די טאָרבע איז זייער היים, די קלויז־באַנק דאָס געלעגער
און זיי פילן זיך אין אַלע שטעט טרויעריק און פרעמדער.
אַזוינע אָפּגעריסענע יידן מיט משוגענע געזיכטער.
שטענדיק שרייט פון זייערע אויגן אַ געוויין אַרויס
און מיט טרערן פאַרלויפן זייערע האַרטע בערד.
אַפילו שטאַרבן — שטאַרבן זיי אין דער שטיל;
גייען אויס אין באָד, צי אין פּאַליש אויפן דיל.
און קהל פאַרענטפערט זיך און קהל זאָגט,
אַז צום טויט האָט זיי געטריבן אַ דבוק,
וואָס איז אַרויס פון אַ פאַרשאָלטענעם זיווג.
און היות ווי עס איז גרויס דער ריישער בית־החיים,
איז קהל שטענדיק מקבר די מאָדנע, פרעמדע מתים.

ה.

און נאָך מאָדנע יידן זעט מען אין ריישע פאַרנאַכט.
זיי ווערן סמוטנע און מנחהדיק ווען די זון פאַרגייט.
מען זאָגט זיי זיינען געשטאַלטן פון למד־וואָווניקעס —
אַז די שקיעה ציט ביסלעכוויז פון דער שטאָט אָפּ,
צינדן זיך־אָן זייערע פרומע בערד שאַרלעך־רויט
און מען ווייסט נישט צי עס איז בראַנדז, צי ליים.
זיי פאַרקלויבן זיך שטיל אין די בתי־מדרשים
און האַלטן זיך ווינקלדיק, דורותדיק און בלוי;
אָפּגעריסענע, צעקנייטשטע גרויע יידן — אַזוי.
מיט פרומקייט אין די פּנימער, אין די הענט,
שווייגן זיי מיט די אויגן צו די קלויז־ווענט
און דריקן עפּעס אַ ספרל קבלהדיק צום העמד.

מען זאָגט אַז זיי גייען אַרום איבער דער וועלט
ווי האַלץ־העקערס, ווי וואַסער־טרעגערס פאַרשטעלט —

און שפּרייטן מעשים־טובים פֿאַרבאַרגענערהייט.
אינמיטן טאָג גייען זיי בעטלען איבער דער שטאָט;
שלאָגן מיט זייערע פיס אָן אַ יעדער יידישן הויז,
און זאַמלען נדבות פֿאַר אָרעמע באַהאַלטענע כלות.
אין קלויז רעדן זיי קיינמאָל צו קיינעם נישט
און מען זעט זיי נישט עסן און נישט שלאָפן —
אַפילו לערנען — לערנען זיי נישט בצבור,
נאָר האַלטן זיך פרעמד ווי שבטים פון מדבר.

אַזעלכע „פּשוטע" יידן — צווישן הימל און ערד,
אויף זייערע ליפּן ליגט די שכינה פֿאַרקלערט.
מען ווייסט נישט אַז זיי זיינען הייליקע געשטאַלטן;
יידן אַזעלכע — אין פּראָסטע קליידער באַהאַלטן.
אין בעטלערישע קליידער, אין שמאַטעס געהילט,
זעען זיי שטענדיק אויס הונגעריק, בלאַס און מיד —
און זעען אויס פרעמדער פון אַלע פרעמדע שטעט.

פרייטיק־נאַכט פֿאַר דער קלויז, פֿאַר דער שוועל,
שטייען זיי מיט די אויגן צו די ליכט — העל,
און באַזאָרגן יידן מיט אורחים אויף שבת.
אויף זיך זאָגן זיי, אַז זיי האָבן שוין וואו צו עסן
און לאָזן זיך צו קיינעם נישט פון אימיצן פֿאַרבעטן,
נאָר פֿאַרבלייבן פון אַלע אורחים — דער לעצטער ייד.
דער לעצטער ייד — נאָך קבלת־שבת אין קלויז,
נעמט קאָרגן לחם־משנה פון דער טאָרבע אַרויס
און זאָגט שלום־עליכם און מאַכט קידוש שטיל.
פון אַלע לייכטער פלאַמען קנויטן אויף־און־אָפּ
און די שאָטנס פון חלב צאַפּלען אויף די ווענט.
צום ארון, צו די כרובים קוקט דער לעצטער ייד
און גייט צו נאָענט, רירט־אָן דאָס פרומע פרוכת —
עס שווייגן די שויבן, דער ייד, דאָס ארון־קודש.

ער בלעטערט אַ ספר און עס שאַרכט יעדער ריר
און נאָך אַזאַ ייד באַווייזט זיך פאַר דער טיר.
איינער פאַרן אַנדערן וויל זיך נישט אַנטפּלעקן,
נעמט די קלויז פון ביידנס שטומקייט שרעקן.

ו.

אַנדערש איז דער שבת זומער נאָכן עסן.
שטיל און לער שטייען די הייזער, די גאַסן.
אויפן מאַגיסטראַט־זייגער וואָרקען די טויבן,
און זאָט שלאָפן אַלע חסידישע שטיבער.
יינגען־משרתים און יינגען־האַנטווערקער,
גייען שפּילן ביליאַרד אין קאַפע־הייזער.
מען טשאַטעוועט אויף „דינסטן" פאַר שוועלן;
מען רויכערט פאַפּיראָסן ווי שטאָלצע געזעלן.
די וואָס ווילן זיין מיט לייטן גייען אין פאַריינען
און לערנען זיך דאָרט שבת שרייבן און לייענען.
אינעם פעלד בליען גרינע, זוניקע קאָלירן
און אויף לאָנקעס גייען ציוניסטן שפּאַצירן;
טראָגן מיט זיך גאַזעטן, די ביכער פאַרריסן,
מען זאָל שעצן און אַכטן זייער הויכן וויסן.
שבת קריגן זיי זיך תמיד מיט סאָציאַליסטן;
שרייען אויף יידיש, שרייען אין העברעאיש,
אַז טעאָדאָר הערצל איז גרעסער פון לאַסאַל —
מיט ברען ענטפערן צוריק די סאָציאַליסטן:
לעבן זאָל מאַרקס און דער אינטערנאַציאָנאַל!

— — — — — — — — — — —

די הימלען בלויען און די פעלדער גרינען
און ס'טראָגן זיך לידער פון די בערג, פון די טאָלן:
„אין וועלדל ביים טייכל דאָרט זיינען געוואַקסן"...

און הויך און שטאָלץ זינגען די געזעלן:
„אָ, גוטער פריינט, ווען איך וועל שטאַרבן,
טראָג צו מיין קבר צו די רויטע פאָנע...“

אומעטיק ווערט דער שבת ווען די זון פאַרגייט.
די שטאָט שפּאַצירט ביז דער הימל ווערט גראָ,
ביז די שויבן טונקלען, ווערן פאַרנאַכטיק־בלאָ —
און טרויעריק איז צו זיין אַ מאַמע אין אַזאַ שעה,
אַ מאַמע — צווישן מנחה און גאָט פון אברהם.
דער שבתדיקער טאַטע איז צו שלוש־סעודות אַוועק
און אויפן טיש ליגן נאָך צעוואָרפן זיינע ספרים;
די פאַרבליבענע שאָלעכצן פון די שבת־אויבסטן,
צו די טישטוכער צוגעטריפט שטייען די לייכטער.
און מאַמעס און באָבעס קוקן דורך די פענצטער;
קוקן די אויגן אויס נאָך אַ וואַכעדיקן שטערן,
די פלאַמענדיקע הבדלה פון „גוט־וואָך“ צו הערן.
ס'איז אומעטיק צו זיין אַ מאַמע ביי די שבת־שויבן.

ז.

ריישע ווערט אַלעמאָל טרויעריק פאַרנאַכט.
אין תשרי שרייט דער וויסליק הינטער דער שטאָט
און גיסט אַפילו אַמאָל אויס איבער די ברעגן.
ביי טאָג גלוסט ער נאָך רעגן, נאָך ווינט ביי נאַכט.
דאָס וואַסער רוישט מיט אימה, ציט און שלאָגט,
און יידן בעטן עס זאָל נישט אויסגיסן אין שטאָט.
אין סכנה פונעם „מבול“ לאָזן זיך שווימערס אַרויס
און שטעלן זיך איין די הויכע וואַסערן צו צוימען.
אין שווימען ווערן זייערע לייבער פון קעלט רויט,
נישט צו לאָזן שטאַרבן די שטאָט פון אַזאַ טויט.

איז אַמאָל אַזאַ רעגנדיקע פאַרשווימונג געווען,
אַ צאָרן האָט ממש ווי פון הימל אויסגעגאָסן.
דער ווי‍סליק איז איבער די ברעגן אַריבער;
די האַרבסטיקע סוכות־ערד פאַרפּלייצט אין פעלד
און אַפילו האַלב אינמיטן שטאָט זיך געשטעלט.
יידן זיינען דעמאָלט אין שרעק אַריינגעפאַלן;
באַבעס האָבן ליכט געצונדן, תהילים געזאָגט
און אַוועק אויפן גוטן־אָרט קברים רייסן.
גאָט האָט צוגעזאָגט, גאָט האָט געשוואוירן
מער קיין מבול אויף דער וועלט נישט צו ברענגען,
איז פאַר וועמען דאַרף איצט אַפּקומען די שטאָט?

דאָס וואַסער האָט געריסן די ערד דריי טעג נאָכאַנאַנד,
הייזער האָבן זיך אונטערגעגעבן ווי ליים, ווי זאַמד.
די סכנה איז געווען גרויס, פאַרפּלייצט יעדעס הויז —
און קעלערס זיינען אין פאַרקילטע וואַסערן געשטאַנען.
מען האָט מאַמעס מיט קינדער פון שטאָט אַרויסגעפירט,
עס זאָל חלילה צו קיין מגפה נישט אויסגיין. —
אויף די וואַסערן זיינען געשוואומען אויסגעריסענעביימער;
טירן, ברעטער, פענצטער — און פערד פון די שטאַלן.
געפלויגן זיינען גענדז, הינער און געשטאָרבן באַלד —
ווײ איז צו די אויגן געווען וואָס האָבן דאָס צוגעזען.

און אַזוי האָט געפלייצט די ערד דריי טעג נאָכאַנאַנד;
אָפּגעריסן די שטאָט פון באַנען און פון גאַנצן לאַנד.
אַז די וואַסערן האָבן געמינערט און האָבן אָפּגעצויגן,
זיינען די פלאַכן געבליבן ווי ליים, ווי גריבער — געל.
טויטע הינער האָבן זיך געוואַלגערט אויף יעדן וועג,
ווי נאָך אַ מבול האָבן זיך געשטעלט טרויעריקע טעג.
די ידיעה האָט זיך אומעטום ווי אַ לעגענדע פאַרשפּרייט
און געפאַלן איז די זאָרג אויף סטאַראָסטווע, אויף קהל,

דעם הונגער צו שטילן וואָס האָט אויסגעבראָכן מיטאַמאָל.
פויערים האָבן תבואות אַנגעשלעפּט צו פאַרקויפן גרייט,
און מען האָט פּוטער, אייער פון זייערע הענט געריסן
און געצאָלט אַ הויכן פּרייז פאַר יעדן קאַרגן ביסן.
מען זאָל, רחמנא־לצלן, פון אַזאַ צאָרן מער נישט וויסן.
געפאַלן זײַנען קללות אויף די וואָס האָבן זיך געשמדט,
אויף די וואָס פאַר זייערע זינד קומט־אָפּ די שטאָט:
דער ווײַסליק גיסט אויס, רײַסט די ערד טעג נאָכאַנאַנד
און הײַזער גיבן זיך אונטער ווי ליים און ווי זאַמד.

ח.

אַז עס רעדט זיך פון וואַסער, דערציילט זיך פון שׂרפֿה.
פאַר זייער שמד באַצאָלט האָט די משפּחה הערץ טייער.
זייער שענק אויף די „בודעס" איז אַוועק מיטן פײַער.
געשטראָפט, זאָגן ייִנגלעך, האָט זיי גאָט אַזוי:
אָנגעצונדן זייער שענק האָט אַ שד בײַנאַכט,
דער בראַנד האָט די „בודעס" אַרומגעכאַפּט
און זייער טאָכטער אינמיטן שלאָף פאַרברענט,
ווען דאָס פײַער האָט אָנגערירט איר העמד.
די שׂרפֿה איז אַרויס אויפן לעמבערגער וועג;
אַרײַן אין וואַלד וואָס איז אָן רעגן געוועזן טעג
און פון טרוקעניש דאָס פײַער צו זיך געצויגן.
ביימער האָבן זיך אונטער די פלאַמען געבויגן
און זײַנען ברענענדיק אין קלאָפּטערס געפאַלן.
אַזוי ווי מ׳האָט די פאַרפלייצונג נישט געקאָנט צוימען
האָט מען דאָס פײַער דאָרט נישט געקענט לעשן.
די פלאַמען האָבן העל געזעצט אין דער הויך
און ליאַנעקס שענק איז אַוועק מיטן רויך.
לאַנג אַזוי האָט אָנגעהאַלטן דאָס פײַער

ביז עס האָבן זיך געשטעלט רעגנדיקע טעג
און פאַרלאָשן די שרפה אויפן באַשניער וועג.
אויף די הערץ האָט מען געקוקט מיט שנאה.
זייער יינגל ליאָנעק איז פאַרן חדר געוואָרן טמא.
אויף זייער „באַשניע״ פלעגט מען גיין ל״ג־בעומר,
זיך יאָגן מיט ביקסלעך ווילד אויף זייערעביימער. —
יינגלעך האָבן געטרערט, הערצער האָבן געשניטן,
ווען ליאָנעק צווישן טאַטע־מאַמע — אינמיטן,
איז דורך דער שטאָט געפאָרן אָפן — זיך שמדן.
צעקלונגען האָבן זיך גלעקער ווי אין חגאות,
דאָס אָרעמע יינגל האָט נישט געוואוסט פאַרוואָס.
גלחים צוויי מיט מעשענע בייזע צלמים,
זיינען אין קיטלען פאַראויסגעפאָרן
און די משפחה הערץ געפירט צו שמד.

ו.

אָבל־טעג האָבן זיך געלייגט אויף ליאָנעקס זיידן.
ר׳האָט ביי יידן געבעטן מ׳זאָל אים קריעה שניידן.
זיין פנים האָט געוויינט, זיינע אויגן — געשטומט
פונעם שמד וואָס שטענדיק וועט געדענקען די שטאָט.
פאַרן קלויסטער האָט די באָבע נאַריש זיך געדרייט;
אירע קליידער געריסן, אין די פינגער אַריינגעוויינט
און געציטערט האָט איר פנים אין די הענט אַריין
מ׳האָט נישט געוואוסט צי זי בעט, צי זי שעלט.
די נאַכט האָט העל אויפן קלויסטער זיך צעשפילט,
אויף די געמאָלענע שויבן — מיט ברוינעם ליכט,
און ווי איז געווען דעם ביטערן זיידן דעם ייד.
גלחים האָבן געלאַכט פון דער באָבע מיטן זיידן.
אָ, גיב זיי כוח, גאָט, און שטאַרק זיי ביידן,

מאַך גרינגער זייער ביטערן צער אַצינד,
ווען זיי בעטן אויפֿן טויט פֿון אַ געשמדט קינד!
צו שטאַרבן פֿאַר דער צייט איז זייער געבעט,
ריישע איז געוואָרן טרויעריקער פֿון אַלע שטעט.

# אטלאס
## און
# דויד



## א.

אין דער שבתדיקער ריישער שטאָט,
איז פאַרן ייד מיט דער חסידישער באָרד
אַטלאָס און זייד — דאָס יחוסדיקע קלייד.
מיט ברען גייט מען צום דאַוונען ברייט;
אויף סאַמעטענע וועסטן בלענדט די קייט.
מיט שבת, מיט קדושה בליט די ערד
פון חסידים מיט פלאַטערדיקע בערד:
פון יידן הויכע מיט טרויעריקע אויגן,
פון יידן שטילע מיט חכמהדיקע אויגן,
פון יידן ברייטע מיט פייערדיקע אויגן,
און פון יידן מיט לשם־שמימדיקע אויגן.
נגידיש, בטלניש טראָגט מען דאָס מלבוש;
אַ סך, ביזן טלית־קטן אויפגעדעקט;
אַ סך מיט די אַרבע־כנפות נאָכן שלעפּ —
גרויס אימה שלאָגט פון זייערע טריט.

אַז מנחהדיק ווערט דער פרייטיק־פאַרנאַכט,
די שקיעה זעצט זיך ערבדיק אין די שויבן,
וואַרפן חסידים דעם מסחר פרי אַוועק.
זייערע פּנימער ווערן איילנדיק און פרום.
מ׳שליסט די געוועלבן, די לאַדנס, די קראָם
און יעדער ציט אַטלאַסדיק צו זיין קלויז:
עס גייט פּלאָנטש און עס גייט ראָזוואַדאָוו,
עס גייט קאָלאָשיץ און עס גייט בלאָזשעוו,
עס גייט סאַנדז און עס גייט דזשיקאָוו.

די בענטש־ליכט אין אַלע יידישע שטיבער,
ברענען און פלאַמען אויף וואַרעמע טישן.
ווי פאַרמעט ווערן אַלע מאַמעס געזיכטער
און לויטערן אַריין אין קידוש־בעכער.
דורותדיק ווייסלען די הענט מיט שבת,
פון אונטער זייד אַפיר שלאָגן די חלות.
אַ פינקלדיקע שטאָט פון אַלעמענס לייכטער;
אַ בלישק פון מעש, פון זילבער, פון קופּער —
אין די בתי־מדרשים שרייען קבלתדיק די יידן.

ב.

פלאַנטש, דאָס זיינען יידן פון קאַרגן מסחר,
פון לערנען משניותן נאָך יאָרצייטן.
זייערע זין לעבן אין שטעט פון ישיבות;
די ווייבער — אין תהילים, אין מעשים־טובים,
וואָס בעטן פאַר חולאים און רייסן איין קברים.
יידן הויכע, דאַרע און פלאַטערדיקע,
זיינען די חסידים פונעם פלאַנטשער.
זיי רעדן אומרואיק און זינגעוודיק,
ווי זיי וואָלטן פון אַ ספר געלערנט.

ס׳איז סמוטנע אין פלאַנטשערס שטיבל.
אינמיטן טאָג ברענען נאַכטיק די ליכט.
שבת — אויף די טישן טריפן די לייכטער,
און חסידים אין שווערע טערקישע טליתים,
שטרעקן מאָגער זייערע הענט צו די ווענט
און פאַרשרייען מיט שחרית דעם רבין.

שלוש־סעודות, ווינטערדיקער פאַרנאַכט,
אויף די דעכער דער שניי ליגט האַרט —

אין טונקעלן, וואַרעם חסידים־שטיבל,
טאַפּיעט פּראָסט פון פענצטער אָפּ
און רינט פון חסידות, פון התלהבות.
עס שמעקט מיט אַטלאַסדיקן ציטער;
מיט צעגאָסענעם חלב און קנויטן־רויך.
יידן שפּאַרן אָן חסידיש אויף די טישן;
רייסן זיך דעם רבינס תורה צו הערן
און פונעם רבינס מויל טריפט קבלה;
שטילע, פאַרשלונגענע תורהדיקע־רייד.

פונעם פלאַנטשערס שלוש־סעודתן,
ציטערט דער אומעט פון גאָט פון אברהם;
דער בטחון פון אַ מאַמעס שבת־אויגן
פאַר די בלויע תחינהדיקע שויבן.
דביקות, בענקשאַפט און התלהבות,
האַלט עקשנותדיק די שבתדיקע קדושה.
קאַפּיטלעך פון פאַרבליבענע זמירות,
פאַרוויגן טרויעריק דאָס חסידים־שטיבל
און דורך די פענצטער שלאָגט די וואָך
מיט ווינטערדיקע שפּורן פון גאַס אַריין —
אוןביים רבין, ביי די צעהיצטע חסידים,
איז נאָך אַלץ שבת אויף דער וועלט.

אַז דעם פלאַנטשערס הבדלה פלאַמט אויף,
ווערט פונעם שבת ברענענדיקער ציטער.
דאָס הבדלה־ליכט אויף די יידן צאַפּלט
און מוצאי־שבתדיק ווערט דאָס שטיבל.
אויף שטענדערס, אויף טישן צעוואָרפן,
ליגן נאָך ספרים און טליתים פון שבת מיד —
און חסידיש גייט מען פון שפּעטן מעריב
דורך שניי און דורך דער גוטוואָך־לבנה —
האַלב־וואָכעדיק, האַלב־שבתדיק — אַהיים.

ג.

ויתן לך האלהים מטל השמים:
מיט שפע הויבט זיך אָן די נייע וואָך.
פאַרבליבענע מאכלים פון שבתדיקן טאָג,
פאַרשמעקן זאָט די וואַרעמע מלוה־מלכה.
דאָס הויז־געזינד זיצט ברייט און העל
און פון טאַטנס באָרד שמעקט הבדלה;
צימעס און פיש פון שיריים־טיש.
אויף די האַלב־פאַרשאַרטע טישטוכער,
ברענען פון וואָך־צו־וואָך די צעבוי־גענע ליכט.
אין היימלעכן בלוי פון קובא־ציגאַרן,
רעדט מען נאָך פון אָפּגעגאַנגענעם שבת;
פון רבינס דביקות, פון רבינס טיפע תורה —
ביז אין דער וואָכעדיקער גרוי — אַזוי.

ביז אין דער וואָכעדיקער גרוי אַזוי,
רעדט מען אין דער הבדלהדיקער נאַכט אַריין
פון דזשיקאָוו, פון בעלדז, פון סאַנדז —
און מען באַרעדט דעם בלאָזשעווערס הויף,
אַז מעשה פריץ פירט ער זיך אויף,
אַז ער קיניגט איבער חסידים פון מדינות
און אַז זיינע יידן זיינען גרויסע עשירים,
וואָס האַנדלען מיט וואַלד און מיט האָלץ,
וואָס פירן מסחר מיט דער גרויסער וועלט.
צום בלאָזשעווער קומען זיי פון יאָר צו יאָר
און שיקן אים קוויטל־געלט פון אויסלאַנד.
אַזוי רעדט מען און מען באַרעדט.

די מוצאי־שבת ליכט בויגן זיך און טריפן
און פון בלאָזשעווער ווערט אַ לעגענדע:
אַז מעשה־שלאָס שטייט זיין הויף רייך
און אַז ער פירט ס'הויז מלכותדיק ברייט:

ביינאַכט פלאַמען שרייענדיקע בליץ־לאָמפּן,
הענגלייכטער שווינבלען און גריבלען אין ליכט.
און באַשלאָגן מיט מעש שטייען די טירן;
גלאַנציק־פּאַטאַרירט די סאַלאָנען, די דילן —
און עסן עסט מען אין כינעזישן פּאָרצעליי
מיט עסצייג פון גאָלד און זילבער אַלערליי.
— ויתן לך האלהים מטל השמים:
עס טונקלען די מלווה־מלכהדיקע ליכט;
מ׳ווערט פונעם בלאָזשעוער נישט מיד.
מען דערציילט פון זיינע מחלוקות מיט בעלדז,
פון זיין כסא־הרבנות — מעשה מלך,
ווי ער זיצט אין ווייסן אַטלאַס אויסגעבעט
און די רביצן אין לאַנגן, זיידענעם שלעפּ,
טראָגט קליידער פון פּערל אויסגעשטיקט
און שטאָלצירט מיט דיאַמאַנטן אינדערוואָכן.
זומער פאָרט מען מיט די משרתים באַנאַנד
אין די שענסטע קור־ערטער פון לאַנד.
אַזוי רעדט מען און מען באַרעדט,
ביז פון דער מלווה־מלכה ווערט וואָך.

— — — — — — — — — — —

וואָכעדיקער פלאַנטש — תמימות און דביקות.
צעוואָרפענע בערד און צעוואָרפענע פּיאות,
זיצן צו גאַנצע טעג און פלאַנטשער קלויז
און בייגן זייערע שאָטנס אויף די שויבן
און לערנען דורכזיכטיק און לערנען פרום
אין סכנהדיקע ווינטער־נעכט ביי ספרים.
ס׳אַרט זיי נישט צו עסן, נישט צו שלאָפן;
מ׳זעט זיי שטענדיק די זעלבע קליידער טראָגן
און דער שבת אויף זיי רוט אַפילו אינדערוואָכן.
ליב האָט פלאַנטש צו לערנען הויך
און דאָס חסידות אין זיי לערנט אויך.

ד.

אַז דער רבי ר׳ יהושעלע קומט קיין ריישע,
קלינגען מיט אים אַלע דזשיקאָווער חסידים.
מען קומט פון שטעט ווייטע, פון שטעט נאָענטע
און מ׳לאָזט די ווייבער, די קינדער אינדערהיים.
מען וואַלגערט זיך אין די ריישער בתי־מדרשים
און מען ריכט דאָס געלעגער־אָן אויף בענק
טעג אַזוי — ערב ר׳ יהושעלעס גרויסן שבת.
ווייס און גרייז איז דער רבי ר׳ יהושעלע,
דער זון פון ר׳ מאירל פון „אמרי־נועם" —
קליין איז ער מיט גרויע ברענענדיקע אויגן
און אַ בעל־מנגן, אַ שם־דבר ביי זיינע חסידים.
מען קען קוים צו זיינע שבתים צו קומען.
ער איז שטענדיק דער בעל־תפילה אַליין.
דער דזשיקאָווער איז יאָ הי, איז נישט הי —
און קומט ער שוין יאָ אויף אַ שבת אַהער,
שטייט ער תמיד ביי ר׳ מאָטישן אין הויז,
ביים עלטסטן חסיד פון דזשיקאָווער קלויז;
אַ נגיד אַ ייד, מיט אַ שטיבל פּאַר זיך אַליין,
שטייט ר׳ יהושעלע ביי אים שטענדיק איין.

מען קען קוים צו ר׳ יהושעלעס שבתים צו קומען.
נאָך דעם ברענענדיקן קבלת־שבת,
ווערט העלער די דזשיקאָווער קלויז.
חסידים, בחורים ברעכן זיך אין געדרענג
און קלעטערן אויף די ספרים־שענק
דעם גרייז־גרויען ייד צו זען;
זיין ברייטן שלום־עליכם צו הערן.
ר׳ יהושעלע אין אויפגעוויקלטן טלית,
וויגט זיך עטרהדיק אין מלאכי־השרת;

הויבט זיינע הענט צו מלאכי־עליון —
און די חסידים ענטפערן מיט התלהבות:
יצווה לך לשמרך בכל דרכיך!
אין גרויס חסידות פלאַמט דאָס געזאַנג
און די קלויז, די פאַרפאַרעטע פענצטער,
גיסן און רינען אָפּ פון שווערן שוויס
און ווערן פון דרויסנדיקן פראָסט ווייס
מיט פאַרגליווערטביימער פון אייז.

ה.

ווינטער, נאָך די זאַטע פרייטיק־נאַכטיקע פיש,
בלייבן אַלע חסידישע שטיבער סמוטנע, טריב.
מיט ברען איילט מען צוריק צום רבינס טיש.
אַ זאַווערוכע רייסט די דעכער, די ערד
און איינגעהילט אין סכנה גייען יידן מיט בערד,
און ברעכן דעם ווייסן שווערן ווינט
און טראָגן זיך דורך פאַלנדיקן שניי בלינד.
זייערע שטריימלעך, די קאַלפּיקעס, די קאַלנערס,
וואַקסן אויס העכער, ווייסער, פרייטיק־נאַכטס,
אויפן וועג צום רבינס שיריים־טיש.
מען גייט מיט פּחד ווי דורך ביקסן.
ברונימער קלאַפּן מיט פראָסט, מיט אייז
פון גוישע קאַנען ציענדיקן־וואַסער.
פון לאַמטערנעס בלאָזט שנייאיקער שטויב
און אַלע נאַכטיקע פאַנאַרן ווערן קאַלט
און אַלע גייענדיקע חסידים ווערן שניי.
אין זייערע שטיבער וואַרעמען די ליכט;
די קאַכליע־אויוונס טליען און קילן־אָפּ —
און זאַט שלאָפן די קינדער, די מאַמעס,
באָבעס וויגן זיך טרויעריק ביי תחינות.

פרייטיק־נאָכטס נאָך די אייגענע פיש,
גייט מען פראַווען חסידות ביזן חצות.
אין קדושה פלאַמט די דזשיקאָווער קלויז,
אויפגעלייגט זיצט ר׳ יהושעלע ביים טיש;
און ליכט וואָס קענען מעת־לעתן ברענען,
שניידן אַלעמענס געזיכטער מיט שכינה,
מען וואַרפט זיך מיט די הענט צום טיש
נאָכן רבינס „פאַראָפּעטן" קאַרגן „שיריים".
די בערד טריפן פון צימעס, פון פאַרפל;
פון געפעפערטע יויך בריען די ליפּן.
דער גבאי־ראשון שרייט און רופט אויס:
— יוחנן ראַך, שטעלט אַ פערטעלע ביר;
— ר׳ זבולון, אַ פלאַש טאָקאַיער וויין;
— ר׳ מאיר סאָקאָלאָווער, אַ ליטער מעיד;
— ר׳ מאָטיש, בעט דעם עולם אויף קידוש,
און זיך אַליין איז ער מכבד מיט כל־מקדש. —
אגיל־ואשמח, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גבאי׳ן,
ווערט זיין געזיכט שמחהדיק פון יה־רבון
און די גאַנצע קלויז פאַר זיינע אויגן שווימט,
ווי זאַנגען אויפן פעלד אינעם ווינט,
בעת ר׳ יהושעלע זאָגט קבלהדיק פרום
תורה פון רבין ר׳ מאירלס „אמרי־נועם".

ז.

אָז ישיר, ס'איז דער גרויסער שבת־שירה.
פון די פריע פענצטער שפּריצט פּראַסטיקע זון.
ווייס און אויסגעשפּרייט ליגט די ערד.
די שטאָט איז שטיל, די שטאָט איז לער,
אויף אַלע יידישע געוועלבער בליט דער שניי.

די מיקאָשקע — אַ לאַנגער, פֿאַרשאַרטער וועג
דורך ווינטערדיקע אַלטע בית־עלמינס,
ציט דורך אַלע בתי־מדרשים פֿאַרביי.
און אַ זילבערנעם צווישן אַן עדה יידן,
פֿירט מען צום דאַווענען ר׳ יהושעלען.
עס וואַרעמט אים דער איינגעהילטער טלית,
די חסידים וואָס באַגלייטן אים אין קלויז.
מען גייט, ווי אין וואַגל, טיף געבויגן,
אינעם זאַוויי — דעם אויבערשטן לויבן.

אָז ישיר משה ובני ישראל!
ס׳איז דער גרויסער שבת־שירה.
ווי משה־רבינו איבערן ים־סוף,
פֿירט דער דזשיקאָווער זיינע חסידים
אויף פּוילנס שבתדיקער ערד.
היימלעך קלינגען־אָפּ די שטיבער
מיטן געזאַנג פֿון די וואָכעדיקע סדרות.
פֿון ר׳ יהושעלעס פֿלאַטערדיקן גיין,
ציטערן ממש אַלע ריישער שויבן אויף.
אינעם שבת, אינעם שניי, אינעם ווינט,
צעעפֿנט מען די צוגעשמידטע פֿענצטער
דעם רבין אין אַ שבת־שירה צו זען
צו דער דזשיקאָווער קלויז ברייטלעך גיין.

ז.

ביי ר׳ יהושעלעס מיטאָגדיקן שבת־טיש,
שפּאַרן בערד איינע די אַנדערע אַריבער.
יינגלעך שטעלן זיך אויף טאַטעס אַרויף
צו כאַפּן אויפֿן דזשיקאָווער אַ בליק.

די וואָס זיינען שטאַרק שטייען ביים טיר
נישט אַריינצולאָזן, נישט אַרויסצולאָזן.
בחורים ברעכן ווילד די פענצטער אויס
און הויבן פרעך די יידישע פויסט
קעגן די, וואָס לאָזן צום רבין נישט אַריין.
מען שטייט אין כעס, מען שטייט אין צאָרן
און מען ווערט פון קעלט בלאָ געפרוירן
ביז דער טונקעלער ברכי־נפשי פאַלט צו.

אומעטיק ווערט דער מנחה לשבת.
דער שניי פאַרשלאָפּט די קאַלטע דעכער
און אַלע מאַמעס ווערן טרויעריק מיטאַמאָל,
ווען זיי זאָגן ברכי־נפשי צו דער וועלט:
— „גאָט, מיין גאָט, ביסט גרויס אומעטום!
האָסט דיך אָנגעקליידט מיט קדושה
און געגרונדפעסטיקט די ערד.
דעם תהום האָסט דו צוגעדעקט
ער זאָל די וועלט נישט פאַרפלייצן.
אויף די בערג שטייען די וואַסערן
און קענען זיך אַראָפּ נישט גיסן.
און די פינצטערניש האָסטו באַשאַפן,
זי זאָל נאָר פאַר דער נאַכט זיין.
ווער געגרויסט גאָט, פון אונדז מאַמעס
ביי די ברכי־נפשי׳דיקע שויבן, אמן!״ —

ח.

לאַנגע, מוצאי־שבתדיקע ווינטער־נעכט.
די שטאָט בריט אין פראָסטיקן צוויט.
אויפן הימל די לבנה, ווי אַ שניט,

לויכט הויך, מולדדיק און בלאַנק.
מען צעעפנט נאָך הבדלה די קראָמען
און מען נעמט די סחורות אויססאָרטירן,
וואָס זיינען אין איילעניש אויף די טישן
פון קורצן פרייטיקדיקן־טאָג פאַרבליבן.
האַלב־אָפן, האַלב־צו שטייען די געוועלבער,
ווינטן זאָלן נישט יאָגן, נישט ציען —
מ׳ווערט בלוין און בלאָ פון דער קעלט
און מ׳רייבט סוחריש די אָדערדיקע הענט.

צו דער פולער, גראָשנדיקער וואָך,
אַ ביסל שבתדיק, אַ ביסל וואָכעדיק אָנגעטאָן —
קריכט מען אַרום „גוט־וואָך״ ביטן.
מען רעדט פון דעם פאַרגאַנגענעם שבת,
פון שיינע מנינים, פון גרויסע רביים
און מ׳פאַרגינט זיך אַ ביסל לשון־הרע אַפילו
אויף פאַרריסענע מאָדעס, אויף יענעמס ווייבער
און מען רעדט צעהיצט אויף חסידישע הייזער.
מ׳איז אַפילו צו שווערן אויפן אָרט גרייט,
אַז מ׳האָט מיט די אייגענע אויגן געזען:
ווי ר׳ יהושעלע דזשיקאָווער — אינמיטן
צווישן דעם טשאָרטקאָווער און דעם בעלדזער,
איז אויף אַן „אַנזיכטס״־קאַרד פאָטאָגראַפירט,
בעת זיי זיינען אַלע דריי זאַלבענאַנד געגאַנגען
מיט שטעקנס זילבערנע ברייט שפּאַצירן
ערגעץ אין אַ קאַרלסבאַדער פּאַלקס־גאַרטן. —
אַזוי רעדט מען מיט ברען, מיט כוונה,
ביז מ׳שטעלט זיך מחדש זיין די לבנה.

## ט.

געווען איז דאָס אין אַ נאַסן שבת־צו־נאַכטס.
שנייאיקע ווינטן האָבן די לאָדנס געריסן;
די פלעמלדיקע געוועלבער פאַרצאַפלט,
ווען לייבעלע איראָם מיט אַ לאָמטערן אין האַנט,
האָט פון דזשיקאָוו אָבלדיקן טרויער געברענגט.
אָנגעקומען איז ער מיטן לעמבערגער וועג;
אַ פאַרשנייטער — קיילעכדיקער, אומעטיקער ייד,
אָנזאָגן די חסידים פון ווייטן דזשיקאָוו,
אַז ר׳ יהושעלע איז מער נישט מיט אונדז,
אַז ר׳איז ערב שבת נאָך נפטר געוואָרן.

לייבעלע מיט אַ שטעקן, אַ געבראָכענער;
ווי אַ לאָמטערן־צינדער אַ געבויגענער,
האָט דורך דער נאַכט די שטאָט געשניטן
און קיין דזשיקאָווער חסיד נישט אויסגעמידן.
מ׳איז ווי ליים מיטאַמאָל געבליבן שטיין.
פאַרשניטן אין אַ פאַרגליווערט געוויין.
די וואָס זיינען אין די קראָמען געשטאַנען,
האָבן די סחורות פון די הענט פאַרלוירן
און ס׳חסידות פון בערד האָט געטרערט.
מ׳האָט צו קריעה, צו שבעה־זיצן גערופן;
ליכט צו צינדן אין דער דזשיקאָווער קלויז
און מ׳איז קיין דזשיקאָוו אַוועק מוצאי־שבת.

אַ משולח אַזאַ זאָל זיך מער נישט אומקערן.
חסידים האָבן די ווינטער־קראָמען פאַרשפאַרט;
די שטיבער, די ווייבער און קינדער געלאָזט
און אין מחנות צום ריישער וואָקזאַל אַוועק.
פון באַנהויף איז אַ חסידיש הויף געוואָרן:

יידן — אַ ביסל וואָכעדיק, אַ ביסל שבתדיק,
האָבן מיט טלית־תפילין אויפֿן צוג געוואַרט
און די לופֿט מיט אַטלאַס און זייד באַרוישט
און אויפֿן וואָקזאַל איז געוואָרן חול און שבת.
חסידים מיט פֿאַרשאַרטע, אַנגעצויגענע זאָקן;
פֿון די יינגסטע ביז ר׳ מאַטישן דעם זקן,
האָבן פֿון זיך פֿרומען טרויער געשפּרייט;
אומגעדולדיק און שטום זיך אומגעדרייט
און די רגעס אויפֿן ציפֿערבלאַט געציילט.
איינער צום אַנדערן האָט נישט גערעדט,
און ווי פֿון זיך האָבן אַלעמענס בערד געציטערט,
ביז ס׳האָט זיך דער שנעל־צוג געשטעלט
מיט אָנגעיאָגטן פֿלאַטערדיקן ווינט.
מ׳איז געפֿאָרן ערשטע און צווייטע קלאַס
און מיט דער דריטער — זיינען געפֿאָרן די,
וואָס האָבן קוים אויף הוצאות געהאַט.
דער צוג האָט די ערד אַ ריר געטאָן;
די עדה־יידן צום נפֿטר אויפֿגענומען —
און איז מיט אַ פּלעמל נאָכן לעצטן וואַגאָן,
טליענדיק אַזוי אין רירנדיקער שרעק,
ביסלעכווייז פֿון ריישע אין שניי אַוועק.

# צוויי
# הייליקע
# געשטאלטן



א.

ריישע — שטאָט פון גרויסע רבנישע הייף,
פון חסידישן אַטלאַס און פוןברייטן זייד;
פון באָבעס אין הויבן, אין שטערנטיכער,
מאַמעס אין שייטלען, אין לאַנגע קליידער,
בענקען נאָך די ליכטיקע פרומע שבתים,
נאָך די פרייטיק־נאַכטן פון העלן באַטיסט,
נאָך די פאָרטריפטע טישטוכער פון ליכט;
נאָך די לייכטער פון מעש, פון שווערן זילבער.

ריישע — שטאָט פון אַטלאַס און פון זייד.
אַלערליי יידן קומען פון נאָענט און ווייט.
מ׳קומט אויף וועגענער און אויף באַנען
פון גאַליציעס דערפער, פון גרויסע שטעט:
פון בריגל, גאָרליץ, פשעוואָרסק און קראָקע;
פון קאַשאַו, מונקאַטש און ביליץ־ביאַלע —
מיט קוויטלעך און מיט חסידישן ברען,
קומען חסידים חכמהדיקע צום דזשיקאָווער;
חסידים בעל־מנגנס — צום ראָזוואָדאָווער;
חסידים תמימותדיקע — צום פלאָנטשער,
און יידן פון קאַרפּאַטן — צום בלאָזשעווער.
ווייבער פשוטע, פרומע קומען אויך אַהער:
ווער צום קלוגן ר׳ לאָזערל ריישער;
ווער צו ר׳ שלמה־לייבעלע טיטשינער.

ב.

ווי אויף עולה־רגלדיקע וועגן קיין ירושלים,
ציט מען צו ר׳ שלמה־לייבעלע קיין טיטשין.
אַ געדרענג פון יידן וועגענער און פערד —

אַ שטויב פֿאַרלויפֿט די קליידער, די בערד —
און פּנימער ווערן פֿון פֿרעמדע טעג מיד.
אָנגעלאָפֿענע בעטלערס אויפֿן טיטשינער וועג,
בענטשן און שעלטן אויף שרייענדיקע קולות;
שטרעקן די העלדזער, די גראָשנדיקע הענט
נאָך פּרוטות צו די פֿרעמדע דורכפֿאָרער.
צום הימל ציִען זיי די אויגן פֿאַרגלייזט
און רעדן עפּעס פֿון דער ערד צו גאָט. —
פֿון גייענדיקע געבויגענע פֿערד זעצט אַ פּאַרע;
פֿון זייערע קלאָענס — שיטערער שטויב, ווי רויך —
אַזוי טאָג נאָך טאָג צו ר׳ שלמה־לייבעלען אַהין.

פֿון ריישע קיין טיטשין איז עטלעכע תחום־שבת.
פֿון ציענדיקע יידן איז דער וועג ליימיק־ווייך
און הינט זיינען אויף יענע שטראָזן פֿאַראַן.
ר׳ שלמה־לייבעלע וואוינט אַזאַ ווייט אַליין, —
אַליין צווישן פּוילישער נאַכט, פּוילישער סכנה.
אינם טיטשינער דאָרף זיצט ער טעג אַזוי;
דורך די שייבלעך בליט זיין געזיכט גרוי.
מיט אַ ספֿרל צום גוישן געלן וועג אַרויס,
קוקט ער מיט קדושה בלוי צו דער וועלט.
אַן עניו, אַ שווייגנדיקער, אַ באַהאַלטענער,
זיצט ער יום־ולילה ספֿרים׳דיק פֿאַרטיפֿט
און זיין האַרץ וואַקסט ווי אין בעל־שם.

ג.

אַז ר׳ שלמה־לייבעלע ווערט ערגעץ פֿאַרבעטן,
לאָזט ער זיך ווי אַ דאָרפֿס־ייִד אין וועג אַריין.
אין אַ באַלעגאָלישן מלבוש מיט אָפּגעשיילטע שיך,

גייט ער, מיט נאָך אַ מענטש, אויף דאָרפישן וועג;
קליינוואוקסיק־אַלט, מיט אַ זעקל אין האַנט —
ווי אַן אורח פון אַן ערגעצדיקן ווייטן יאַריד,
עס זאָל אים נישט דערקענען אַ היימישער ייד.
קליינוואוקסיק־אַלט, מיט אַ זעקל אין האַנט,
פאָרט ער אויף אָרעמע חתונות זיין ברכה געבן.
און בלייבט ער חלילה ערב־שבת הינטער וועגס,
איז דאָך גאָט אין פעלד, ווי ר׳איז אין טיטשין —
איז ר׳ שלמה־לייבעלע מקבל־שבת אונטערן הימל.
אַ טלית, אַ ספר, אַ כזית פירט ער שטענדיק מיט,
ריכט ער דאָס דאַווענען־אָפּ מיט שטומען ציטער
צווישן פוילישער נאַכט און פוילישן טאָג —
מנחה־מעריב, שחרית — אינמיטן דער וועלט.

אַזאַ דין, שטיל ר׳ שלמה־לייבעלע געשטאַלט.
גרוי אין די אויגן, גרוי אין דער באָרד.
אַ צדיק פאַר לומדים, אַ צדיק פאַר חסידים;
פאַר יידן פראָסטע און פאַר יידן אָרעמע.
מיט געוויין ציען ווייבער צו אים אַהין;
אין גרויס עצבות נאָך אַ גיכער ישועה
פאַר הצלחה, פאַר אַ זיווג, פאַר אַ רפואה.
אין זיין הילצערנער נידריקער שטוב,
נעכטיקן תמיד אורחים אויף זעק, אויף פעק.
היות ווי געלט איז ביי אים עבודה־זרה,
גיט ער די פדיונות צו אָרעמע יידן אַוועק
און שלאָפט אַליין אויף שטרוי אויסגעבעט.

מען פאָרט אים הערן חנוכה־ליכט בענטשן.
דער וועג איז פאַרשנייעט, די נאַכט ווייס;
וואָלפיש געוויין בלאָזט פון פעלדער אַרויס.
געלאַדעוועטע שליטנס שניידן פראָסטיק די נאַכט

און די פערד פראַכן אונטער דער משא יידן.
אַזאַ מסירת־נפש שלאָגט פון די יידישע פנימער,
ווען די פערד, די שליטנס ציען קאַלט און האַרט
דורך ווייסע כאַטעס, דורך וועלדער קיין טיטשין.
אַליין אַ חסיד פון ר׳ ברוכל סאַנדזער,
פראַוועט ער קיינמאָל נישט קיין חסידות.
חנוכה פאַר זיין טיר ברענען נאַפט־פלעמלעך,
און ר׳ שלמה־לייבעלעס חנוכה־ליכט פינטלען;
בלענדן וואַרעם־דורך זיינע טריבע שייבלעך
און גייען־אויף היימלעכער, פרומער און מילדער
קעגן די שליטנס מיט יידן וואָס ווערן נענטער,
וואָס לויטערן מיט בטחון אויסצובעטן הצלחה.

ד.

אין די הייסע, טרויעריקע תשעה־באָב־טעג,
ווען יידן גייען שטום אין תעניתים אַרום,
אין קלויז ליגן די שטענדערס אויפן דיל —
לאָזן זיך ייִנגלעך באַרוועס אַרויס קיין טיטשין
אַליין מיט זייערע אויגן ר׳ שלמה־לייבעלען זען.
אַזוי ווי מ׳קען דעם וויסליק נישט אַריבער,
קענען די ייִנגלעך קיינמאָל אַהין נישט דערגיין.
שטענדיק יאָגן־אָן אויף זיי שקצים מיט הינט
און וואַרפן שטיינער, בלאָטעס פון די פעלדער. —
מיט פאַרשעמטע, אַראָפּגעלאָזטע געזיכטער טריב,
קומען נעבעך די ייִנגלעך געטריבענע צוריק.

תשעה־באָב, אויפן טיטשינער וועג — אַהיים,
גלוסטן די ייִנגלעך צו די פירות פון קברות;
צו די גאַליקע פלוימען און ביטערע קאַרשן.

זיי ברעכן הונגעריק די צווייגן אין תענית —
און קומען מידע מיט פֿאַרברענטע פּנימער;
די הענט, די פֿיס פֿון פּאָקשעוועס פֿאַרבריט —
צווישן שפּעטן מנחה־מעריב אין שטאָט אַריין.
אַזוי יעדן תשעה־באָב יאָר־אויס, יאָר־איין
און צו ר׳ שלמה־לייבעלע קיין טיטשין,
קענען די ייִנגלעך אַלץ נישט דערגיין.

גרויס־קליין בענקט דעם גוטן ייִדן צו זען.
ר׳איז דער למד־וואָווניק — ריישעס לעגענדע.
אַפֿילו גויים ברענגען אים זייערע שוואַכע קינדער,
ר׳ שלמה־לייבעלע זאָל זיי אָפּשפּרעכן רפֿואות.
ער הייסט די קינדער אין ניסן־בלעטער באָדן;
אין זוניקן־זאַמד זייערע פֿיסלעך איינגראָבן,
וועלן זיי, מיט גאָטס הילף, געשטאַרקט ווערן.
די גויים לויבן אומעטום ר׳ שלמה־לייבעלען,
פֿאָרן פֿויערים פֿון דערפֿער צו אים אַהין
און באַלוינען אים מיט ווייץ און מיט קאָרן —
דער צדיק וויל אָבער זייערע מעשים־טובים,
הייסט ער זיי תמיד צו ייִדן זיין גוטע גויים.

ה.

שטאָלץ איז ריישע מיט ר׳ שלמה־לייבעלע טיטשינער.
מען קומט צו אים מיט קוויטלעך אַפֿילו פֿון ווין —
און באָבעס דערציילן זיך אָן פֿון אים מעשהס:
אַז ער גיט אויף שיפֿסקאַרטן קיין אַמעריקע;
ברייטן דרשה־געשאַנק אויף אָרעמע חתונות, —
און אַז אַ ייִד איז אין אַן עת־צרה, רחמנא־לצלן,
און מוז דאָס ווייב און די קינדער פֿאַרלאָזן,

הייסט ער, פון ישועה־וועגן, קיין אויסלאַנד פאָרן.
אַ סך האָט ער שוין אַזוי געהייסן פון דער היים אַוועק:
גרויסע נגידים האָבן אַפילו דאָס עשירות פאַרלאָזט
און זיינען איבערן ים, אין „טריפהנער" אַמעריקע אַוועק;
מיטגענומען ר' שלמה־לייבעלעס אָפּגעשפּראָכענע מטבעות
פאַר אַ סגולה צו מזל און ברכה אויף פרעמדער ערד,
וואָס ר' שלמה־לייבעלע אַליין האָט פאַר זיי באַשערט.
צי ר'האָט געהייסן קיין בעלגיע, צי קיין האָלאַנד פאָרן,
האָבן יידן אינם לאַנד דאָרט ב"ה אַלע מצליח געוועזן,
ווייל אַזוי האָט ר' שלמה־לייבעלע גוזר געוועזן.

אין זיין באַהאַלטענער קדושה ליגט די גבורה!
ווען רויבער מיט שפּיזן אויף רייטנדיקע פערד,
זיינען ביינאַכט זיין טיטשינער הויף באַפאַלן,
האָט ר' שלמה־לייבעלע מיט זיינע בלויזע הענט
די גרויסע סכנה אַליין זיך אַנטקעגנגעשטעלט —
ר'האָט „גאָט פון ישראל" — אויסגעשריגן,
זיינען פון זיין הייליקן פאַרציטערטן שפּרוך,
די רוצחים אין דער נאַכטיקער שרעק אַנטלאָפן,
ווייל אַזוי האָט דער עניו־הצדיק גוזר געוועזן.

ז.

אַ מלוכה פאַר זיך איז ר' לאָזערל ריישער.
זיין הויף שמ'ט איבער גאַליציעס שטעט.
מ'רופט זיין הויז — ר' לאָזערלס קלויז.
די מויערן, די ווענט שטייען פאַרקנייטשט,
ווי די בתי־מדרשים אין וואָרמס, אין פּראַג.
אין ר' לאָזערלס קלויז איז תמיד היימלעך.
דורך זיינע הויכע, קרומע קלויז־פענצטער,

שפריצט ליכט פון בליץ־לאָמפּן, פון העגגלייכטער,
וואָס מאַכט היימלעך, מילד די שטומע גאַס אַרום.
יידן פון אומעטום זיצן דאָרט שטענדיק־אָן;
יידן יונגע וואָס עסן „טעג", עסן קעסט;
יידן עלנטע פון זייערע ווייבער אָפּגעגט —
און יידן וואָס קענען יום־ולילה ביי ספרים זיצן.

ר' לאַזערל איז מיטלוואוקסיק, גרויליך ווייס.
ער שפּאַנט איבערן דיל מיט כּוח, מיט ווינט;
דער כאַלאַט אָפן, דער טלית־קטן ביזן שלעפּ
און זיינע אויגן שניידן קלוג יעדנס געזיכט.
ער פירט זיך אַנדערש פון אַלע אַנדערע רבּיס.
מיט חסידותטעס איז שטענדיק פול זיין הויז —
און רק ער דערציילט מעשהס און טרייבט שפּאַס.
זיין חסידות איז פּשוט, איז אָפן פאַר איטלעכן.
צו די ווייבער רעדט ער אַזוי ווי צו מאַנסבילן
און מ'ווייסט קיינמאָל נישט ווען ר'איז מיט חכמה,
ווען ער איז ערנסט און ווען ער טרייבט שפּאַס.
ער איז אַ רבי און אַ רופא־חולה דערצו;
ר'איז בקי אין דאָקטאָריע, און חולאים
און מאַכט אייגענע מאַשטשן אַליין —
און ריישע רופט עס — ר' לאַזערלס רפואות.

אומעטיק איז אונטן אין ר' לאַזערלס קלויז
און היימלעך איז אויבן ביי דער רביצן אין הויז;
וואַרעם פון אורחים, פון רייד און פון רויך;
פון פרעמדע שנירן, איידעמס און שיינע יידן —
און דער טשייניק־טיי קילט קיינמאָל נישט אָפּ.
לייטשעלע, די רביצין, פאַלט ממש פון די פיס
פון רק נאָר טראָגן כּיבוד — אַהין און צוריק.
איר זיידענער שלעפּ שאַרט זיך מיד אויפן דיל

און דאָס שטערנטיכל אויף איר קאָפּ — בלענדט.
אינמיטן וואָך פילט מען נאָך דעם שבתדיקן ריח
און פול איז די שטוב מיט פרומקייט, מיט קדושה.
קליידער פון ווייסן אַטלאַס, פון שוואַרצן זייד,
גייט מען אָנגעטאָן פון שבת ביז שבת,
מיטוואָך עסט מען נאָך פאַרבליבענע חלות.

ז.

שבת־צו־נאַכטס ווערט העלער ר׳ לאָזערלס שטוב.
ס׳איז נישט אַזאַ נאַכט ווי אין די וואָכן־טעג.
דאָס טישטוך אויפן טיש ליגט האַלב פאַרשאַרט,
אין ברייטע ירושה־לייכטער ברענען שווערע ליכט.
אויבן־אָן זיצט ר׳ לאָזערל דער ווייסער ייִד;
אויף זיין שויס — זיין בת־יחידה קריינדעלע.
צו דער פולער־וואָך בלויען די שטיבער אין רויך
פון קובע־ציגאַרן, פון לאַנגע רבנישע פייקעס.
פאַרבליבענע שלוש־סעודות יידן רעדן און שמועסן
פון נגידישע חסידים, פון היימישע רבנישע הייף.
מען רעדט גרויס וועגן ראַפּשיץ, וועגן סאַנדז —
און מען באַרעדט די ריזשינער, די באָבעווער.
קריינדעלע קוועלט־אָן פון אַלעמענס הויכע רייד
און אירע אויגן, די צעוואָרפענע רויטע האָר,
ווערן ליכטיקער, שטאַלצער אויפן פאָטערס שויס.
פון דער ברייטער מלוה־מלכה אויפן טיש,
שמעקט פאַרבליבענער קוגל, חלות און פיש
און מיט שירה באַגלייט מען דעם שבת:
— אליהו־הנביא, אליהו־התשבי. . .

ח.

ר׳ לאָזערל — אַ רופא פון דער השגחה,
אָנגעטאָן אין ווייסן כאַלאַט, נאָך חצות —
בלייבט שטענדיק אין זיין חדר־מיוחד;
פאָרעט זיך צווישן מאַשטשן־מעדיצינען.
אינם פענצטער טונקלט ר׳ לאָזערלס שאָטן
און אַפּטייק־שרעק שלאָגט פון די שויבן.
אין אַזאַ שפּעטער ר׳ לאָזערל — שעה,
קלאַפּן מאַמעס אין זיינע פענצטער אָן
נאָך רפואות און נאָך היילונג.
מ׳קומט צו אים אינמיטן דער נאַכט
רחמים־בעטן, זיין קלויז איינרייסן —
און ר׳ לאָזערל עפנט דעם אָרון־קודש;
די שווערע טירן פון שערי־רחמים —
און גייט אַליין צום חולה אַוועק
וואַכן אַזוי ביזן גראָ פון פאַרטאָג.

ר׳ לאָזערל ריישער — אַ צדיק און אַ רופא.
ווייבער נוצן זיינע סגולות און רפואות.
אַ רויז אויפן פּנים לעשן זיי אָן — אַזוי:
מ׳שפּרייט אַ רויט־טוך איבערן געזיכט;
אויפן טוך — אַ ברענענדיקן פלאַקס,
און די אויפגעלאָפענע רויז ציט אָפּ.
אַן עין־הרע הייסט ר׳ לאָזערל אָפּלעשן, אַזוי:
פייערדיקע קוילן פון אויוון אַרויסשאַרן.
און זיי אַריינוואַרפן אין אַ שעפל וואַסער,
ווען די קוילן דאָס בייזע אויג אָפּלעשן. —
דאָס, און נאָך, רופט ריישע ר׳ לאָזערלס רפואות.

און רק עס קומען צו אים יידן פון אומעטום.
אין זיין קלויז זעט מען שטענדיק משוגעים:

חולאים לאַכעדיקע און חולאים שרייענדיקע,
וואָס בלויז נאָר ר׳ לאָזערל קען זיי פאַרשטיין.
ער רעדט צו זיי ווי פון אויבערשטן געשיקט;
אַמאָל באַרעמהערציק און אַמאָל מיט כעס —
און ווייסט ווען זיי צו שעלטן, ווען צו בענטשן.
די וואָס גייען פון שרעק אַרום קראַנק,
היילט ער מיט „פחד", מיט „פיגצטערניש".
ער בלייבט מיטן חולה אין זיין חדר־מיוחד
און שטעלט פאַר אַ שפיגל אָנגעצונדענע ליכט.
ר׳ לאָזערל שמייכלט און ר׳ לאָזערל ווייסט,
אַז פאַר אַן איינגערעדטע קרענק
איז אַ נאַרישקייט אויך אַ רפואה.

און ווערט אַמאָל פון אַ צדיק אַ חולה מסוכן,
פאָרט צו אים ר׳ לאָזערל דורך סכנהדיקן שניי.
ביי זיין האַנט מיט אַ לעמפל זיצט דער גבאי
און זאָגט אויפן וואָגן תהילים פאַרנדיקערהייט.
ר׳ לאָזערל אין טיפן טליפּ איינגעדרימלט,
זיצט ווייך, מיט די פיס אין וואַרעמען שטרוי;
די אויגן האַלב־פאַרמאַכט איבערן ווייסן וועג.
דער גוי טרייבט די פערד, בייטשט די פעלן
און די פאַרשנייעטע מיילן ציען זיך לאַנג, —
ציען זיך איינגעשמידט אין האַרטן פראָסט.
אַז די פערד בלייבן חלילה מיטאַמאָל שטיין
און ווילן אין דער זאַווערוכע ווייטער נישט גיין,
ווייסט קיינער נישט אַחוץ ר׳ לאָזערל אַליין,
אַז זיין טרחה, אַז זיין נסיעה איז אומזיסט;
נפטר געוואָרן איז דער חולה אין דער אותו רגע —
און ר׳ לאָזערל איז גוזר צו פאָרן צוריק.

## ט.

ווי מיטאַמאָל טרויעריק איז געוואָרן די שטאָט.
ר׳ לאָזערל אַליין איז געוואָרן אַ חולה מסוכן.
זיין הויז, די קלויז — האָט מען פאַרשפּאַרט.
יידן האָבן צו תהילים, צו תעניתים געדופן;
איינגעריסן וואו אַן ארון־קודש איז געווען
און ליכט געצונדן אין אַלע הענגלייכטער.
די שטאָט איז אַריין אין צער, אין טרויער —
געבראַכט האָט מען די גרעסטע פּראָפעסאָרן,
און מ׳איז מיטן צדיק קיין ווין אַזש געפאָרן;
אין די באַרימטסטע שטעט פון מעדיצין. —
נישט געווען באַשערט אין ריישע צו שטאַרבן,
איז ר׳ לאָזערל נפטר געוואָרן אין דער פרעמד,
און אים, אַ בר־מנן, צוריקגעבראַכט פון אויסלאַנד.

אַזאַ פאַרנאַכט האָט ריישע נאָך קיינמאָל נישט געזען.
דער באַנהויף איז פון מענטשן שוואַרץ געווען.
אַ געוויין האָט פאַרציטערט די גאַנצע שטאָט,
ווען מען האָט דעם נפטר פון וואָקזאַל געבראַכט.
יידן האָבן דעם אָרון פון דער באַן געטראָגן
צו ר׳ לאָזערלס גאַס, צו זיין הויז און קלויז.
ווייבער האָבן די האָר, די קליידער זיך געריסן
און איבער דעכער זייער געוויין געהויבן.
געשטאַנען, אַן רייד, זיינען פאַרטרערטע יידן —
**געגאַנגען עד־לב־השמים איז ס׳געשריי פון דער רביצן.**
מ׳האָט תיכף־מיד קריינדעלען פון שטוב צוגענומען;
זי זאָל זיך חס־וחלילה נישט דערוויסן,
אַז איר הייליקער פאָטער איז נסתלק געוואָרן.

אַז די לוויה איז אַרויס פון ר׳ לאַזערס טויער,
האָבן שטאַרקע יידן אויף בײדע זײטן זיך געשטעלט;
מיט די הענט אַ קייט געפלאָכטן, אַ וועג געמאַכט,
דעם נייגעריקן געדרענג פון מענטשן צו צוימען.
אינמיטן האָט די לוויה אַ לאַנגע זיך געצויגן.
רבנים־זקנים זיינען די נושאי־המיטה געווען;
האָבן דעם הייליקן ארון אין די הענט געהויבן.
אויפן הילצערנעם ארון, און איבער דער מיטה,
איז געלעגן ר׳ לאַזערלס וואָכעדיקער טלית.
שווער, לאַנגזאַם האָט זיך דער טרויער גערוקט —
סוחרים האָבן פון שרעק די געוועלבער פאַרשפּאַרט
און גענומען נאָכגיין נאָכן גרויסן הייליקן נפטר.
ווען די לוויה איז שוין איבער דער בריק געווען,
האָט ריישע — ווי אַ שטאָט אָן יידן אויסגעזען.

ט.

פונעם צדיקס הויז האָט זיך ווי אָפּגעטאָן די שכינה;
דאָס היימלעכע ליכט פון די וואַרעמע חסידישע נעכט.
מ׳האָט די רביצן לייטשעלען טרייסטן נישט געקענט,
זי איז חדשים־לאַנג אַרומגעגאַנגען אין טרויער;
אַלע זאַכן אומעטיק געמאַכט אין ר׳ לאַזערלס הויז.
פון קריינדעלען איז ממש צער און געוויין געוואָרן —
און ווי אין די וואָכן־טעג איז דער שבת געווען.
חסידים האָבן לאַנג צו זיך נישט געקענט קומען
און זיך זעלטן פאַר דער רביצן געוואָלט ווייזן.
ר׳ לאַזערלס חדר — זיינע ספרים און קליידער,
האָבן געבענקט נאָכן גרויסן ליכטיקן צדיק —
בלויז די קלויז איז די זעלבע פאַרבליבן.

## י.

וואַסערן זיינען אָפּגעלאָפן, יאָרן זיינען אַוועק —
אויסגעוואַקסן איז קריינדעלע בלאַס ווי שרעק;
מיט שעמעוודיקע אויגן, מיט אַ פרום געזיכט.
אין חסידישע הייזער האָט זי אָנגעהויבן שמ'ען
און מאַמעס האָבן זיך אַזעלכע טעכטער געוואונטשן.
געזאָגט האָט מען, אַז זי איז אַפילו בקי אין ש"ס;
אַז זי פאַרמאָגט ר' לאַזערלס גרויסן שאַרפן מוח
און איז געראָטן אין אים ווי צוויי טראָפּן וואַסער.

ווי עס פירט זיך אין רבנישע חסידישע הייף
איז קריינדעלע אַלס קינד נאָך אַ כלה געוואָרן.
ר' לאַזערל, זצ"ל, אַליין האָט די תנאים געשריבן;
זיך משדך געווען מיטן ראַזוואַדאָווער פון זיין דור.
אויפגעוועקט מיטן שידוך איז די חסידישע וועלט,
און מחותנים און רביים — פוןביידע צדדים,
האָבן אין די גאַסן זיך טאַנצן געשטעלט;
צדיקים צוויי — האָבן זיך משדך געווען.

## כ.

וואַסערן זיינען אָפּגעלאָפן, יאָרן זיינען אַוועק.
מען האָט זיך צו קריינדעלעס חתונה געגרייט.
ווי נאָר עס האָט די שטאָט גענומען טאָגן,
האָט מען ברייט צעעפנט ר' לאַזערלס טויער.
גאַליציער חסידים האָבן דעם טאָג פאַרקלונגען:
פיאַקערס האָבן מחותנים, חסידים פון באַן געפירט.
מען איז געקומען פון ראָפּשיץ און פון סאַנדז;
פון ראָזוואַדאָוו, פון דזשיקעוו און פון פלאַנטש —

און אויסגעזעזן האָט ריישע — ווי ירושלים ;
מיט רבנים אין קאַלפּיקעס, רבנים אין אַטלאַס ;
מיט רביצנס אין שטערנטיכלעך, מיט רביצנס אין זייד.
גאָלד און פּערל האָבן אויף שבת־מלבושים געבלענדט ;
און רבנישער פּלאַטער האָט אויף געזיכטער געברענט.

אַז די מערב־זון איז אַראָפּ הינטער די דעכער ;
זיך געזעצט ביסלעכווייז ווי אין אַן ערב־שבת —
איז פון דער וואָך ווי מיטאָמאָל געוואָרן שבת.
פונעם ציטריקן פאַרנאַכט האָט אַ קדושה געווייעט,
ווען ר׳ לאַזערלס קלויז האָט מעריב געדאַוונט ;
ווען די שויבן האָבן ווי נאָך בענטש־ליכט געבענקט.
אַז ר׳ לאַזערלס הויף איז געוואָרן אויסגעשטערנט,
האָט מען ברייט די חופה אונטערן הימל צעשטעלט.
אַ געדרענג פון ווייבער האָט אין הויף זיך געשפּאַרט
פון נחת דאָס געוויין איינהאַלטן נישט געקענט,
טרערן האָבן פון אַלעמענס אויגן געקוועלט.
ס׳האָט מיט פּערל, מיט אַטלאַס, מיט זייד גערוישט.
מיט רייכן דרשה־געשאַנק פון מנורות און לייכטער
און טישן זיינען וויס געשטאַנען — כיד־המלך :
אַ טיש פאַר צדיקים, פאַר לומדים געגרייט ;
אַ טיש — פאַר חסידים פון גרויסן יחוס ;
אַ טיש — פאַר נגידים, פאַר סתם פרעמדע יידן,
און אַ טיש פאַר אָרעמעלייט און אורחים באַזונדער.

די הימל־נאַכט איז פון די ליכט געוואָרן העל.
באָבעס האָבן לשם מצווה זיך משמח געווען יונג ;
געטאַנצט דאָס מצווה־טענצל דער כלה אַנטקעגן.
ווי צווישן סנהדרין איז דער חתן ברייט געזעסן
און געשיינט ממש האָט די כלה קריינדעלע,
ווען מען האָט די „גאָלדענע־יויך״ געגעסן —

און אויף אַלץ גערוט האָט ר׳ לאָזערלס שכינה.

— — — — — — — — — —

אַ גאַנצע וואָך, דורך די נעכט נאָכאַנאַנד,
האָבן זיך די שבע־ברכות ברייט געצויגן.
אויפן לעצטן טאָג פֿאַר אַלעמען אין די אויגן,
האָט דער חתן בקול־רם תורה געזאָגט.
מ׳האָט אים דאָס ערשטע קוויטל אָפּגעגעבן
און אים געקרוינט פֿאַר ר׳ לאָזערלס יורש.

# ירושה פון דורות



האָסט נאָך קיינמאָל נישט געזען
אַזאַ הייסן ציטער פון קדושה
ווי אין חנהלעס תהילים-זאָגן.

**א.**

ביסט פאַרהייליקט, ריישע, מיט אונדזערע זיידעס.
אויף דיין ערד בליען מצבות פון יידישע דורות.
אין אַלע דיינע שבת־פענצטער ברענען ליכט
פון אונדזערע באָבעס ציטריק געצונדן —
און דערציילן פונעם גלות ווען זיי טונקלען.
ביסט געהייליקט מיט אונדזער קידוש־השם;
מיטן געזאַנג פון אונדזערע הייסע מתמידים.
דער אייביקער אליהו־הנביא איבער יידישע הייזער,
היט דעם פסח־ביינאַכט אין אונדזערע שטיבער.

און אָט איז דער באָבע חנהלעס הויז ביינאַכט.
שלאָף שטייען אירע שייבלעך קעגן דער לבנה
און דעם זיידנס חנוכה־ליכט פינטלען, פינקלען;
מאָלן וואָגלדיקע יידן אויף פראַסטיקע שויבן.
דער זיידע אַ סופר, שאַרלעך און פאַרקלערט,
צווישן געקאַלכטע ווענט אַליין,
שרייבט מיט אַ געצונדענער פעגע אויף פאַרמעט
און שלאָגט זיך־אָן אין דער פרשה תולדות,
וואו דער האָריקער שטאַרקער עשו
האָט די בכורה צו יעקבן פאַרקויפט.

תמיד ווייִנען פון אים דורות אַרויס;
די נאַכטיקע יללות פון ייִדישן געוואָי,
ווען מ'איז קריעהדיק צו שייטערס געגאַנגען
מיט רחמים פאַר דעם אויבערשטן שטאַרבן.
דאָס האָט מען אים צו שטאַנגען צוגעבונדן;
דאָס האָט מען אים אַקסלדיק דעם קאָפּ פאַרוואָרפן
און אויף אים האָבן די פלאַמען געקלעטערט
און אים פון צופיל גלויבן פאַרצערט.

חנהלע — אַ פרומע, פשוטע באָבע.
ר' בעריש, אַ זיידע, אַ הייסער ייִד.
צו דינען גאָט ווערן ביידע גישט מיד.
ביידע קוקן אויס ווי ספרים, ווי תפילות:
דער זיידע איז די גמרא אין שפּעטער קלויז
און די באָבע — דאָס ליכט פון תחינות.
ביידנס טעג און חדשים זיינען תעניתימדיקע.

אין קלויז קוקט דער זיידע צו די לייבן אַרויף,
פון כתר דאָס ליכט אין זיך אַריינצונעמען.
היות ווי די ערד פאַרשוועכט גאָטס תורה,
וואָלט ער משה־רבינוס שטיינערנע לוחות
וועלן טראָגן צום באַרג־סיני צוריק —
און פלאַטערדיק מיט די לוחות צוגעדריקט,
גיין אין טאָג, אין נאַכט איינגעדעקט
מיטן טלית פאַר ווינט, פאַר זאַמד באַשיצט,
ווי אין די טעג פון גושן, פון כנען —
און מיטן של־ראש אויפן קאָפּ זוכן שדי,
וואָרים זיין עקשנות, זיין גבורה איז גאָט.

ב.

צום קלויז־ייד ר׳ הערש־יעקב
איז געגליכן די באָבע חנהלע.
מען טרעפט זיי צום דאַווענען גיין
אין דער זעלבער שעה — פאַרטאָג.
צוויי געבויגענע — אַ זיידע, אַ באָבע;
לויטערע — קדושה־וטהרה.
זיי גייען פריע איבערן לערן מאַרק
מיט פרומקייט און מיט פאַרכט
און שאַרן זיך ווי די הימלען.
ר׳ הערש־יעקב עפנט די קלויז
און חנהלע — די ווייבערישע שול.
אין הייזער שמט די באָבע חנהלע
פאַר אַ יידענע פון מעשים־טובים.
די אמתע וועלט אירע איז עולם־הבא;
אויף דר׳ערד איז זי גאָט צו דינען.
די קלויז, דער קרבן־מנחה סידור,
וואָס זי האָט פון דורות געאַרבט,
איז איר תשובה, איז איר געוויין.

אויף וואָס וויינט דאָס אַזוי חנהלע
צו גאַנצע טעג ביים תהילים־זאָגן?
פון טרערן געל איז איר סידור;
די בלעטער האַרט און פאַרוויינט,
פון צופיל זאָגן וועט זי ממש בלינד.
אין די וואָכעדיקע קריאת־תורה טעג,
ריכט זי תעניתים־אָפּ ווי יום־כיפור —
און איז קיינמאָל קיין פלייש נישט טועם,
סיידן אַ שטיקל עוף פון ר׳ אזשע׳ס שחיטה. —

דאָך, פאַרוואָס וויינט עס אַזוי חנהלע?
אויף איר שטערן קאָרבן זיך דורות צער;
גלותדיקער געוויין אין אירע בלוטן
און אייביקער תהילים אויף די ליפּן.
ס'איז נישט אַזוי דאָס געוויין,
ווי דאָס תשובה־טאָן פאַר מענטשן.
פאַר חולאים גייט זי שטענדיק קברים־רייסן;
אין די בתי־מדרשים ליכט אָנציגדן;
צו אָרעמע קימפּעטאָרנס טראָגן „וואָרעמס" —
און די שעה זאָל נישט זיין, אַפילו תכריכים.
איצט, פאַרוואָס זאָל חנהלע נישט וויינען?

ג.

בירושה איז חנהלע אַ שניט־סוחרטע
און האַנדלט מיט אַ ברייטן ערלעכן שם.
אַן אַלמנה, האָט זי יונג אַ נדר געטאָן
נישט חתונה צו האָבן נאָכן זיידנס טויט.
געבליבן איז זי מיט דריי זין, דריי טעכטער
און איז צו זיי דער טאַטע און די מאַמע געווען,
און זיי אַלע, ב"ה, אין דרך־הישר געפירט.
זי פלעגט אויסגעריסן ווערן אויף יאַרידים
און קיינמאָל דאָס דאַווענען נישט פאַרפעלן,
נאָר די קלויז געהיט פאַרטאָג, פאַרנאַכט.

חנהלע האַנדלט מיט וואָרט און מיט חשבון,
דעם זיידן ר' בעריש'ס נאָמען אָפּצוהיטן.
ריישעס גרעסטע שניט־סוחרים — דריי:
פייוועל, לובאַש און חיים־וואָלף בוי,
האָבן תיכף־ומיד נאָכן זיידנס טויט —

חנהלען אויף די פיס צוריק געשטעלט.
מ׳האָט איר סחורה געגעבן אויף באָרג;
אויף דער „קאָנטע״ פון איר תהילים
און אויף איר קרבן־מנחה סידור.

מיטן כוח פון איר ערלעכקייט,
פירט חנהלע איר מסחר אַלע טאָג.
איר געוועלב האָט שווערע, גראָבע טירן
מיט קאַלטע, בייזע שלעסער אָנגעהאַנגען.
דער אייזערנער לאָדן איבערן פענצטער
וויגט זיך ווינטיק אַהין־און־אַהער
און ברעכט פון שווערקייט די מויער.
די שוועלן מיט פּאָטקאָוועס באַשלאָגן,
האַלטן דעם מזל אויס לאַנגע יאָרן.

ד.

און אָט ווי חנהלע פירט איר מסחר:
דינסטיק און פרייטיק איז אין ריישע מאַרק.
פויערים, פויערטעס שיטן זיך פון דערפער
מיט וועגענער תבואות, עופות און רינדער;
איינגעדישעטע חזירים שרייען פון זעק.
מען קומט מיט ווייץ, מיט קאָרן אויף רוקנס;
מיט שטענגלעך צאַפּלדיקע פיש אָנגעצויגן
און מען פאַלט אַזוי צו חנהלען אַריין שוין יאָרן.
דאָס זיינען מתנות פאַר איר ערלעכער אייל־און־מאָס
פון קונים, נאָך פון זיידן ר׳ בערישעס צייטן,
וואָס רופן איר קראָם „בערקאָווע נאַ סכאָטקי״.

אַז דער תמוזדיקער פאַרנאַכט פאַלט צו,
די קלויסטער־שפּיצן ברענען אין שקיעה

און די שויבן, די מענטשן ווערן מנחהדיק שטום
און פונעם יאַריד צעפּאָרן זיך די פּויערים —
ערשט דעמאָלט קוקן זיך אַרום די סוחרים:
ווער ס'האָט אַ שווערן טאָג לייזעכץ געהאַט.
ווי אויף להכעיס אַלע שכנישע קראָמען,
געפינען זיך שטענדיק קונים ביי חנהלען
און דאָס געוועלב איז תמיד אין געדרענג.
סוחרים פאַרגינען נישט, נעמען זיך די אויגן אַרויס:
דאַכט זיך די זעלבע סחורה, דער זעלבער פּרייז,
און דעם פּויער ציט צו „בערקאָווע נאָ סכאַטקי".

אין דער זומערדיקער ערב מנחה־שעה,
נאָכן מאַרק־טאָג, פאַרנאַכט צו —
קלויבן זיך ערשט אָן פּריצים, גלחים,
נאָנעס פון שפּיטאָלן, פון קלויסטערס
אין חנהלעס יונישע שניט־קראָם.
זי נעמט זיי אויף גענעדיק־פרום;
ברענגט פאַר זיי שטולן פון שטוב אַרויס
און פאַרבעט זיי העפלעך זיך זעצן.
די פּריצים קויפן ברייט אויפן מעטער;
מ'האַנדלט שטיל, געמיטלעך און רואיג
און מ'רעדט בעת־מעשה וועגן „פּאַן־בוג",
וועגן גוטע שכנים און שלעכטע שכנים
און וועגן פּריצישע גיטער און שלעסער.
די פּריצים שעמען זיך צו דינגען,
צאָלן זיי דעם פּרייז וואָס חנהלע בעט.
אונטערגעשיקטע משרתים קוקן אַריין,
פאַרגינען נישט, קריצן מיט די ציין.

אַזוי שטילן זיך די יאַרידים איין.
די הימלען מיניען אין קילן בראַנדז.

פון האַנדל שטייט דער גאַנצער רינג מיד
און פאַר די געוועלבן שטייען סוחרים לער;
ווער מיט לייזעכץ און ווער אָן לייזעכץ —
און מ׳שפּאַסט לאַנגווייליק מיט משרתים.
מעקלערס אויף זייערע שטעקנס אָנגעשפּאַרט,
שטייען מיט אַ פאַרביסענער שטרוי אין מויל
און קוקן אַרויס אויף אַ לעבעדיקער פּרוטה
ביז די שטאָט פאַלט־צו גרוי — אויף זיי.

ה.

ווינטער פירט חנהלע אַנדערש איר מסחר:
ביינאַכט סאָרטירט זי די אָנגעוואָרפענע סחורות.
אירע הענט שמעקן פון באַטיסט, פון קאַנגאַרן;
פון בריסטל, פון צייג, פון וואָלענע שאַלן.
און ס׳נאַפט־קנייטל רויכערט און טריבט
און חנהלע ציילט ס׳לייזעכץ פון יאַריד.
אין שטויסן פון זילבער, גאָלד און קופּער,
שטעלט זי די „קראַנען״, די „ראַנישן״ באַזונדער;
די קופּער־שטיקלעך און די גאָלד־שטיקלעך —
און ציילט אַלץ פאַרזיכטיק — איינמאָל און צוויי,
און פאַרשרייבט אין יידיש אויפן אָרט באַלד
וויפיל, און וועלכע סוחרים מען דאַרף צאָלן.

היות ווי זי קען קיין חובות נישט האַלטן,
גייט זי תיכף־ומיד נאָכן לייזעכץ אַוועק
צו די האָרט־סוחרים זיך אָפּרעכענען.
אַ פּראַסטיקע סכנה בריט דאָס געזיכט
און אינעם שניי זינקען חנהלעס פיס.
אַ זאַווייי בויגט איר קאָפּ אַראָפּ טיף

און זי גייט, אַ יידענע אַ סוחרטע איצט,
מיטן ביסל ערלעך געלט סוחרים צאָלן;
איינהאַנדלען וואָס ס׳פעלט אויף מאָרגן.

אַז חנהלע קומט אין האָרט־געשעפט אַריין,
צינדט מען העלער די בליץ־לאָמפּן אָן
און מען שיקט די בעסטע משרתים צו.
חנהלע וויל אָבער דעם סוחר גופא זען,
ווייל אַ מבין אויף שניט איז זי אַליין;
בלינדערהייט מיט די פינגער אָנצוטאַפּן.
דער סוחר נעמט זיינע סחורות ריימען:
אַז אַזאַ שטיקל דאַמאַסק איז נישט צו באַקומען,
מען זאָל אַפילו גאַנץ ווין אויסגיין
און אַז סוחרים זיצן דאָרט אַן וואָכן לאַנג
און קענען אַפילו אַ פאָדים נישט באַקומען,
ווייל די מוסטערן זיינען נישט פאַרריישע —
חנהלע לאַכט פון זייערע סוחרישע רייד
און קנייטשט קלוג מיט אירע אַקסלען,
ווייל אַ מבין איז זי ממש בלינדערהייט.

אַזויפיל דאגות אויף חנהלעס קאָפּ!
גרויסע טעכטער דרייען זיך אַרום.
און ווער, אַז נישט חנהלען אַליין,
גייט פשוט פון עגמת־נפש איין?
מען דאַרף נדנים, מען דאַרף חתנים.
די עלצטע שטייט נאָך נישט אין שידוכים;
און די צווייטע, די פייערדיקע שפרה,
ברענט אַ וועלט חתונה צו האָבן.
איצט, מאַלטשע, די יינגסטע;
חנהלעס אויג אין קאָפּ,
איז דער מאַמע מיטן לעבן איבערגעגעבן

און העלפט איר אויף יעדן שריט און טריט.
אויף מאלטשעס אַ וואָרט קען מען שטעלן —
פאַרלאָזט זיך טאַקע חנהלע אויף איר
און שיקט זי צו אַלע סוחרים אַרום
סחורות קויפן און די חובות צאָלן.
זי ווערט טאַקע וויכטיק און דערהויבן
אין דער באָבע חנהלעס אויגן.

ז.

אויף גאָטס באַראָט לאָזט זי אירע זין.
צי איז דען אַ גרעסערער נחת פאַראַן,
ווי צו קענען יום־ולילה זיצן און לערנען?
פאַר וועמען, מ׳שטיינס געזאָגט, האָרעוועט זי,
אַז נישט, אַז אירע זין זאָלן ביי ספרים זיצן;
אַז נישט, אַז אירע זין זאָלן צו רביס פאָרן!
ווי אַנדערש קענען ר׳ בערישעס יורשים זיין?
וואָקסט טאַקע אין חנהלען ס׳האַרץ פון נחת.

ווי אַזוי גייען די זין פונעם לערנען אַהיים,
פון די משניותן און פון די ש״ס׳ן,
אַז די סאַנדזער קלויז שטייט ביים בית־החיים
און אַז צו גיין פון דאָרט ווינטער ביינאַכט,
איז ווי מען זאָל גיין דורך מסירת־נפש?
האָסט נאָך אַזאַ פינצטערניש נישט געזען.
דאָס חיות גייט אויס ביז מ׳זעט ליכט,
ביז מען זעט זיך שוין ביי אַ לאַמטערן.
אַלץ איז ווי פחד טויב און שטום — אַרום;
מ׳הערט דאָס אייגענע האַרץ דורכן העמד.
די געזיכטער פון די שפּעטע לערנערס
באַהאַלטן זיך פון שרעק אין די קאָלנערס.

זעלנעריש איז די אימה דאָ, דער וועג!
מען גייט דורך פֿאַרלאָזענע לערע בודעס,
און עס שווימלט אין יעדן ווינקל מיט זנות.
דאָ טשאַטעוועט מען אויף נאַרישע שיקסעס;
אויף דינסטן וואָס טראָגן קאַנען־וואַסער.
דער פּרעכער גלוסט אין די בודקעס ברענט
פֿון אַלערליי זעלנער, פֿון יעדן רעגימענט.
מען ציט די שיקסעס פּראָסט אין טויערן אַריין
און מען הערט געלעכטער, אַמאָל געוויין;
לאַנג לאָזן זיי די קאַנען־וואַסער אינדרויסן שטיין,
פֿאַרהאַרטעוועט, פֿאַרפּראַסטיקט אויפֿן שניי —
ביז די תאווה קילט ביסלעכווייז אָפּ אין זיי.

— — — — — — — — — — —

באַשערים, גאָט, חנהלעס זין אין יענע רגעס,
זיי זאָלן זיכערע פּונעם לערנען צוריקומען שטיל.
און תמיד גיין אין די וועגן אַזוי ווי חנהלע וויל.

ז.

ווען די טעג ווערן ווינטערדיק און טריב,
דער שניי פֿאַרשיט די גאַסן, די טריט
ווערט חנהלע טרויעריק אין פֿאַרנאַכט.
צייט פֿאַר מסחר קלעקט נישט קיין סך
און דער בין־השמשות פֿאַלט געשווינד צו.
חנהלע פֿאַרשפּאַרט ס׳געוועלב, ווי ערב־שבת;
דעם וואָכעדיקן מנין נישט צו פֿאַרפֿעלן:
תמיד האָט זי נאָך עמיצן ליכט צו צינדן,
פֿון עלנדע יתומים קדיש אויסצוהערן
און ווי ר׳ הערש־יעקב, נאָך יעדן נאָכצוזאָגן אמן.

איצט, ווען עס קומט דער קורצער פרייטיק,
האָסט שוין אַמאָל דערפילט פאַרציטערט בלוט
פאַר עפּעס וואָס מען ווייסט נישט פאַרוואָס?
אַזוי פאַרציטערט דיך חנהלעס גרייטן זיך צו שבת.
דאַנערשטיק גרייט זי אָן די פיש, די חלות.
ביסלעכווייז לערט די שטאָט זיך פונעם יאַריד אויס
און ס׳שמעקט מיט כסלו, מיט טבת, מיט שבט.
חנהלע פילט מער נישט די ערד אונטער די טריט,
נאָך געפינט זיך צווישן שבת און גאָט.

אינמיטן ברען פון פרייטיקדיקן האַנדל,
לאָזט זי די קראָם אינמיטן יאַריד שטיין
און וואַרפט אַראָפּ די סוחרישע קליידער:
די קעשענע־געלט מיט די בינטן שליסל
און אַלע זאַכן ווערן מיטאַמאָל מוקצה.
שבת צוצוגרייטן איז איר גרעסטע מצווה.
אויף אַלע מאכלים אויפן טשאָלנט, אויף די חלות,
אויף אַלץ וואָס גאָט האָט באַשערט אויף שבת,
גיט חנהלע איר שפּרוך — לכבוד שבת!

די לייכטער פון איר דרשה־געשאַנק שפּיגלען;
שטייען אויפן טיש געגרייט און פינקלען.
דאָס טישטוך וואַרעם־ווייס אויסגעשפּרייט
שמעקט ווי די צוויי צוגעדעקטע פרישע חלות.
די שקיעה אין חנהלעס אויגן ברענט,
קוקט זי אויפן לוח, אויפן ציפערבלאַט
און לויפט צו דער שויב איטלעכע רגע.
דער פרייטיק פאַלט־צו מידער, בלויער
און אָוונטיקער ווערן דער וויין, די לייכטער,
ווען חנהלע צינדט די באָבישע ליכט אָן.
איר געזיכט, אירע הענט ווערן לויטער
פון גאָטס פייער, פון חנהלעס לייכטער,
פון איר ברכה איבערן שבת אויף דער וועלט.

ח.

שבת איז חנהלע שפּאַרעוודיק מיט אירע רייד;
אַ וואָכעדיק וואָרט זאָל זיך נישט אַרויסכאַפּן.
ביים ווינטער־פענצטער זיצט זי דעם שבת אָן
און איז אין דער סדרה פון דער וואָך פאַרטאָן;
סידורים און דיקע ווייבערישע ספרים
ליגן אויף איר פענצטער הויך אָנגעוואָרפן —
און צו יעדן ספר נוצט זי אַנדערע ברילן:
ברילן — צו דער ברייטער צאנה־וראנה,
ברילן — צו ברכי־נפשי, צו דער תחינה,
און צום פענצטער זאָגט זי גאָט־פון־אברהם.

אַזויפיל בענקשאַפט אין חנהלעס קול,
ווען זי לייענט ס׳טייטש־חומש פון שמות.
זי זינגט, זי לויבט און קלאָגט אַזוי:
— „דאָס זיינען די קינדער פון ישראל
וואָס זיינען קיין מצרים געגאַנגען.
איטלעכער מיט זיין האָב־און־גוטס,
מיט די זיבעציק נפשות פון יעקבן.
יוסף איז שוין אין מצרים געווען;
געשטאָרבן איז ער מיט די ברידער;
דער דור מיט די זיבעציק נפשות.
בייערט ישראלס קינדער האָבן געמערט;
זיך געפרוכפּערט און זיך געווידמעט
און זיינען געוואָרן זייער, זייער שטאַרק
און דאָס לאַנד איז פול געוואָרן מיט זיי...
תחינהדיק אַזוי לייענט חנהלע די סדרה שבת;
טרויעריקער פונעם פאַרנאַכט ווערן די פרשות.

## ט.

חנהלע, דאָס איז דער ציטער פון שבת ;
דאָס איז די תחינה פון דער שטוב.
אַז די לאָמטערנעס אינדרויסן צינדן זיך אָן,
הויבט חנהלעס געזיכט אָן ווערן טריב.
גראָלעך, פרומלעך און באַביש אַלט,
דערציילט חנהלע ביי דער שבת־שויב
פונעם עלטער זיידן, איר פאָטער ר׳ ליפע.
זי געדענקט אים בלויז ווי אין חלום.
ר׳האָט זיך שטענדיק געפונען צווישן ספרים
און רק זיך אין גאָט, אין קבלה געגריבלט ;
שטענדיק געלערנט באַהאַלטענערהייט.
געווען, דערציילט חנהלע, איז ער הויך און דאַר
מיט אַ באָרד פון דינע און שיטערע האָר ;
דאָס געזיכט פון צופיל לערנען פאַרקלערט.
שבת פלעגט ער אויפן פעלד אַרויסגיין ;
דעם סוד פון דער וועלט צו דערגיין —
און רעדן צו זיך, צום הימל, צו די גראָזן,
גאָטס אָטעם אויף דער ערד צו דערפילן.

חנהלע געדענקט עס ווי אין חלום :
אַזוי ווי איצט, שבת, צו גאָט פון אברהם,
איז איר פאָטער ווי אַלעמאָל אַ שבתדיקער,
אינעם שטריימל בין־השמשות אַ טונקעלער,
מיט אַ כזית־חלה צו שלוש־סעודות אַוועק

— — — — — — — — — —

חנהלע וויל מער פונעם פאָטער נישט רעדן,
וואָרים נישט אַלץ לייגט זיך אויפן יידישן שכל.
איר האַרץ, די אויגן ווערן שווער און קאַלט
און זי נעמט פון עפּעס אַנדערש רעדן באַלד.

וואָס זי זאָל שוין נישט האָבן צוגעטראַכט,
איז נישט משיג צו זיין, ווי אַזוי אַ ייד אַזאַ
זאָל מיטאַמאָל ווי אין אַ וואַלד האָבן אַוועק,
און זיך מער פון שלוש־סעודות נישט ווייזן צוריק,
נאָר תמיד בלייבן ווי אַ לעגענדע אין שטאָט.

י.

ווי פון אַ לעגענדע מעשהס אַלערליי
טראָגן זיך וועגן ר׳ ליפען קלאַנגען אַרום.
מען זאָגט אַז מען האָט אים שבת־פאַרנאַכט
צווישן מנחה־מעריב אין אַ קלויסטער פאַרנאַרט
און אים, לא־עליכם, צו שמד פאַרשלעפּט.
היות ווי ר׳האָט ווי ישו־הנוצרי אויסגעזען,
האָט מען נאָך אים אַ שטיינערנעם געשטאַלט
דאַר און הויך, ווי לעבעדיק אויסגעהאַקט —
און ערגעץ אויף אַ שייד־וועג אויפגעשטעלט.
ער שטייט, זאָגט מען, אויף נאַכטיקע וועגן;
צווישן פעלדער אויף ווינט און אויף רעגן —
און גויים־גויעטעס פאַלן דאָרט אויף די קני,
ציען זייערע ליפּן צו זיינע פיס־פינגער
און לאָזן נאָך זיך נאַרישע פּרוטות.

ווי פון אַ לעגענדע מעשהס אַלערליי
דערציילט מען וועגן עלטער־זיידן ר׳ ליפּע:
אַז ווען ר׳איז שבת באַלד נאָך דער הבדלה
אַרויס מיט אַ ליכט מחדש זיין די לבנה,
איז ער מער אין שטוב נישט געקומען צוריק.
אַ סברה אַז ר׳איז אַ וואַנדערער געוואָרן —
און געוואַנדערט האָט ער טעג און חדשים;

מיט טלית־תפילין אין דער וועלט זיך געלאָזט,
אַ ביסל צופוס און אַ ביסל אויף באַנען —
ביז ר׳איז אָנגעקומען צו באָרטנס פון ימען.
פון דאָרט האָבן שיפן קיין אַפריקע געזעגלט
מיט אַלערליי סחורות פון פּאָרטוגאַל, שפּאַניע.
דאַכט זיך דער זעלבער ים־סוף פון חומש,
גאָטס גרויסער ים פון משה־רבינוס טעג —
זעט ר׳ ליפּע איצט מיט זיינע אייגענע אויגן.

פון די וואַסערן, וואָס ציען קיין ארץ־ישראל,
האָט ר׳ ליפּע נאָך פון יינגלווייז־אָן געחלומט;
אינעם חדר פון אַזאַ גרויס לאַנד געלערנט.
ווי קען ער גאָר גובר זיין אין זיך דעם כוח
נישט צו וועלן פאָרן אין יענעם חומש־לאַנד,
בפרט ווען ר׳איז איצט נאָענט אַזוי צו די שיפן?
פאַר וועמען, אַז נישט פאַר אַזאַ ווי ר׳ ליפּען,
האָט גאָט געהייליקט יענע צוגעזאָגטע ערד?
אויב נישט פאַר אַזעלכע יידן ווי ער?
ווער אַנדערש, גאָט, זאָל יענע הייליקע ערד אַרבן?
איז טאַקע ר׳ ליפּע דאָרט אַהין געפאָרן שטאַרבן.

יא.

חנהלע — דאָס איז די ירושה פון דורות.
וועגן ארץ ישראל רעדט זי מיט גרויס כוונה.
פאַר אַלע פרומע סחורות פון יענעם לאַנד:
פאַר מצה־שמורה, וויין און ארץ־ישראל ערד,
באַצאָלט זי מיט שטיקער גאָלד צו גלייך.
אַהין קלויבט זי זיך דעם גאַנצן לעבן
און בעט דעם אויבערשטן טאָג־און־נאַכט,

זי זאָל אַהין זיך נישט דאַרפן קאָלערן,
נאָר עס זאָל איר ווי דעם פעטער ר׳ מאירל כהן
און ווי איר הייליקן פאָטער ר׳ ליפע —
פון גאָט זיין באַשערט דאָרט צו שטאַרבן.

עס שרעקט דיך איר פרומקייט, איר פּנים
גאָט, וויפיל פּיין עס וועקט אין איר דער צלם!
פאַר קלויסטערס פאַרשטעלט האַלט זי די אויגן.
און ווייזט איר אַמאָל אַ קינד אָן אויפן יויזל,
ווערן אירע באַבישע הענט בייז און האַרט
און פאַלן געשווינד אויפן קינד׳ מיט אַ פלאַם.
חנהלע, דאָס איז די ירושה פון דורות.

זומער ציווינטערביים שבת־פענצטער
ווערט חנהלע אין איר מנחה טונקעלער.
זי ווערט ממש „גאָט פון אברהם״ אַליין.
רק זי האַלט אין זאָגן מיט גרויס געוויין
און לויבט, בענטשט דאָס פאָלק־ישראל, אַזוי:
— „איידער איך טו צו דיר מיין תפילה, גאָט,
לייטזעליק און פאַרגיב די זינד פון מיין גוף.
דו, ווען איך בין נישט ווערט צו דערמאָנען,
וועמעס נאָמען מיינע לעפצן טאָרן נישט באַרירן —
דערבאַרים זיך אויף די קינדער פון ישראל,
דערמיט ווען דו ווערסט אונדז באַגערן און שטאַרקן.
זיי געלויבט פאַר דיין שבת, פאַר דיין וואָך
און זאָלן זיך דיינע קינדער אייביק מערן,
ווי די פיש אין וואַסער, ווי אין הימל די שטערן,
און אָנגענומען זאָלן איצט מיינע תפילות ווערן —
אמן ואמן!״ —

# דעם ייִדנס יורשים



מיין פרוי מלכהן — משהס
איינציק פאַרבליבענער טאָכטער
— מיט ליבשאַפט

א.

און אָט איז משה דער שטענדיקער אביון,
וואָס פאַרט טאָג און נאַכט אויף באַנען אַרום
און לאָזט איבער ס׳הויזגעזינד אויף חדשים
און ריכט אָפּ אין דער פרעמד זיינע שבתים.
משה דער בכור האַנדלט מיט אַלץ,
און וואוינט מיטן הויז־געזינד אין גאָרליץ,
רופט מען אים דאָרט — משה ריישער
און אין ריישע — משה גאָרליצער.
אַ חסיד פון ר׳ ברוכל סאַנדזער,
איז זיין מסחר ברענענדיק יידיש.
חמישה־עשר בשבט האַנדלט ער מיט פרות;
מיט פּאָמעראַנצן, באָקסער און מאַנדלען;
און זומער — מיט גרינע אוגערקעס.
אַ פראַכטער, פאַרנייט ער אַליין די זעק
און שיקט דאָס ביסל גרינצייג אַוועק.
ר׳האָט אָבער נישט קיין מזל, קיין ברכה,
קומט ער צום ווייב אַהיים אָן הצלחה.

אַן אביון ווי פון אויבערשטן געשטראָפט,
וועלן אים שוין קיין אוצרות נישט העלפן.
וויפיל דער סוחרישער ברודער שלמה

זאָל משהן פון בריגל נישט שיקן
קלעקט עס שטענדיק פון האַנט צו מויל.
איז טאַקע משהן אַלע מאָל באַשערט
אויסגעריסן צו ווערן אויף פוילנס ערד.
ער טראָגט די מורא פאַר דער באָרד,
ווען ער פאַרט אויף פוילנס באַנען אַרום;
שטענדיק הינטערוועגס צווישן גויים.

וואו משה זאָל היינט נישט נעכטיקן,
וועט ער מאָרגן ערגעץ אַנדערש טאָגן.
וואקזאלן, שטעט און לויפנדיקע ציגער;
טלית און תפילין און מיטגענומענע ספרים,
איז זיין שטאָט, זיין קלויז, זיין היים.
אַלע טאָג אין אַ פרעמדער וועלט;
שנייען און רעגנס — איז משהס קעלט.
און שטייגט ער שוין יאָ ערגעץ אויס,
כאַפּט ער גיך אַ מנין אַריין אין אַ קלויז.
און נאָר ער בעט אויף די שיינע שבתים
אַריינצוכאַפּן זיך ערגעץ וואו צו אַ רבין:
אַמאָל איז עס רידניק, אַמאָל קאַלאַשיץ
און גאָר אַמאָל — סאַנדז צי גאָרליץ.

ב.

און משה חסיד איז אַ שטאַרקער ייד.
הויך איז ער מיט ווינטיקן גאַנג;
אַקסלען ברייטע, פולע און פעסטע,
וואָס קענען טראָגן זעק און פעק.
ביים גאָרליצער רבינס שיריים־טיש,
שטעלט ער זיך ווי אַ וואַנט אַוועק

מ׳זאָל אויפֿן רבין נישט אָנשפּאַרן.
הענט האָט ער כּוחדיקע און לאַנגע,
וואָס האָבן זיך שוין מיט אַ גוי פֿאַרמאָסטן,
ווען מ׳האָט ביי אים געוואָלט די באָרד שניידן.
ר׳האָט דעם גוי ביים קאַרק אויפֿגעהויבן
און אים שיער נישט פֿון צוג געוואָרפֿן —
און משה וואָלט אַ מצרי דערהרגעט.

אַ ייד אַ גרויסער בעל־רחמים;
דאָס מלבוש פֿון זיך אַראָפּצוגעבן —
ס׳האַרץ זיינס גייט אויס פֿאַר אַ ייד.
פֿאַר די וואָס שטייען אָרעם און גראָ
ביי דער שבתדיקער שוועל אין קלויז,
שטעלט זיך משה שטענדיק איין
מ׳זאָל אויף שבת אַן אורח נעמען אַהיים.
ער קלאַפּט מיט כּעס אין שולחן אַריין
און בלייבט אַ שרייענדיקער שטיין:
יידן דאַרפֿן מאַכן קידוש!
יידן דאַרפֿן עסן שבת!

אַ ייד אַן אביון, לא־עלינו,
פּירט ביי זיך משה ברייט דעם שבת.
צי ס׳ווייב האָט אָנגעגרייט צי נישט,
מאַכן קודם אַלע זיינע אורחים קידוש
און אַלע וואַשן זיך צו לחם־משנה.
דאָס ווייב שפּאָרט אָפּ פֿון יעדן קינד;
פֿון משהס גרויס הויזגעזינד —
און אַלע טיילן זיך איין באַנאַנד
מיטן ביסל פֿיש, פֿלייש און חלות,
אַבי יוצא צו זיין לכבוד שבת.

יה רבון עלם ועלמיא: —
פון די בענטש־ליכט שאָטענען די ווענט
און די רייד פון די אורחים קלינגען פרעמד;
רעדן האַלב־שווייגנדיק און האַלב־פאַרשעמט.
משהס זמירות שלעפערן איטלעכנס געזיכט,
ביים ווייב רעכטשע פאַלן די אויגן צו מיד.
פון משהס טעג, פון משהס וואָכעדיקן מסחר,
ווערט דרימלדיק און שווער דער טיש;
עס ברעכן אים די קריזשעס, די פיס
און ס׳ציט אים צום בעט פון שטענדיקן פאָרן,
דעם שבת, גאָט, האָט קיינער נישט צו באַצאָלן!

יאָ, ווען עס וואָלט אייביק שבת געווען
און באַנען וואָלטן מער נישט געפאָרן,
ווער וואָלט זיך צו משהן געקאָנט פאַרגלייכן?
אַך, דאָס בעט, די מקווה, דאָס פרישע העמד;
נישט מעביר צו זיין די סדרה אין דער פרעמד —
איצט, דאָס גיין שבת־ביטן די מאַמע חנהלע.
יאָ, ווען עס וואָלט אייביק שבת געווען,
וואָלט משה תמיד דערפילט דעם טעם פון חסידות.
ר׳וואָלט ביים קאָלאָשיצער נעכט אויף געווען;
און וואָלט די באַנען אין דער אדמה געהאַט
און נאָר ר׳וואָלט תורה געלערנט טאָג און נאַכט.

ג.

ס׳זאָל אַ ווייב אַזוי נישט געפרואווט ווערן,
ווי ס׳ווערט רעכטשע געפרואווט שבת נאַכט.
ס׳איז נישט אַזוי די פרייד משהס אַהיימקומען,
ווי דאָס שווערע האַרץ ערב משהס אַוועקפאָרן.

דאָס ווייב מיט אַ פאַרשניטן שטיל געוויין,
האַלט קוים די טרערן אין די אויגן איין.
עס שטומט דאָס גאַנצע הויזגעזינד ;
ווי פאַרגליווערט בלייבט יעדעס קינד.
מ׳ווייסט נישט אויף וועמען פריער רחמנות צו האָבן :
אויפן ווייב, צי אויף משהס וואַכעדיק לעבן ;
שוין בעסער צו פאָרן, איידער אינדערהיים צו בלייבן.

אינמיטן ברענען פון די מוצאי־שבת ליכט,
גייט אַ טאַטע אויף חדשים אַוועק פון שטוב.
דעם טלית און די תפילין נעמט ער מיט
און גייט אין פרעמדע שטעט אַרומפאָרן ;
האַנדלען אויף באַנען און אויף וואָקזאַלן.
ער טראָגט מיט זיך אַ קמיע פון סאַנדזער רבין
און אָפּגעשפּראָכענע מטבעות פון גרויסע יידן.
עס באַגלייט אים דאָס גאַנצע הויז־געזינד ;
ביים זייט — דאָס ווייב, דאָס יינגסטע קינד —
און מען געזעגנט זיך מיט משהס יעדן בליק,
ווי ר׳וואָלט חלילה מער נישט געקומען צוריק.

דאָס גאַנצע הויז־געזינד גייט מיט
און אַ שניי פאַרווייסט און פאַרשיט —
פונם שניי — ווערן די גאַסן בלינד.
פויערים און פויערטעס אין שענקען,
זינגען פון שיכרות, פון גלוסט.
פון יעדער פוילישער נאַכטיקער ליד,
צאַפּלט ממש אויף דער ייד —
האָט ער אָבער אין זיך בלוט אַזאַ,
וואָס שלאָגט מיט חסידישער גבורה
אויסצושטיין יעדער פויערישער סכנה.
האַלב אין שרעק און האַלב געשווינד,

דורך זעלנערישע אימה אין ווינט —
ציט ער גיך פֿאַרביי מיטן הויזגעזינד
און טרייסלט פֿון זיך דעם שניי אַראָפּ,
ווען ר׳זעט זיך בשלום אויפֿן באַנהויף.

ד.

אָרעמער משה, וויפֿיל ר׳זאָל נישט בייטן דעם מסחר,
רינט דאָס מזל זיינס ווי פֿון די הענט אַרויס.
ר׳האָט מיט לעדער און שוועבל שוין געהאַנדלט;
וואַגאָנען סחורות אַפֿילו קיין ווין געשיקט —
און ר׳האָט נאָך אַלץ מיט גאָרנישט באַגליקט.
די קינדער אַליין האָט ער אויך איינגעשפּאַנט;
געהאַנדלט האָבן זיי מיט אַלץ וואָס מ׳האָט געקענט:
בעריש, דער עלצטער, פֿלעגט אין פּראָג זיצן;
די טאָכטער מלכה פֿלעגט מיט יוכטן אַרומפֿאָרן. —
און מ׳האָט קוים די וואָך געקענט אַדורכשטופּן.

אַז ס׳מאַכט זיך, האַנדלט משה מיט פֿיש אַפֿילו
און פֿאַרט יעדן דינסטיק קיין ביליץ־ביאַלע
צום אָנגעפּרעסענעם דייטשן גוט־באַזיצער.
משה ציילט אויס ראַנישן פֿאַר ווינטער־קאַרפּ,
און הער פּערטיק, דער משומד, האַנדלט העפֿלעך:
— „פֿאַר אינען הער מאָזעס, מאַך איך אַלץ.
זי ערינערן מיך אין גאָטזעליקן פֿאַטער;
ער שטאַמט יאָ אויך פֿון אויערע אָסט־יודן.
איך האַלטע זאָגאַר די יאָרצייטן נאָך אים;
איז דאָס ריכטיק רעכט, הער מאָזעס?״

אין די דאָנערשטיקע ווינטער־נעכט,
ווען די וואַסערן גליווערן אין אייז,

ווערט משה מיט אַלע פישערס גלייך.
ער שטייט מיט אַ נעץביים ווײַסליק;
מיט אַ האַק און מיט אַ שטריק —
און טעסעט דאָס אײַז מיט רויטע הענט;
דער פראָסט אויפן פיש־קאַסטן ברענט.
ווי נחס תיבה — אויפן וואַסער אַרויף און אַראָפּ,
וואַרפט זיך משהס פיש־קאַסטן אויף און אָפּ.
דער שטראָם, גאָט, זאָל דעם קאַסטן נישט צערייסן
משה זאָל חלילה ערב שבת אָן פיש נישט בלייבן!

דאָנערשטיק, ערב די ווינטערדיקע פרייטיקן,
הויבט משה שוין אָן צום פיש־פּלאַץ זיך גרייטן.
אַ גאַנצע נאַכט, ביז אין די גרויסע פאַרטאָגן,
נעמט ער וואַסער פאַר די באַליעס טראָגן:
עס זאָלן חלילה די פיש נישט אָפּשטיין.
אויפן פיש־פּלאַץ יאָרזשען די פייערטעפּ
די צוגעכאַפּטע הענט פון פראָסט צו דערוואַרעמען.
עס שטייען אויפן ווינט מאַמעס מיט טעכטער
און העלפן דעם ערב־שבתדיקן מסחר.
שרייענדיקע פישערקעס און פישערס,
רוישן מיט ראָסטיקע האַק־מעסערס.
אויף ברעטער און אויף קלעצער
צעפּערטלט מען אויף דעקאָ־גראַם:
קאַרשלס, קאַרפּ, העכט און שלייענס.
ווי אַ פאַרסמטער ייִד לויפט משה אַרום
מיט אָנגעוואויגענע פאַרציעס אומעטום —
שרייט ער פון זיך די לונגען אַרויס,
אַזוי וואָך־איין און וואָך־אויס
קויפט יידן פיש, לכבוד שבת!

ה.

ווינט און פעלד, ייד און קעלט
איז אַ מעשה וואָס מען דערציילט
טאָקע וועגן משה ריישער אַליין;
אַמאָל האָט אים אַ באַן פאַרטראָגן;
אים געלאָזט אויף אַ פעלד אַליין,
האָט ער זיין קאָפּ הינטערוועגס ביינאַכט,
אויף אַ שטיין אַנגעלענט, די אויגן פאַרמאַכט.
און געווען איז עס ווי חלומות פון חומש:
עולים־ויורדים — אַרויף און אַראָפּ.
האָבן מלאכים צו משהן אַראָפּגענידערט
און ביים צוקאָפּנס זיך געשטעלט און געוואַכט.
דער ווינט האָט די ערד געריסן;
אויפן שלאָפנדיקן משהן געבלאָזן
און אים שטאַרקער נאָך פאַרשלעפערט.
גזלנים זיינען דעם ייד פאַרבייגעפאָרן
און צו אים קיין שליטה נישט געהאָט,
וואָרים געוואָרן איז גרויס פינצטערניש
אויף דעם אָרט וואו משה האָט גערוט.

אַן אמתער אליהו־הנביאדיקער נס!
משה האָט דאַן געלט פון ווין געפירט
אין זיינע חסידישע קליידער איינגענייט.
פאַר וועמען ס׳איז בלויז אַ מת־לעת געווען,
פאַרן ווייב איז אָבער יענע נאַכט אַ יאָר געווען.
דאָס הויזגעזינד האָט אויפן וואָקזאַל געוואַרט;
מיט פאַרביסענעם שרעק די הענט געבראָכן —
און שטאַר האָבן זיי די אויגן אויסגעקוקט
דעם טאָטן שוין צו זען אַ לעבעדיקן צוריק.

טויאיג־העלער טאָג האָט גענומען גרויען
און משה איז געלויבט, ה״י, ניצול געוואָרן.
ר׳האָט די נעגל זיינע אין גראָז געוואַשן;
מה־טובו אהליך — אינמיטן פעלד געזאָגט:
אָ, ווי גוט עס זיינען דיינע געצעלטן יעקב,
און הייליק זיינען די ערטער וואו איך רו.
משה האָט די באָרד און דעם גוף אָנגערירט
און געזען אַז גאַנץ ב״ה איז דער ייד
און מ׳האָט זיין טלית־תפילין נישט גערירט,
האָט ער זיך צום מזרח דאַווענען געשטעלט;
אַרויס איז די זון איבערן של־ראש — אויפן פעלד.

וואו ס׳איז משה איז דאָ בטחון, איז דאָ גאָט.
און ער נעמט זיך פון פעלד אַרויס שפּאַנען;
צו געפינען דעם צוריקוועג צו באַנען,
וואָס זאָל אים צוריק צום ווייב ברענגען.
היות ווי די שליאַכן זיינען דאָרפיש, ליימיג;
צעגאָסן פון זון, פון פויערישע וועגענער,
איז דער שטאָטישער טראָט משהס אַ שווערער
און ער פאַלט־אום אַלע ווילע אַ ייד אַ מידער.
די שעהן ציען זיך זוניק און ווערן הייסער
און ווערן פאַרנאַכטיקער און אומעטיקער —
פון שקיעה ווערט דאָס פעלד געל ווי מדבר.
אָנגעצונדן פון דער שקיעה ווערט זיין באָרד;
משהס ליפּן און לייב ברענען פון דורשט;
גיב אים דעם שטעקן, דעם שטיין פון אַמאָל,
ר׳זאָל ווי משה־רבינו קענען וואַסער שלאָגן.

ר׳איז דער ייד פון שטענדיקער סכנות־נפשות.
ווייט און לבנהדיק ציט איבער אים דער הימל
און עס ווערט אַ מילך־וועג פאַר משהס וואָגל.

דערפֿער מאַכן מוראדיק זיין גאַנג;
בייזע הינט וואָיען לאַנג און באַנג —
אַ וועג אַזאַ איז נישט פֿאַר אַזאַ ייד.
ער לאָזט הינטער זיך די מײלן בלינד
און רק ער טראַכט פֿון זיין הויזגעזינד, —
פֿון דער ריישער וואָך, פֿון ריישער שבת;
פֿון די משניות־נעכט ביים קאָלאָשיצער;
פֿונעם סאַנדזער, פֿון ר׳ ברוך גאָרליצער.
ווינט און פֿעלד, ייד און קעלט,
איז פֿאַר משהן נישט דער וועג.

ו

חוהטשען — שלמהס איינציקער
פֿאַרבליבענער טאָכטער —
געוווידמעט

און אָט איז דער דאָרער ייד שלמה.
הויך איז ער ווי דער ברודער משה —
און מער פֿון משהן אויף דער ערד,
האָט אים גאָט די ברכה באַשערט:
אַן איידעם פֿון אַ ייד אַ פּראָפּינאַטאָר,
זיצט ער אין בריגל, אין עשירות
און פֿירט זיך ברייט און נגידיש
מיט אַ גרויס האַרץ פֿון מעשים־טובים,
ווי עס פּאַסט פֿאַר חנהלעס יורשים.
שלמה איז דאָס שפּיגעלע אין דער משפּחה,
פֿאַרט חנהלע אין פֿרייד און אין נחת
צו שלמהן קיין בריגל אַלע ראש־חודש
זען די שיינע שנור, די אייניקלעך —
און קומט מיט אַ ברויט קיין ריישע צוריק.

קראָקע — די באַנען און די שטרעקעס
זיינען שלמהן דאָ היימיש און נאָענט.
אַלערליי סוחרים פאָרן דאָ שטענדיק אַדורך,
אַריינצופאָרן קיין מערן, קיין ווין דערנאָך;
שטעט וואָס קלינגען אַזוי גרויס, אַזוי רייך —
און שלמה האָט שוין לאַנג געבענקט נאָך זיי.
דער וואָס איז נישט מדקדק אויף חלול־שבת,
קען דאָרט ווערן גרינג נתעשר —
מען דאַרף נאָר בלויז אַ ביסל דייטש קענען,
וועט מען ווי עס איז דאָרט קענען האַנדלען.

ווי לאַנג איז דער שיר צו עסן קעסט ביים שווער
און רק נאָר לערנען אַ ספר נאָך אַ ספר
בפרט ווען שלמה איז אַ טאַטע פון טעכטער?
ברענען טאַקע ביי אים די הענט נאָך תכלית.
היות ווי ער וויל חלילה פון דרך־הישר נישט אַראָפּ,
ווי די וואָס רייזן אַרום און האַנדלען אין גרויסע שטעט,
ווייל עס שלאָגט פאָרט אין אים דער מאַמעס פרומע בלוט;
איר קדושה, איר תהילים, איר ציטער פאַר גאָט —
לאָזט ער זיך פשוט אַרויס אויף אייגענעם באַראָט
אַ סוחר מיט אַן אייגענעם וואָגן און פערד
אין ווייטן אונגאַרן — צווישן הימל און ערד.

ז

נישט ווי זיין ברודער משה אויף באַנען,
פאָרט שלמה אַ סוחר אַרום האַנדלען,
נאָר מיט אַ וואָגן אַנגעלייגטע לייוונטן,
שלעפּט זיך שלמה אויף צעבראָכענע וועגן.
אַ היימישער גוי טרייבט די פערד, דעם וואָגן;

צווישן וועלדער בלייבט מען נעכטיקן און טאָגן —
און חדשים לאַנג האַלט מען אַזוי אין איין פאָרן
דורך די קאַרפּאַטן בערג פון אונגאַרן.
ווען פון טאָג די זון שטעלט זיך אָפּ,
צווישן באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ,
וואָיען האַרבסטיק קאַלט די פעלדער.
שרעק פון נעכט ווייעט פון וועלדער —
און די שטערן בלויען שטום אין ווינט,
פון דערפער אויף קייטן רייסן זיך הינט;
די נאַכט איז שוואַרץ, די פערד גייען בלינד,
דער גוי דער פורמאַן ציטערט ווי אַ קינד,
און מיט פחד שלאָגט שלמהס האַרץ אַצינד!

שלמה און משה האָבן דעם זעלבן גורל אויף דער ערד;
ביידע איז די שטענדיקע פרעמד פון וואָגל באַשערט.
אַחוץ וואָס שלמה האַנדלט רייך און גרויס
און פאָרט אַ שפעדיקער מיטן ביסל שניט אַרויס
פון פריץ צו פריץ, דאָרף־איין און דאָרף־אויס.
ער קען אַ ביסל אונגאַריש, אַ ביסל דייטש
און טראַכט אַפילו פון גרויסע האַנדלס־שטעט.
בלייבט ער אָבער אַמאָל הינטערוועגס ערב־שבת,
כאַפּט ער זיך תמיד אַריין אין אַ יידישער שטאָט:
אַמאָל איז דאָס קאשאו, אַמאָל מונקאַטש,
און גאָר אַמאָל — בודאַפּעסט אַפילו.

אונגאַרן — דאָס איז שלמהס ערד;
דאָס איז זיין היים, זיין מסחר־וועלט.
חדשים אַז ער זעט נישט אָן זיין הויזגעזינד,
נאָר ציט איבער מיילן טרויעריק און באַנג;
אויף די פעלדער פון אונגאַרן נעכטיקט ער לאַנג —
און די זון אויף אים ברענט און ברוינט.

שוואַרץ ווי די ערד פון עין־גדי,
איז שלמהס באָרד, דאָס געזיכט
און די הענט פון דער זון פאַרברענט.
ביינאַכט שפּאַנט ער וואו די פערד אויס.
דער גוי אויפן וואָגן דרימלט די נאַכט אויס
און וואַכט אַזוי איבער דעם יידס סחורות.

אַז שלמה דערלעבט שוין צו מודה־אַני;
צום שטיקל טויאיגן גראָ פון גאָטס טאָג,
ווען אין מזרח צינדט זיך אָן דער האָריזאָנט —
דעמאָלט ווערן די פערד אַפילו אויפגעהייטערט.
דער גוי לייגט אָן דאָס פאַרטאָגיקע פייער
און רייבט די הענט זיינע אין פרישן גראָז.
שלמה, נאָך דער קאַלטער נאַכט הינטערוועגנס,
באַנעצט מיט טוי זיינע אויגן, זיינע וויעס;
די גרויסע אָנגעוואַקסענע חסידישע באָרד —
און וויקלט זיך אין טלית־איין ווי אין אַ ראָד
און דאַוונט אויפן פעלד ווי ביי זיך אין שטאָט.

ח

טעג אַזוי אויף דער וייטער אונגאַרישער ערד,
שלעפּט זיך שלמה מיטן ביסל שניט־סחורה אַרום.
צו זיין ווייב, צו זיינע טעכטער דריי,
וואַקסט אין אים די בענקשאַפט שטום.
ווי נח אויף דער טויב נאָך גאָטס מבול,
קוקט דאָס הויזגעזינד אַרויס אויף שלמהס אַ בריוול
און מ׳בעט די טיר זאָל זיך אָן עפן טאָן מיטאַמאָל:
אַז שלמה זאָל געבן אַ קום אַריין בשלום
און גאָרנישט חלילה זאָל צו אים האָבן געשען;

מ'זאָל אים מיט די פערד, מיטן גוי צוריק שוין זען,
ווייל שלמהס אַ נסיעה איז נישט דאָרף, נישט שטאָט,
נאָר הימל און ערד און בייזע וועלדער;
בערג און היילן פאַרשטעקט מיט ציגיינער
און שלמה צווישן אַלץ איז מיט גאָט — איינער.
און מעשהס פאַרלויפן טאַקע מיט ציגיינער
אין טיפן אונגאַרן אין די שוואַרצע וועלדער.
דערעיקרשט האָט מען דאָרט פערד פאַרלוירן,
סוחרים ווי שלמה, גייען קוים אַרויס מיטן לעבן.
ליב האָבן ציגיינער אין טאָלן צו וואוינען;
אַרויסצושפּרינגען ביינאַכט פון זייערע היילן
און וועגענער און פערד צו באַפאַלן.
זיי הרגענען נישט, נאָר זיי רויבן —
און שפּאַנען ציגיינעריש יענעמס פערד אויס
און פירן זיי אויף פרעמדע יאַרידים אַרויס.

איז טאַקע אַזאַ מעשה מיט שלמהן פאַרלאָפן.
אַ כסליוו־ווינט האָט פון די פעלדער זיך געריסן;
די וועגן, די נאַכט מיט הויכן שניי פאַרשאָטן,
און שלמה איז ווי אין זאַמד געבליבן שטעקן.
ס'איז נישט געווען צו פאָרן, נישט צו גיין;
דאָס אויג, דאָס געזיכט נישט אַרויסצואווייזן.
פון דער ערד האָט אַ זאַווערוכע זיך געהויבן
און די פערד פונעם דישעל מיטאַמאָל אָפּגעריסן.
אויסגעשפּאַנטע — אין דער קורזשאַווע, אין ווינט,
זיינען די פערד ווי וועלף אַרומגעלאָפן בלינד
און מער נישט געטראָפן דעם וועג צוריק צום ייד.

שלמהס פערד וואָס האָבן אין בּריגל געשמט;
פאַר וועמען ער האָט דאָס האַרץ אויסגערעדט
הינטערוועגנס — אין די שווערע טעג,

זיינען שוין מער נישט געקומען צוריק.
און געשען איז דאָס מיטן אויגן־בליק —
נישט אַנדערש ווי ציגיינער זיינען אים באַפאַלן;
אָפּגעריסן די פערד פלינק פון געשפּאַן.
שלמה נעבעך, ווי אַ משוגענער ייד,
איז אַרומגעלאָפן אויף יעדן יאַריד
צו דערקענען זיינע ברייטע, בעמישע פערד;
האַלב אין שוואַרץ און האַלב אין זילבער —
ר׳האָט אַזוי אומגעבלאָנקעט גאַנצע חדשים,
קיין בריגל נישט צו קומען פאַרשעמט אַהיים.
גאָט, די שאַנד צו קומען אין שטוב אַזוי,
ס׳איז אים ביטער, ווי להבדיל דעם פורמאַן, דעם גוי!

די נסיעה האָט שלמהן צו קללות געטריבן.
ווען ר׳איז אין טרויער קיין בריגל אָנגעקומען.
אַז דאָס ווייב, די טעכטער האָבן אים דערזען,
זיינען טרערן אין זייערע אויגן געבליבן שטיין
און אויסגעבראָכן האָט אין זיי גרויס געוויין —
און מיט אים, זיינען אַלע געבליבן פאַרגליווערט שטיין.
ר׳איז גאַנצע טעג כמעט נישט אַרויס פון שטוב;
נישט געוואָלט זיך אַרויסווייזן אויפן טאָג־ליכט.
צום דאַוונען איז ער געגאַנגען אַ ביסל פאַרשטעלט
און פאַר יידן אין קלויז זיך נאַריש געשעמט.
געשטאַרקט און געמונטערט האָט אים דאָס ווייב:
— „נעם דיך שלמה צוריק אין די הענט אַריין.
עס איז נאָך חלילה נישט עק־וועלט!
געלויבט השם־יתברך דערפאַר,
וואָס ביסט מיטן לעבן אַרויס פון געפאַר.
אַ כפרה די פערד מיטן וואָגן סחורה
פאַר דער אָנקומעניש פון שרעק און פון מורא.

אַז עס וועט אונדז פון גאָט זיין באַשערט,
וועסטו אם־ירצה־השם האָבן אַ נייע פּאָר פערד.
האָף נאָר צום אויבערשטן און האָב בטחון,
וועסטו אין זכות פון די קינדער צו זיך קומען״. —

ט

ווי עס רוט נישט דער ים, אַזוי האָט שלמה נישט גערוט —
און ער האָט אויפסניי אַ פּאָר פערד געקויפט,
און געוואָרן צוריק איז אונגאַרן זיין וועלט.
משהן און יעקבן האָט ער מיטגענומען אין דערפער, אין שטעט;
די ברידער זאָלן אים העלפן האַנדלען אין דער פרעמד.
האָט אָבער שלמה אַ טבע זיך צו פירן מעשה נגיד;
די ברידער איבערצולאָזן אַליין ביי די פערד —
און זיך אַריינצוכאַפּן צו אַ רבין מעשה חסיד
און אָפּריכטן אַ שבת אין גרויס חסידות.
אַ שבת פאַר די ברידער הינטערוועגנס,
איז פאַרנאַכטיק און לאַנג,
איז אומעטיק און באַנג —
און ווי שעפּסענער ציטער פאַר וועלף,
ציטערן משה און יעקב אין פעלד.
שלמהס אַ שבת אָפּריכטן,
ווען ר׳בלייבט אין וועג אינמיטן,
איז מונקאַטש, אַמאָל פּרעשבורג
קען זיך ציען ביז נאָכן זונטאָגדיקן טאָג.
אין זיין התלהבותדיקן מעת־לעת
ביים רבינס ברענענדיקן חסידות,
פאַרגעסט שלמה אין זיינע ברידער,
וואָס ריכטן אין פעלד־אָפּ שבת
מיט אַ שלוש־סעודותדיקן כזית
ביים וואָכעדיקן וואָגן מיט סחורות.

ווי יעקבס קינדער פונעם חומש,
וואָס זיינען צו יוספן פרעמד געווען,
איז שלמה צו זיינע ברידער געווען.
ביי די רבים האָט ער זיך גרויס געשטעלט
און דעם אָרעמען משהן געקאַרגט געלט.
האָט אָבער ר׳ ברוכל פון גאָרליץ אַמאָל
שלמהן אַליין אַ שאַרף שפּיצל אָפּגעטאָן,
ווען ר׳האָט אים אַ פּדיון פון אַ מאה געגעבן.
דער רבי ר׳ ברוכ׳ל האָט משהן אַריינגערופן —
און פּנים אל פּנים, פאַר שלמהן אין די אויגן,
אין זיין חדר־מיוחד צו משהן אויסגערופן:
— נאַ משה, לעצט־געלט נאַדיר,
דער רייכער ברודער גיט דיר!
שלמהס פּנים, די באָרד, די הענט,
האָבן פון גרויס חרפּה געברענט.

י

שלמהס הויזגעזינד פירט זיך וועלטלעך —
אומעטיק, שלאַנק וואַקסן די טעכטער;
מיט ברענענדיקן שיק, בלאַס און מילד
און בענקען שטאַרק נאָך גרויסע שטעט.
רק זיי רייסן זיך ביכער צו שטודירן
און ווילן אין גימנאַזיעס אַוועקפאָרן.
זיי האַלטן־מיט אַלע רייכע לעצטע מאָדעס
און לאָזן זיך נייען קליידער לויט פּאַריז —
און בריגל ווערט פאַר זיי נאַריש.

און גוט איז דער טאַטע צו זיינע טעכטער,
בפרט נאָך ווען געלט איז לרוב פאַראַן —
וואָרים פאַר אַזעלכע מיידלעך דריי,
איז בריגל נישט קיין תכלית, קיין צוועק,
מ׳קען זיך, ב״ה, פאַרגינען זיי צו שיקן אַוועק —
שיקט מען קודם די עלטסטע טאָכטער חוהן
קיין ריישע אַהין צו דער באָבע חנהלען —
זי זאָל דאָרט אין דער גימנאַזיע גיין.
חנהלע קען אַזאַ יידישקייט נישט פאַרשטיין,
ווערט זי בייז אויף שלמהן איר זון,
למאי ער האָט די חוצפה דאָס אייניקל צו שיקן
אין גויישע שקאָלעס פויליש שטודירן.

פאַר חנהלען איז שלמה דער אוצר ממש,
שווייגט זי און גייט איין פון עגמת־נפש!
ווי עס וואָלט דאָ גאָר נישט געשען,
בעט זיך חוהטשע ביי איר מיט געוויין;
מיט קינדישע רייד פון מיידלשן חן,
אַז די באָבעשי זאָל נאָך פאַר איר בעטן,
זי זאָל אַ „צעליאָנצע" אַהיים ברענגען.
חוהטשע האָט די באָבעשי ווילד־ליב,
קושט זי חנהלען ביינאַנד מיט דער מזוזה
יעדן אינדערפרי פאַרן גיין אין שקאָלע —
און חנהלע בעט טאַקע אין דער שטיל
אויף אַ גוט צייגניש פאַר איר אייניקל.

יא

אין בריגל, אין ריישע ווערט שלמה ברייט געשאַצט.
ר׳האָלט ס׳עשירות אין ווינער „שפּאַרקאַסע" אַוועקגעלייגט.
און אין לאָנדאָן, אין דער באַנק „אָוו־ענגלאַנד",

ליגט פּאַר איטלעכער טאָכטער אַ נדן אָנגעגרייט,
צו נעמען איידעמס — דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן.
און אַז שלמה אַליין קומט אַמאָל קיין ריישע אַריין,
חנהלען, און אַלע גרויסע האַרט־סוחרים זען —
ציט טאַקע אָפּ דער אומעט פון חנהלעס שטוב.
מען פאַרגינט זיך מען צינדט די לאָמפּן־אָפּ
און משפחות, קיין עין־הרע, שטופּן זיך אין שטוב אַן,
און ס'ווערט מיטאַמאָל פון דער וואָך, שבת:
מען קויפט אַן אַלערליי בולקעס און געבעקס
און מען נעמט דאָס שבתדיקע עסצייג אַרויס;
דאָס זילבער, די לעפל, די גאָפּל, די מעסערס
און מען גרייט דעם גאַנצן טיש מיט סערוועטן,
ווי עס וואָלט טאַקע אויף אַן אמת שבת געווען.

ביז אין חצות אַריין טרינקט מען טיי אַזוי —
און מען רעדט וועגן מענטשן, וועגן שטעט,
און שלמה מעשה וועלט־מענטש, דערציילט
ווי אַזוי מען ווערט ביי לייטן רייך, נתעשר.
און ווי מען האַנדלט גרויס מיט מסחר;
מען דאַרף נאָר גוט קענען די וועלט
און וויסן ווי צו שפּעקולירן מיט געלט. —
אַלע אַרום זיצן ערנסט און געהאַרזאַם,
און שלמה וואַקסט אויס דער חכם.

פון חנהלעס אויגן בליט דער שטאָלץ;
פון גרויס נחת צעגייט איר האַרץ.
שלמהס קליידער, נגידיש־ציכטיק,
וואַרפן זיך גרויס־שטאָטיש אין יעדנס אויגן —
און בעת ער שמועסט אַזוי פון ווינער לייט,
דרייט ער געמיטלעך אויף די פינגער די קייט.
פון שווערס דרשה־געשאַנק דאָס גאָלד,

בליאַשקעט אַראָפּ פון זיין סאַמעטענער וועסט —
און שלמה אַ געמיטלעכער זיצט און רעדט.

שלמה באַרימט זיך און רעדט
און לאַכט זיך אויס און שפּעט
פון די וואָס רעדן אויף אים און זאָגן,
אַז געקומען איז שלמה ריישע אָפּנאַרן
און וויל אויפגעבן דעם מסחר אין אונגאַרן.
איצט קלינגט די שטאָט מיט שלמהן,
אַז ר׳קויפט אָפּ שניט פון סוחרים קליינע
און קאָסעט זיי אַרום ווי מיט אַ האַק.
ער צאָלט יעדן פּרייז פאַר דאַמאַסק
און הייסט אַלץ אויף גיך עקספּאָרטירן;
ס׳איז גרינגער דאָרט מיט סחורות צו שפּעקולירן —
דאָרט איז נישט ריישע, נאָר אויסלאַנד
און אַלץ גייט דאָרט ווי פון דער האַנט:
מען נעמט צו די סחורה פאַרפאַקטערהייט
און מען צאָלט דערפאַר געלט כמעט בלינדערהייט.

היות ווי שלמה האָט שוין ווין פאַרזוכט,
וואַרפט ער שטענדיק אַן אַ יקרות אויף שניט,
ווען ער כאַפּט זיך פּלוצים קיין ריישע אַראָפּ.
די איינצל־סוחרים פאַרשעלטן יענע טעג;
זיי קענען נישט מיטהאַלטן דעם פּרייז, דאָס געיעג
און קענען זיך נישט פאַרגינען מיט שלמהן צו שטעלן,
ווען זיי זאָלן שוין אַפילו עפּעס מער צאָלן וועלן.
שלמה קויפט פאַר ווין און פאַר מערן
און קען זיך פאַרגינען צו צאָלן די העכסטע פּרייזן.
פון אַזאַ מסחר שטעלן זיך אויף די פיס די סוחרים
און עס לעבן ממש אויף די ריישער משרתים:
מען פּאַקט סחורות אין באַלן, אין קאַסטנס איין
און שלמה רוקט אַ פעטן טרינק־געלט אַריין —
און פראַכטערס עקספּאָרטירן עס באַלד צו דער באַן.

חנהלע האָט שטיל אין תהילים אַריינגעוויינט,
ווען שלמה האָט ס׳הויז אין בריגל פאַרקויפט.
זי האָט געשוויגן, וואָכן דערפון נישט גערעדט,
ווייל געלאָזט האָט זיך שלמה אויף אַן אַנדער דרך.
אירע באַליבטסטע אייניקלעך, די טעכטער,
זיינען ביסלעכווייז געוואָרן אויפגעקלערטער
און צו גאַנצע טעג געזעסן ביי גויאישע ביכער.
אין שטוב צווישן זיך האָבן זיי גערעדט פויליש
און בלויז צו דער באָבעשי — יידיש.
אַרויס אויף שפּאַציר זיינען זיי העכסט מאָדערן:
אין ברייטע היטן, און פלאַטערדיקע וואואַלן —
און געהאַלטן ראַנדעוואוס מיט סטודענטן, אַדוואָקאַטן.
צוליב דער באָבעשי האָבן זיי שבת פרום געהאַלטן:
די האָר זיך נישט געקעמט, נישט געזייפט די הענט
און צו קיין ביכער זיך נישט צוגערירט, נישט געלייענט.
צו הערן הבדלה, ווי ס׳פירט זיך אין אַ חסידישער היים,
זיינען די אייניקלעך פון שפּאַציר געקומען פרי צוגיין
און זיך אויפגעפירט ווי יידישע טעכטער דאַרפן זיין,
אַבי אין די אויגן פון דער באָבעשי צו געפינען חן.

ווי עס ציט אַ פיש צו וואַסער,
ציען צו גרויסע שטעט די טעכטער.
זייערע קאָסטומען, די פּאַסאַנגען, די היטן,
זיינען שוין פאַר בריגל צו אויפגעריסן.
אַפילו ריישע איז פאַר זיי מער נישט גרויס —
גיב זיי לאָנדאָן, גיב זיי ווין צי פאַריז,
און נאָר זיי ווילן אין די קאַפעען זיצן;
אַרומגיין מיט סטודענטן, מיט קאַדעטן,
און לעבן ווי אין די ראָמאַנען איז באַשריבן.

מ׳וועט שטודירן אין אויסלענדישע הויכשולן —
און שלמה וועט די טעכטער נאָכגעבן;
וואוינען אין ווין און פירן גרויסע געשעפטן.

חנהלע פאַרשטעלט קלוג זייערע ביכער און מאָדעס
און מיידט אויס צו רעדן צו זיי אום־שבת.
אין קלויז נעמט זי איין חרפות און בושות,
און בעט ביים זון ר׳זאָל אויף איר עלטער האָבן רחמנות;
ר׳זאָל איר נישט פאַרשאַפן קיין צער, קיין עגמת־נפש.
זי שרייבט זיך ממש די הענט אויס צום זון שלמהן:
ר׳זאָל פון ריישע די קינדער קיין בריגל צו זיך נעמען
און די אַלטע מאַמען פאַר קיינעם נישט פאַרשעמען,
נאָר אויסהיטן די אייניקלעך פון גויישקייט, רחמנא־לצלן.

שלמה האָט דער מאַמען אין אַ בריוו אויסגערעדט:
— „מאַמע טייערע, אויף די עלטערע יאָר,
לאָז דיר נישט צו קיין עגמת־נפש אויף קיין האָר.
איך בין אויך אַזוי פרום, מאַמע, ווי דו —
און כאָטש איך וועל דיר איצט נישט פאַרשאַפן קיין נחת־רז
שרייב איך דיר אַז כ׳קלויב זיך צו פאָרן קיין ווין;
און אַז טעכטער זיינען אַנדערש ווי זין —
אום שיינע שידוכים מיט זיי צו קענען טאָן,
מוזן זיי שטודירן צו קענען צווישן מענטשן קומען.
און מבטיח בין איך דיר אַז נאָר אין דיין זכות,
וועלן זיי, מיט גאָטס הילף נישט באַגיין קיין עבירות
און וועלן שטענדיק אָפּהיטן די דינים פון כשרות.
דיין ליבער זון שלמה" —

יג

משהן און אַברהמען (ביידע
זין מיינע) — יאַנקלס צוויי
אייניקלעך — מיט ליבשאַפט

און געווען איז עס אין יענע טעג,
ווען חנהלעס יינגסטער זון יעקב
האָט זיך צו דער תורה געווידמעט
און אַליין פון זיך געוואָרן אַ מתמיד;
רק נאָר מעת־לעתן פון ספרים געלערנט
און פאַר אַן עילוי ברייט געשמט.
מ׳האָט פון אים אין הייזער גערעדט;
אויף אים מיט די פינגער אָנגעוויזן,
ווען ר׳איז איבער די גאַסן געגאַנגען —
און זיך אַזאַ בן־תורה געוואונטשן.

שלמה, משה און יעקב — אחים דריי.
פון יעקבן שלאָגט גאָטס ציטער;
זיינע אויגן ווערן טיף און בלוי,
ווען ר׳זיצט אין דער נאַכטיקער שעה
ביי אָנגעוואָרפענע ספרים אין קלויז,
און פרום וואַקסט זיין קול אויס
און זיין בלוט קאָכט און ברענט,
ווען ר׳זיצט ביים אָרון־קודש און לערנט.
זיין געזיכט ווערט מילד און בלאַס;
לויטער און קלאָר ווי אַ ספר־בלאַט.
פון אַ כזית־ברויט ווערט ער זאַט —
און דאָס בית־המדרש איז זיין געצעלט;
ער איז אַ בטלן צו דער וועלט.

אין קילן, טיפן גרויען פאַרטאָג;
אויף מאָך, געזימסן זילבערט דער טוי,

די שטאָט, די דעכער שיילן זיך בלוי —
פרישט יעקב ווי אַ נביא אויף.
אַלע טאָג אויפן זעלבן וועג אַזוי,
דורך דער מיקאָשקע, דורך שטויב,
גייט יעקב דאַוועגען און לערנען פרי.
נישט דער מאַרק און נישט די פויערים,
ליגן אים דעמאָלט אין מחשבות,
נאָר די טבילה ערב טלית־תפילין.
זיין האַרץ מיט קדושה איז לויטער;
ר'איז אַ חסיד פון ר' חיימל סאַנדזער.

ביינאַכט, ווערט ער שאָטנדיקער, טונקלער,
די קלויז שטייט פון מנינים לער,
און יעקבס קול צעטראָגט זיך העכער.
פון זיין לערנען זינגט, פון זיין לערנען וויינט,
און אַרום אים שוויגן שווער די ווענט;
צום אָרון־קודש איז זיין פנים געווענדט
מיט די אויגן צום בראָנדזענעם כתר אַרויף.
די לייבן, ווי לעבעדיקע, אין זייער לויף,
שפּאַרן אויף די לוחות ביזן באַלקן אַרויף.
די יאָרצייט־ליכט בויגן זיך און טריפן;
טאָפּיען און גייען אויס נאָך פרעמדע מתים
און יעקבס קול טראָגט זיך פון די ספרים.

אַ תלמיד־חכם ווי פון גאָט געבענטשט,
לערנט יעקב גאַנץ ש"ס אויף אויסנווייניק
און איז מיטן זוהר אויסגעבונדן שטענדיק.
אמת, ער קען נישט האַנדלען, נישט חשבונען;
פויליש־דייטש נישט שרייבן, נישט לייענען,
איז דערפאַר תורה זיין איינציקע סחורה
און שרייבט מיט דראָבנעם לשון־קודש
גאַנצע פּרושים אויף חומש־רש"י.

יד

יעקבס בלוט און זיין התלהבות
און זיינע שאַרפע חושים פון חכמה,
אַנטפּלעקן זיך ווען ער ווערט חסידיש,
ווען ר׳פּאָרט אויפן סאַנדזערס יאָרצייט —
אָדער אַזוי־זיך צו ר׳ ברוכל קיין גאָרליץ,
אַ יום־טוב פראַווען אויף רבנישע טישן,
נעמט זיך אין זיין קאָפּ חסידות מיט תורה מישן.
אין אַזאַ התלהבותדיקער גרויסער שעה,
קען ער לשם־שמחה טרינקען ביזן דנאָ.
ר׳איז ביי איטלעכן אַן עולם־ומלואו;
אַ בעל־מנגן אַן עולם יידן משמח צו זיין.

יעקב הייסט ער ווען ער לערנט ספרים —
און יאַנקל — ווען ער טאַנצט מיט חסידים.
ווער שמועסט, אַז ס׳קומט שמחת־תורה:
דעמאָלט לאָזט ער דאָס ווייב ביים שווער
און פאָרט צום רבין אַריין מיט פייער...
אָ־האָ — גאָרליץ איז מיט אים אויף, —
יאַנקל איז שוין אין שטעטל דאָ.
ער טאַנצט מיט די הקפות אונטערן הימל;
די פּאָלעס פאַרקאַטשעט אינם גאַרטל —
און אין ווייסע זאָקן, אין האַלבע שיך,
שפּרינגט ער העכער מיט דער תורה —
דער רבי פאָראויס איז גאָטס סחורה.
מיט פייערווערק, פאַקלען און פענער,
לויפן נאָך אַנגעצונדענע — די קינדער;
פון צופיל ליכט ברענען זייערע געזיכטער.

שישו ושמחו בשמחת תורה —
אויפן רבינס טיש גיסט זיך ווייַן

אין די בערד, אין די העלדזער אַריין
און יאַנקל קען גלייך נישט גיין.
ער שטייט אויפן פאַרגאַסענעם שולחן
און וואַרפט מיט פסוקים מעשה בדחן.
די ווענט שיכורן, די ווענט שוויצן,
דער מעיד אין קאָפּ לאָזט נישט איינזיצן.
דער רבי, בגילופנדיק און מיד,
זיצט ווי אַ שמחת־תורהדיקער ייד.

אַ פּורים־חסיד ווערט יאַנקל — אַזוי:
ער פאַרשטעלט זיך מיט אַ באָרד גרוי;
אויפן קאָפּ אַ צילינדער פאַרשאַרט —
האַלב יידיש און האַלב דאַטש,
און אַ ביסל ספרדיש, אַ ביסל אַשכנז,
שיט ער מיט פּורימדיקע גראַמען
און זאָגט יעדן אַריין אין דער מאַמען.
באַלד ווערט ער דער יעקב פון די אבות —
און פירט אַליין אויף מכירת־יוסף.
שטייענדיק אויפן טיש אין רבינס שטוב
שטעלט ער פאַר יוספן אין אַ גרוב;
ווי מ׳ברענגט צום פאָטער דאָס זיידן העמדל
און די ברידער ווייזן די שפורן בלוט,
אַז אַ חיה האָט זיין זון יוספן פאַרצוקט.

און אָט שטייט יאַנקל אין אַ האַנטוך
מיט אַ פלעשל משקה איבער זיך,
און מאַכט דעם פּורים־קידוש הויך.
מען קאַטשעט זיך פון געלעכטער;
מ׳וואַלגערט זיך אויף די בייכער
און מען שעמט זיך נישט פאַר די ווייבער —
ווען יאַנקל מאַכט זיך לוסטיק צווישן יידן
און פּראַוועט אַמאָל אַ פּורים ביים רבין.

אַז ס'טוט זיך אָפּ פון אים די גדולה,
פאַלט יאַנקל צוריק אַריין אין קבלה.
אַן אומעטיקער קומט ער אַהיים פון חסידות —
דעם שווער, דאָס ווייב טרעפט ער בייז,
ווייל רק נאָר ער פאַרט שטענדיק צו רבים
און ליגט אָפּ אין דער פרעמד יום־טובים.
אַחוץ עסן קעסט, דאָס ווייב יוצא זיין,
קומט יאַנקל צום שווער ווייניק אַהיים.
רוחניות איז פאַר אים דער איינציקער עול,
יאַנקל וויל לערנען און הערן זיין קול.

## יה

יעקב פון חסידות און פון ספרים,
איז געווען ווי אַן עפּל, ווי אַן אתרוג שיין,
מ'האָט מורא געהאַט ר'זאָל די קלאַסן שטיין.
גרויסע יידן האָבן אים געוואָרנט און געהייסן
ר'זאָל תיכף־ומיד עסטרייך פאַרלאָזן;
אין אַן עת־צרה מעג מען קיין אַמעריקע פאָרן,
ר'זאָל אַפילו דאָס ווייב און קינדער דאַרפן איבערלאָזן.
יאַנקל, דער טאַטע, האָט זיך ווי אַ קינד צעוויינט,
וואָרים ווייטער ווי אויפן סאַנדזערס יאָרצייטן
און קיין גאָרליץ צום רבין ר' ברוכלען —
איז נאָך יאַנקל מיט דער באַן נישט געפאָרן.
און איצט, אַזאַ ים־נסיעה דורכצומאַכן;
ווער האָט זיך אויף אַזאַ צאָרן געקענט ריכטן?

ווער ס'האָט חנהלעס געוויין נישט געהערט;
אירע שטילע אויגן וואָס האָבן געטרערט,

ווען זי האָט פון שטוב איר יעקבן אַרויסגעפירט —
ווערט אים קיינמאָל שוין קיין צער נישט זיין באַשערט.
די מאַמע האָט אים שטיל צום באַן באַגלייט
און אַ צעבראָכענע זיך פאַרן יחוס געשעמט.
ווי ירמיהו וואָלט אין חנהלען געקלאָגט,
האָט זי די פאַרגליווערטע ווערטער געזאָגט:
—„אין „טריפהנעם" אַמעריקע, וואָס טוסטו גאָט?
מאַכסט מיך צו בזיון פאַר דער שטאָט!
וויי דער מאַמען וואָס האָט אַזוינס דערלעבט
און וויי וואָס האָסט מיך אַזוי געשטראָפט." —

אַוועק איז אַ יונגער טאַטע אויף גאָטס באַראָט;
דאָס ווייב מיט די קינדער אינדערהיים געלאָזט.
חנהלע האָט איר זונס טריט געבענטשט;
אינם גאַנג אויסגעמידן אַ היימישן מענטש.
און תהילים האָט זי געזאָגט צו גאַנצע טעג:
יעקב זאָל מצליח זיין אין זיין וויטן וועג.
פון יעקבן דאָס קול, דאָס היימלעכע לערנען,
האָט שאַרפער איצט אין אירע אויערן געקלונגען.
מילא, דאָס ווייב, די קינדער וועט אַוודאי גאָט באַשערן,
דער ים וועט זיי בשלום קיין אַמעריקע פירן —
אָבער צי וועט חנהלע אַליין נאָך דערלעבן אים צו זען,
אין דער סאַנדזוער קלויז ביי ספרים אויף זיין?
בלויז איין גאָט אין הימל ווייסט,
אַז זי לעבט אין בטחון, אין טרייסט.

יז

יעקב, אויף אַ פרעמדער אויסלענדישער באַן,
פאַרגייט זיך אין פאַרשעמט געוויין,

ווען ער שטעלט זיך דאַוועגען אַ ייד אַליין.
פאַר זיינע אויגן דרייט זיך די ערד געשווינד
און פעלדער גייען אויף, ציען־אָפּ ווי ווינט.
אַ מאָדנער טרויער ווינט אין אים אַצינד;
ר׳בענקט נישט ווי אַ טאַטע, נאָר ווי אַ קינד.
— „גאָט, אויב איך זאָל חלילה נישט האָבן דיך,
טאָ, ווער אין אַזאַ וועג פירט מיך?
אָ, נישט איך דאַרף דאָ אַזוי פאָרן!
באַהיט מיך אין וועג אַ ייד אַליין,
אָמן!״ —

וואָקזאַלן, לענדער און שטעט —
יעקב איז אַליין אין דער וועלט.
די האַפנס, די הויכע שיפן,
וואָס ציען צום גרויסן ים אַוועק,
איז פאַר יעקבן איצט די שרעק;
דער קריעת ים־סוף פון מצרים־טעג.
באַוויזן, גאָט, יעקבן יענעם וואונדער,
וואָס משה האָט באַוויזן דיינע קינדער —
ר׳זאָל דיין ברייטן ים אַריבערפאָרן;
די שיף זאָל אים אין דיין ווילן פירן!
יעקבס קול איז געוואָרן דערהערט,
ר׳איז בשלום אַריבער אויף אַמעריקעס ערד.

# אטינל פערל



אַבֿרהמען — ראַצעלעס איינציק־
פאַרבליבענער אייניקל —
גֿעווידמעט

## א

ראַצעלע,
דאָס איז דאָס שנירל־פּערל פון שטאָט.
קליינוואוקסיק מיט אַ דאַר־געל געזיכט
און מיט אַ האַרץ וואָס טיילט צדקה מילד.
זי תהילימט נישט ווי איר שוועסטער חנהלע;
זי וויינט נישט ווי איר שוועסטער חנהלע —
נאָר טראָגט אין זיך די קדושה פון רחמים
און גייט תמיד אין אָרעמע שטיבער אַרום.
צו קימפּעטאָרנס טראָגט זי געקעכצן;
צו אָרעמע כּלות — לייוונט אויף געוואַנטן.
יעדער אָרעמאַן און אביון איז אויף איר קאָפּ;
אין זייערע געסלעך לאָזט זי זיך אַראָפּ
דאַנערשטיק לויפט זי צו די נגידים אַרום
צוזאַמענעמען פאַר אלמנות, פאַר יתומים
אַ ביסל מעל, אַ שטיקל פלייש צי חלות
אַלץ אויף לכבוד שבת.

אַליין אַ טאָכטער פון גרויסן יחוס,
שעמט זיך ראַצעלע נישט צו גיין פון הויז צו הויז —
און אָפן זיינען שטיבער פאַר איר,
וואו נאָר זי שלאָגט־אָן אַ טיר.

זי גייט אַרום מיט אַ טאָרבע, מיט אַ פאַרטוך;
איינזאַמלען וועש, מלבושים און שיך;
דרשה־געשאַנק פאַר הכנסת־כלה —
ווי שוואַך ראַצעלע זאָל נישט זיין,
שלעפּט זי זיך גאַס־אויס, גאַס־איין.
בלויז דער זכות פון מעשים־טובים,
שטאַרקט זי צו קענען גיין אַרום.

אין דער ווינטערדיקער מעריב־שעה,
איז זי קיינמאָל אינדערהיים נישטאָ.
אַ שניי פאַלט און פאַרשיט אַלץ —
און ראַצעלע מיט געלט אויף קוילן, אויף האָלץ,
גייט אום אויף דער וואַליע, אין טעפּער געסל;
קריכט קוים אין שניי, אין רויזנגעסל.
די לאַמטערנעס פיבערן אין בלויען,
אויף ראַצעלען טונקלען די שעהן.
איר גוף אין אַ באַראַנאָווע שאַל געהילט,
לאָזט זיך נישט נעמען פון וואָיענדיקן ווינט;
איר דינער שאָטן גייט אַ פאַרשאַרטער מיט —
און ביידע, אין דער זעלבער שליחות,
גייען מיט אַ ביסל „וואַרעמס" דערקוויקן אַ נפש.

ב

שניט־סחורה איז ראַצעלעס מסחר.
זי האַנדלט מיטן פריץ, מיטן פויער.
וואַלאַנטע דער גוי, דער גוטער,
העלפט ראַצעלען אויפשטעלן די ברעטער
און די סחורה פון שטוב אַרויסטראָגן.
ער פאַרוואַרפט אַלץ אויפן רוקן

און פאַרציט די קראָם מיט אַ שטריק.
אַ געבויגענער מיט דער משא שניט,
גייט ער שווער נאָך ראַצעלעס טריט
און צעלייגט די סחורה אויפן יאַריד.
יעדן דינסטיק און פרייטיק — אַזוי,
קומט צו ראַצעלען וואַלאַנטע דער גוי.

די מיקאַשקע וואו מען צעשטעלט די ברעטער,
איז פאַר פּשעקופּקעס, פאַר קליינהענדלער;
פאַר אַזעלכע וואָס האָבן נישט קיין געוועלבער
און וואָס ווילן אָנהאַלטן די סוחרישע עלטער;
אַבי נישט אָנצוקומען צו קיין קינדער. —
ראַצעלע ווערט איינגעדאַרט און בלאָ
און מאירל איינגעקוואַרט און גראָ,
פון שטיין אויף קעלטן אין שמאַטעס געהילט
און פונעם שניי וואָס דורך זייערע בלוטן ציט.
וואָס מ׳שטיינס געזאָגט איז דער שכר?
דאָס האַרץ עסט אויס דער פויער,
ביז ר׳הייסט שוין נעמען דעם מעטער.
וואָס איז דער ריוח, וואָס
פאַר אַן איבריקער מאָס?
אַ קאַרץ ערדעפּל, צי אַ שאָק אייער.
דאָס געזונט איז בילעכער, טייער,
שרייט ראַצעלע אויף איר מאיר.

ווינטער, אין די יאַרידישע טעג,
איז דאָס ראַצעלעס סוחרישער וועג:
מען שטופּט די וואָך, דעם מסחר
און מען לעבט אויף אייגענעם שכר.
האַלב לאַנגווייליק, האַלב אָרים,
קריכט מאירל נאָך מעריב אַרום

פון שניט־קראַם, צו שניט־קראַם
און מעסט ס׳לייזעכץ פון סוחרים.
ר׳פּאָרשט וועלכעס גראַטקעלע גייט;
מוסטערן וואָס האָבן זיך בעסער פאַרקויפט.
און ווי ביי זיך אין דער היים —
זיצט ער אויף יענעמס סוחרישן טיש;
וויצלט זיך און קלאַפּט מיט די פיס.
אין געוועלב דאָס פלעמל טריבט
און לעשט זיך פונם דרויסן וואָס ציט.
ווינטער, אין די מנחה־מעריבדיקע טעג,
איז דאָס דעם פעטער מאירלס סוחרישער וועג.

ג

אין אָדר־צייט, ווען דער ווינטער לאָזט,
פון געזימסן און דעכער רינט דער פראָסט
און האַרט און ווייך ווערט דער אָוונט,
אין די טעג פון סלאָטעס און בלאָטעס —
שטעלט זיך אָפּ דער „וויעלקי־פּיאַנטעק״.
מ׳צעשטעלט איבערן מאַרק „הייליקע״ בילדער, —
בילדער — פון דער מומע מאַריעס ציטער;
בילדער — פונעם יויזל אַ צוגענאָגלטער;
ווי ער ראַנגלט זיך וואונדיק צווישן נעגל;
צווישן ערד און מענטש און הימל
מיט אַן אויפגעשטאָכענער ברוסט,
פון שאַרפן שטאָך רינט דאָס בלוט
איבערן צלמימדיקן מענטשן־גאָט.

צעטראָטן איז דער מאַרק אין שטרוי;
וואָסערדיק שווער פון צעלאָזטן שניי.

אויף זעק, אויף שטעלעכלעך אויסגעשפּרייט
ליגן קלויסטערישע סחורות אויסגעלייגט
און יונים זינגען פרום זייערע רייד.
בלינדע און בעטלער — און קאַליקעס,
קניען ווי גלחים, קניען ווי נאָנעס
מיט פאַרגלייזטע אויגן פאַר נר־תמידס —
און שטרעקן אין פּסאַלמען די הענט צו קונים
מען זאָל דורך זיי בעטן רחמים.
פויערטעס בויגן זיך אין זיי טיף איין
און רוימען זיי עפּעס אין אויער אַריין
פאַר עמיצן צו בעטן, צו קלאָגן —
און וואַרפן צו מטבעס פאַר תפילה זאָגן.

פון אַזאַ יאַריד שמעקט שאַרפער צוויבל;
קרעלן, ליכט, הערינג און קנאָבל.
אין שפע לייגן יידן אַרויס אַלערליי סחורות:
יוכטן, אויבערטיילן און בראַנד־זוילן —
און אויף צעשטעלטע הויכע שטאַנגען,
וויגן זיך אַלערליי שיך וואָס הענגען.
מ׳איז ערנסט פאַרטאָן אין האַנדלען;
מען דינגט זיך און מען רייסט פון די הענט;
מען גנבעט, מען בענטשט און מען שעלט
און פויערים פון טייסטערס ציען אוצרות געלט.
אינם רעש, אין די קולות, אינם געדרענג,
ווערט אומעטום פון קעשענע־גנבים ענג.
סוחרים ווערן בייז, ריידן אויפגערעגטע רייד
און טרייבן די קונים און האָבן דערנאָך לייד.

פון דער שווערער מסחרדיקער לופט
און פון דעם פויערישן המון אין שטאָט,
רירט זיך דער יאַריד פאַר די אויגן,

ווי די ערד וואַלט זיך ממש געבויגן.
מ׳שטויסט זיך, און עס שפּאַרן און שטאַרצן
איבער אַלעמענס קעפּ — קאַסטעס און בייטשן.
דער מאַרק פון הענדלער, קונים אָנגעלאָפן,
איז ענג, ווי פון אַ פייער נישט צו אַנטלויפן.
משנכנס אָדר מרבין בשמחה,
מזלדיק איז דער חודש מיט שפע.

ד

פון די מאַרק־טעג, פון דער קעלט,
ווערט ראַצעלע איינגעדאַרט און געל.
זי פאַרגינט זיך נישט דאָס לעבן
און לויפט נאָר אַרום אין די געוועלבן;
אַ שטאָט מיט אָרעמעלייט צו באַזאָרגן.
ווי מ׳קען אַ לעכערדיקן זאַק נישט אָנפילן,
קען מען די ריישער קבצנים נישט זעטיקן.
געלויבט השם־יתברך ס׳איז נאָך דער וואָך
און ראַצעלע קען פון זיך וואַרפן דעם יאָך;
דעם שבת אָקעגן קומען באהבה;
מיט קדושה און מיט יראה.

ענלעך צו די געפעסן פון חומשדיקן משכן,
זיינען די כלים אין שטוב ביי ראַצעלען.
פון די ווענט אַראָפּ הענגען אַלערליי טעפּ
און בליאַנקען מיט מעש, מיט קופּער.
אין די ברייטע שאַבן־שענקלעך אַרום,
ליגן אויסגעלייגט פּאַרצייטישע חפצים
פון קידוש־בעכערס און בשמים־ביקסלעך,
אין דער מנורה טריקענען נאָך די חנוכה־קנייטלעך.

מיט שווערן גאָלד און מיט שווערן זילבער,
שפּיגלט דאָס עס־צייג, די בענטש־לייכטער
און דאָס דרשה־געשאַנק פון ראַצעלעס יחוס,
וואָס זי פּוצט יעדן דאָנערשטיק לכבוד שבת.

פרייטיק, ווען די שקיעה אין מערב ווערט גרויס,
פאַלט אויף ראַצעלען דער ציטער פון ערב־שבת.
אויסגערוימט ווערט יעדער שפּור פון דער וואָך
און ראַצעלע קען זיך נישט אָפּאָרען מיטן קאָך.
געקראַכמאַלעט, געמאַנגלט — אויף גיך,
לייגט זי קודם אויפן טיש דאָס טישטוך
איידער עס יאָגט אָן אויף איר דער לוח.

בייטאָג, שטייען נאָך פון נעכטן די לייכטער
פאַרחלבט מיט פאַרטריפטע שטיקער —
און מאירל פאַרגינט זיך די זיידענע בעקעשע;
די סאַמעטענע וועסט מיטן שווערן זייגער,
און איז אויפן קול די וואָכעדיקע סדרה מעביר.
ר׳גייט צום דאַווענען אין אַטלאַס, אין זייד
מיט גרויס קדושה, מיט גרויס פרומקייט.
אויף ראַצעלעס קאָפּ בלענדט דאָס שטערנטיכל
און אויף איר האַלדז — דאָס שנירל־פּערל,
און גייט אין קלויז מיט דער גאָלדענער קייט —
אַפּנים ס׳איז ראש־חודש בענטשן הייַנט.

ראַצעלעס שבת איז דער שענסטער אין דער וועלט.
מיט כל־טוב שטייען אירע אַלמערס אויפגעפּראַלט
און גאָרנישט איז פאַרשלאָסן, פאַרשפּאַרט.
אורחים קומען און גייען אַזוי ביז פאַרנאַכט;
זי שיקט די אייניקלעך אַרויס נאָך אָרימעלייט.
מען קומט קידוש־מאַכן און קוגל עסן;

אַנגעגרייט לרוב זיינען חלות און געבעקסן —
און ראַצעלע, ווייסט יעדער, איז צו געבן גרייט,
איר וואַרעם האַרץ שלאָגט שבתדיק ברייט.

ה

שוין איינמאָל אַ מלוה־מלכה שבת־צו־נאַכטס.
אַ חזקה וואָס ר׳ מאירל כהן האָט איבערגעלאָזט
און ראַצעלע היט די ירושה אָפּ מיט שטאָלץ.
אין אַ מוצאי־שבת צו איר אַרויפצוקומען,
איז דאָ עפּעס צו זען, עפּעס צו הערן.
די שטוב, אויפגעלייגט, העל און היימלעך,
איז פול מיט מומעס, פעטערס און אייניקלעך.
מ׳איז אָנגעטאָן האַלב־וואָכעדיק, האַלב־שבתדיק,
אויף די ווינטער־שויבן בליעןביימער פראָסטיק —
און וואַרעם איז פון ציגאַרן, לולקעס אַלערליי.
לעבעדיק און היימלעך זידט דער טשייניק טיי.

אויפגעמונטערט זיצט מען ביי די טישן;
שבתדיק שפּאַרן די בייכער פון די מאַנסבילן
מיט זייערע זייגער און קייטן אויף די וועסטן —
און מען ווערט נישט מיד רק צו שמועסן
אויף יענעמס יחוס, אויף יענעמס שידוך.
איינער דעם אַנדערן וויל נאָר איבערשפּאַרן —
און די פּנימער פון די ווייבער הייבן־אָן פלאַמען,
ווען מען פאַרגינט זיך לשון־הרע אויף יענעם.
אַ געהויבענע פון דער ברייטער מלוה־מלכה,
קוועלט אַרויס די קליינע מומע ראַצעלע.
אַ מכניס־אורחטע אין איר שבת־קלייד,
שטראַלט אַרויס פון איר ס׳ביסל פרייד.

מער ווי די גוטסקייט, דעם גוף דעם מאָגערן,
איז גאָר נישטאָ אויף איר וואָס צו זען —
און דאָס האָט אַזוי כוח אַרומצוגיין;
קיין אָרימאַן חלילה נישט צו פאַרזען.
זי טראָגט אַרום לייוונט אויף געוואַנטן;
אָרימעלייט ביים לעבן צו דערהאַלטן.
ראַצעלע — די פאַרבאָרגנסטע אין ריישע,
איז דאָס געשטאַלט פון שטילער קדושה,
פון בעל־שם די ירושה.

ז

בעניען און יאָסקען — זבולונס
איינציקע צוויי פאַרבליבענע זין
— געווידמעט

און אָט איז זבולון לחוף ימים —
דער ייד פון יוספס חומש־ברידער.
לאַנג־וואוקסיק, אויסגעדאַרט איז ער.
אין זיין לייב שלאָגט יעקבס בלוט.
זיינע אויגן גרויס, גרוי אין דער וועלט.
אַ ייד נאָך פונם שבט זבולון —
און ער האָט אויף שיפן איבער ימים געזעגלט.
אין וואָגל, אין געבויגענעם הייסן גאַנג,
האָט ער די זון אין זאַמדיקן מדבר געזען
און מיט אַ שטעקן זיין טראָט פאַרגרינגערט.
און ווייל ער האָט אַ קעמל דורך מדבר געפירט,
איז זיין פנים ברוין ווי ביי אַ כנענישן פויער —
און ער קען אַן אייזל מיט לאַסט באַלאָדענען;
אַדערדיק זיינען זיינע הענט, זיין גאַנג פאַרעקשנט.

זבולון לחוף ימים —
אויף דער ריישער יידישער ערד,
איז ער דער בן־תורה פון טאַרנער דיין;
דער זון פון ר׳ יידעלע וואָס האָט אַ ספר געשריבן
און איז פון צופיל לערנען בלינד געוואָרן.
זבולון לערנט קיינמאָל נישט אויפן קול.
זיינע ספרים זיינען ווי די שבת־שטוב שטיל.
ווייך ליגט זיין באָרד איבערן „עין־יעקב״;
איבערן „אמרי־נועם״ פון רבין ר׳ מאירל,
וואָס האָט נאָך זיך געלאָזט ר׳ יהושעלע.
פון ר׳ יהושעלעס שלום־עליכם פרייטיק־נאַכט,
האָט אַ ציטער געטאָן די דזשיקאָווער קלויז,
ווי ס׳לערנט זבולון פונעם „אמרי־נועם״ אַרויס,
ווען ס׳נעמען די פענצטער בליען מיט שבת.

ז

יידיש־גרוי הויבט זבולון די וואָך אָן,
אין האַרטע קליידער, אין ווילדע שטיוול אָנגעטאָן.
און מיט דער טבע פון אַ חסידישן שטאַרקן ייד,
האַקט ער האָלץ אין קלאַפּטערס אינדערפרי
און צעהייצט אין שטוב דעם קאַכליע־אויוון
ביז ס׳הויבט־אָן רינען דער פראָסט פון די שויבן
און ס׳נעמען אויפטייען די צוגעכאַפּטע טירן.
אויף שנעל ראַשטשיניעט ער שפּאַרעווריקן מעל;
ברויט פון אַ בן־תורהס האַנט געקנאָטן —
און גייט באַלד אַ פּאַרטאַגיקער צו טבילה.

און עס אָוונט זיין גאַס טיף און שטום.
אַ שניט־סוחר קומט זבולון פון דער שפּעטער קראָם

מיט אָנגעפּאָלענעם, פּרעמדן שניי אַהיים.
זיין גאַנג — ווי ר׳וואָלט אליהו־הנביא געווען.
ר׳טראָגט פּאַרבליבענע חפצים פון מסחר;
און ווייס און געשטאָלטיק איז ער,
ווי ר׳וואָלט אַ רופא צו אַ חולה געגאַנגען.
ר׳קען קיינמאָל זיינע פענצטער נישט דערקענען
ביז ס׳קומט אים די לבנה נישט אַנטקעגן;
פון זיין גאַס די לאַמטערנס, די שילדן.

און זבולונס היים־שטאָט איז ריישע;
דער שפּיץ פון מחלוקה סאַנדז־סאַדוגערע;
די שטאָט מיט נפטרים פון גרויסע יידן. —
אין די פרייטיק־נאַכטן, אין מאַרק אַרויס,
שלאָגן חסידישע שויבן מיט לייכטער
פון וואַרעמען מעש, פון ברייטן זילבער;
נגונים פון זמירות אויף די שבת־טישן —
און אַ ווייכע העלקייט אויפן מילדן זבולון.
טרויעריק פאַרשנייעט שטייען די דעכער
און דער מאַרק איז ווייס, שטיל און לער;
בלויז אַ וואָגן, און אַ פאַרבליבענער פויער —
וואָס וואָלגערט זיך אין שיכרות בא ג׳אַ טויער.
אָבער זבולון אין שטילן ליכט־טריף לערנט —
אינדרויסן דער הימל איז אויסגעשטערנט.

ח

זבולון לחוף ימים —
אין זיין לייב שלאָגט יעקבס בלוט,
אור־זיידעס קוקן פון זיין געזיכט אַראָפּ, —
אַלע — פרומע און פאַרצערטע, ווי ער, גראָ.

ר׳איז אַליין אַן איניקל פון טרויעריקן פּאָרטוגאַל,
טראָגט ער אין זיך די שרעק פון די געטאָס;
דעם ברענענדיקן קידוש־השם פון די שייטערס.
אין זבולונען שלאָגט דער פּחד פאַר קלויסטערס;
די אימה פאַר גלעקער און שווערע חגאות.
פאַר אַ צלם מאַכט ער גיך זיינע אויגן צו:
אַ סך שייטערס האָלט ער מיט די הענט פאַרשטעלט;
אין שרעק פאַר די אומות פון דער וועלט.

אַ ייד פון יוספס חומש־ברידער,
גייט ער דורך אור־קברים אין באַגינען.
פון ביינאַכט די לאַמטערנס צאַפּלען —
און פריש פון מרחץ טריפט שווער זיין באָרד.
עס נעמט דער פויערישער מסחר זיך רירן;
וועגענער קומען אָן מיט פאַרשטויבטע יידן
און איטלעכן ביט „גוט־מאָרגן" אָן זבולון
מיט אַ מעשה פון ניסים־ונפלאות פון אַ צדיק —
און ס'נעמט שעהן ביז ער קומט אַהיים צוריק.
היימיש און פרעמד ביז אין דער הויכער זון,
גייט ער מיטן טלית און תפילין אַזוי אַרום
און בלייבט שטיין אַ פאַרטראַכטער זבולון
צווישן די וועגענער, צווישן יאַריד־גרוי;
די באָרד, דעם קאַפּטן אָנגעשטעקט מיט שטרוי —
און קומט צום לעצטן מנין אַריין אַזוי.

ט

ביינאַכט, פון דער קלויז, פון די ספרים,
גייט ער אַ טריבער מיט אַ שטעקן אַהיים.
ווי אַ פינטל־מענטש קומט ער נענטער אויף;

שלעפט זיך קוים אויפן שווערן באַרג־אַרויף.
בייז בלייבט דער וועג אונטער זיינע טריט;
לענגער ציען די לאַמטערנס זיין שאָטן אויס
און ווי אַ וואָגלער, אַ משולח זעט ער אויס,
ווען ר׳גייט אין די ווינטער־נעכט פון קלויז.
אויפן וועג אַהיים לאָזן אים נישט רוען די לאָדנס;
ר׳פּרואווט צי פאַרמאַכט איז ס׳געוועלב, דאָס שלאָס.
זיינע אויגן ווערן מיטאַמאָל גרוי און גרויס,
ווען ער וואַקסט יעדער נאַכט דער זעלבער אויס,
נאָך מנחה־מעריב, פון די ספרים, פון דער קלויז.
אַזוי שלעפט זיך אַ מידער, אַ קאַלטער אַהיים
דער חומש־ייד זבולון פון לחוף ימים. —

און זיין היים־שטאָט איז ריישע.
געירשנט ס׳געוועלב האָט ער פון שווער ר׳ בעריש,
רופן אים די פויערים „בערקע" ביים צו־נאָמען.
ר׳האַנדלט מיט חסידישן ברען, מיט בטלנישן ברען.
מיט דער חכמה פון „עין־יעקב" רייזט ער שטעט אַרום
און פירט אַפילו מסחר מיט דער גרויסער וועלט:
מיט עסטרייכישע ראַנישן איז ער אַ „יודע" אין ווין;
אַ חסידישער „זשיד" אין פוילישן לאָדזש.
שבת ווערט ער צוריק דער זבולון פון חומש
און זיין בלוט ווערט אומרואיק און חסידיש,
ווי ס׳פּאַסט פאַר אַן איידעם פון זיידן ר׳ בעריש.

# ערד
# און
# שווערד



## א.

פון פחד אויפגעציטערט האָט די ריישער ערד,
ווען מ׳האָט פון פראַנץ־יאָזעפס קומען געהערט.
אין פענער, אין בלומען איז דער וואָקזאַל געשטאַנען
און אויפגעהערט צו קאָרסירן האָבן דערווייל די באַנען;
אויף די דעכער אַרום — זיינען געשטאַנען קאַנאָנען
און אויף באַלקאָנען — סאָלדאַטן מיט פּאַטראָנען.
פאַרן באַנהויף געשפּאַנט האָט דאָס מיליטער;
די ביקסן אָנגעלאָדנט, שטרענגס דאָס געווער —
זיינען געזעסן, מיט אַן אויג נישט געפינטלט.
געהאָרזאַם געוואַרט האָבן בייזע גענעראַלן;
די ברוסטן באַהאָנגען מיט שווערע מעדאַלן
און אַרויסגעקוקט דעם אַלטן קייזער צו דערוואַרטן.
געשפּילט האָבן באַנדעס צו עטלעכע מיטאַמאָל
און געווען איז אַ געדרענג — נישט צו גיין, נישט צו שטיין;
שטייף האָבן קאַוואַלעריען אַרום און אַרום געריטן
און ווי אַ ווירע־גלייך זיינען געשטאַנען רעגימענטן;
גרייט צו דעפּאַלירן, צו ציען די שווערדן,
ווי נאָר דער עלצטער גענעראַל וועט באַפעלן.

און קומען וועט דער קייזער אַזש פון ווין צופאָרן;
אַלע זיינע קאסערנס אין גאַליציע אויסקוקן;
אין די גרויסע פעסטונגס־שטעט אויספאָרן,
די כוחות פון זיין מיליטער אויסצופרואוון.

— מ'קוקט אויס די אויגן, מ'וואַרט נייגעריק אויפן שאַל
און אויף יעדן עלצטן און העכסטן גענעראַל,
מיינט מען אַז ס'איז טאַקע פראַנץ־יאָזעף אַליין,
ווייל מונדירן טראָגן זיי ווי דער קייזער געקליידט,
עפּאַלעטן און לאַמפּאַסן פון גאָלד און זייד,
וואָס ציען צו די שפּאָרנס אַראָפּ שאַרף און ברייט.
שטאָליק און קאַלט שלאָגן אָפּ זייערע שאַבליעס
און וואַרפן צו דער זון די ווייכע קוטאַסעס.
עס פאַלט אָן דער פאַרנאַכט אָוונטיק און ענג
אויפן שטוינענדיקן המון, אויפן שווערן געדרענג.

אין געל־שוואַרץ, אין וואָלן־ליכט געהילט,
ברענען לאַמטערנס ווי ציטערדיקער ווינט —
און ביז אין שטאָט אַריין, אויף די באַן־גאַסן,
ציען רייעס מענטשן, שפּאַרן אויף באַלקאָנען;
מ'שטייט אויף דעכער, מ'זיצט אויף געזימסן
איבער גאַנץ רושקאָוויעש, ביז די הערנגאַסן.
און פענער פלאַטערן מיט פאָרכט, מיט פּחד;
אין אַלע יידישע פענצטער ברענען מנחהדיקע ליכט,
אַרויסגעשטעלט פּאַטריאָטיש איז דעם קייזערס בילד
און פון אומעטום קוקט אַראָפּ פראַנץ־יאָזעפס באָרד
און וואַרפט אָן אַ ציטער אויף דער ריישער שטאָט.

אַריינפאָרן דורך רושקאָוויעש אין דער לענג,
וועט פראַנץ־יאָזעף דורכן סאַמע געדרענג.
ברייט און גרייט שטייט דער טויער אָפן;
גרין און קיל פון סכך־ביימער געפלאָכטן —
און אָט, אָט... וועט ער געשווינד אַדורכפאָרן.
די וואָס וואַרטן געשפּאַנט און שטייען
דעם אַלטן קייזער וואָס גיכער צו זען,
— האָבן קיינמאָל נישט געחלומט אַז דאָס קען געשען

און זייערע הערצער איצט פון שרעק קלאַפּן.
מען זאָל מיט די אייגענע אויגן האָבן די זכיה
צו זען פראַנץ־יאָזעפן פון הנותן־תשועה!
וועלכעס יינגל וואָלט עס אַמאָל געגלויבט,
אַז דאָס אַלץ קען אויף אַן אמת געשען, גאָט?

מען זאָגט אַז ער קושט ספרי־תורות;
אַז ר׳בוקט זיך אַפילו פאַרן אָרון־קודש,
און אַז ליב האָט ער אָרעמעלייט און יידן
און איז אַ גרויסער אוהב פון פרידן.
ר׳איז דאָס שפּיגעלע פון די האַבסבורגער;
פון גאַנצן קייזערלעכן הויף — דער קלוגסטער.

— — — — — — — — — —

אָ, פראַנץ־יאָזעף פון שיינעם קעניגלעכן ווין!
פאַרוואָס פּילסטו נישט די בענקשאַפט פון די זין;
פון די פריילײנס וואָס בענקען איצט אַהין?
ווין, אַך ווין, וואו דער דאַנוי פליסט;
צו דיין פּראַטער, צו דיין ריזנראַד ציט.
אין דיינע אַלייען ווילן זיי שפּאַצירן;
אין קאַפע־הייזער זיצן מיט אָפיצירן,
כאָטש אין לעבן אַמאָל צו קענען שטאָלצירן;
צו האָבן וואָס פון דיין שטאָט צו דערציילן. —
אַך, פראַנץ־יאָזעף
ווען דו וואָלסט איצט אין זייערע הערצער געווען!

ב

פּראָצעסיעס פון אַלערליי יונגע־אַלטע גלחים,
שפּרייזן לאַנגזאַם צום קייזערס טויער מיט צלמים.
אין קלויסטערישע תפילות, אין פּסאַלמעדיק געזאַנג,

ציען דאָרפֿישע שיקסעס אין וויגנדיקן גאַנג.
מ׳איז אויסגעפּוצט אין „עסיק און אין האָניק״:
אין געפלאָכטענע קווייטן, אין זיידענע סטענגעס
און מען טראָגט קוישן — פּויערישע מתנות,
ווי ס׳וואָלט געווען איצט די שווערע חגאות.
אין קיטלען פאַראויס — שפּאַנען שמשים
מיט לאָמטערנס אין די הענט, זאָגן עפּעס פרום.
די קאַסטשאָלעס קלינגען קופּערדיק און שווער;
אַ לאַנגע ציט די פּראָצעסיע צום קייזערס טויער.

אַרויס זיינען די אָנגעזעענסטע יידן;
גאַנץ קהל צוזאַמען מיטן בית־דין —
און ווי ס׳וואָלט געגאַנגען אַ סנהדרין,
האָבן בערד אין די אויגן זיך געוואָרפן.
מ׳איז שבתדיק פרום געווען אָנגעטאָן:
אין שטריימלעך, אין הויכע קאָלפּיקעס;
אין צילינדערס און אין פראַקס.
אַ פלאַטער פון יום־טובדיקן אַטלאַס,
האָט ווי פון דער וואָך געמאַכט שבת!
מיט יום־כיפורדיקן פאָרכט און ציטער,
איז מען געגאַנגען אַקעגן דעם קייזער.

אַלערליי רבנים און זקנים — פאָראויס,
זיינען געגאַנגען ווי אין די הקפות.
מיט דער תורה ווי לעבעדיק אין דער ברייט;
אָנגעטאָן אין אַן אויסגעשטיקט מענטעלע־זייד
מיט פראַנץ־יאָזעפס נאָמען אויסגענייט
פון פעדים זילבערנע־גאָלדענע אויסגעהעפט.
אויף דער ספר־תורה אין דער שפּיץ,
איז מיט אַלערליי גלעקלעך געזעסן שטאָלץ
דער שווערער כתר פון דער גרויסער קלויז —
אַז אויפגעציטערט האָט אַפילו דעם קייזער.

פאַר די וואָס אַלץ האָט ווי אַ לעגענדע אויסגעזען,
האָבן דעם וואָר פאַר די אויגן איצט אַליין געזען:
אין אַ לאַקירטע קאַרעטע, אין העכסטן שפּאַן,
איז פראַנץ־יאָזעף דורכן געפּלאַכטענעם טויער אַריין —
און רק עס האָבן נאָר געהאַלטן אין איין פאָרן
פיר־פערדיש, געשפּאַנטע קאַרעטן.
ס׳האָט נישט געגומען קיין עק, נישט קיין סוף;
אַ בלענד געטאָן האָבן מונדירן און מעדאַלן
פון אָפיצירן, פון הויכע גענעראַלן.
קאַוואַלעריען זיינען ממש אויף מענטשן אַרויף
מיט זייערע אָנגעצויגענע קייזערלעכע פערד —
און ס׳מיליטער האָט נאָך אַלץ געצויגן, געשפּאַרט.
ווי מיטאַמאָל האָט דער קייזער זיך אָפּגעשטעלט,
און געבליבן זיינען די ריישער יידן איבערראַשט,
ווען אַרויס איז פראַנץ־יאָזעף, די תורה געקושט.
קהל האָט אָקעגן געטראָגן ברויט מיט זאַלץ
און פאַרגויגט האָט זיך פראַנץ־יאָזעף פאַר אַלץ.
דעם קייזערס העפלעכקייט האָט זיך גיך פאַרשפּרייט;
די גאַנצע שטאָט האָט אויפגעבליצט פון פרייד.
געמאַכט אַ ברכה האָט מען אין אַלע בתי־מדרשים:
הנותן תשועה למלכים . . .

ג

אַ שאַרלעכער פאַרנאַכט האָט אומעטיק געברענט,
ווען מ׳האָט די בשורה פון אויסלאַנד געברענגט,
אַז דעם עסטרייכישן טראָנפאָלגער פערדינאַנד,
האָט אין סאַראַיעוואָ דערשאָסן אַ סטודענט.
אַ טרויער האָט אומרואיק אַרומגעכאַפּט דאָס לאַנד —
און רעדלעך־יידן האָבן טעג פון מלחמה גערעדט;

גרענעצן און לענדער אויסגעלייגט אויף די הענט
און רק זיך נאָר געקאָכט און זיך געשפּאַרט:
אַז דייטשלאַנד פון איין זייט —
וועט שלאָגן פראַנקרייך און בריטאַניע,
און צוזאַמען מיט טערקיי —
וועט עסטרייך בייקומען דעם מאָסקאַל־פּאַניע.
אין אַ שאַרלעכן פאַרנאַכט איז אַראָפּ די שווערד
און אַ שרפה האָט אַרומגעכאַפּט די עסטרייכישע ערד.

אַנדערש אַרויס איז היינט ס׳פערציקסטע מיליטער
אין ווילדן געיעג אויף נאַכטיקן מאַניעווער —
און געשאָטן האָבן זיך ווי זאַמד און ערד,
קאַנאָנען און וועגענער צום סטראַטעגישן פעלד.
מ׳האָט אין יעדן הויז פון מלחמה גערעדט
און קהל האָט נאָר צו אסיפות גערופן;
אויפגעוועקט נעכט און די לאַנגע שעהן —
און צעהיצט פון רייד און פון לאָמפּן,
האָבן געפּאַרעט און גערונען די שויבן.
אין מאַרק פאַר קהלס ברייטן טויער,
האָבן יידן געוואַרט מיט אַן אָנגעשטעלט אויער.

ד

אַראָפּ איז די שווערד אויף דער ערד.
דייטשלאַנד־עסטרייך האָבן מלחמה דערקלערט —
און צוגעשטאַנען צו זיי איז אויך טערקיי;
אַ שטאַרקער בונד פון דריי.
אַ טרויער איז אין די הייזער אַריין,
ווען מ׳האָט צו „שטעלונג" געהייסן גיין.
מאַמעס האָבן די הענט, די פינגער געבראָכן;

ווי אין חלשות די באַקן זיך געקניפּן;
אין טאַטעס פאַרשניטן זיינען געוואָרן די בלוטן.
די „קאַמיסיעס" זיינען געווען שטרענג —
און אסענטירט פון רעכטס און פון לינקס;
נישט געקוקט צי מ'איז קראַנק, צי געזונט.
ס'איז אין ריישע ממש אַ „שחיטה" געווען;
ווער ס'האָט זיך נאָר אַ נאַקעטער באַוויזן
האָט דער „מיליטער־אַרץ" אויפן אָרט פאַרהאַלטן.

אויף אַזאַ „שחיטה" האָט זיך קיינער נישט געריכט.
אויסגעוואַקסן איז מיליטער איבער נאַכט.
די וואָס מ'האָט נאָר־וואָס נעכטן אַסענטירט,
האָט מען היינט שוין ווי דערשלאָגענע שעפּסן געפירט.
צו רעשטלעך רעקרוטן האָבן זיי איבערן שטאָט מאַרשירט.
מ'האָט אַלץ איינגערופן אויף גיך:
אויף אַקסלען זיינען געהאָנגען מונדירן און שיך —
און ווי די גאַסן לאַנג — געצויגן,
האָבן ישיבה־בחורים מיט פאַרטרערטע אויגן,
און האָבן ווי אָפּגעגאָלטע גויים אויסגעזען.
מ'האָט זיי ווי בלינדע געשלעפּט פון קאַסערן צו קאַסערן.
באַ נאַכגייענדיקע מאַמעס האָבן די פּנימער גענומען צערן
און מען האָט זיך געהאַלדזט מיט רחמים און מיט טרערן:
— שמואל, איינציקער זון מיינער!
— אַלץ וואָס מיר איז ליב און טייער,
— פירט מען איצט אַוועק אין פייער.
— למען־השם, פאַרגעס זיך נישט,
— גיב אַכטונג אויף יעדן טריט און שריט
— און שרייב באַלד וואו דו ביסט.
— כ'וועל פאַר דיר גאָט בעטן יעדער מינוט.
— — — — — — — — — — —
ס'העלפט נישט קיין טרערן, נישט קיין געוויין.

מ׳רייסט די מאַמעס אָפּ פון זייערע זין —
און די מאַמע ווי אין חלשות בלייבט אַליין
מיט אויפגעהויבענע הענט אינמיטן וועג שטיין.

דאָס לאַנד גייט מיט לייב און לעבן
פאַר פראַנץ־יאָזעף די לעבנס אָפּגעבן.
אין שטרענגן מאַרש צום מיליטער איינרוקן ;
איטלעכער מיט אַ פּעקל צוגעטיילטע מונדירן —
גייט מען האַלב־ציוויל, האַלב־רעקרוט אָנגעטאָן.
אין זעלנערישע היטלען אַרויפגעוואָרפן פאַרקערט,
שאַרט מען געלעמט די פיס אויף דער ערד.
אַ סך וואָס זיינען אינדערהיים נאָך געווען אַ קינד,
זעען איצט אין זייערע מאַמעס אויגן אויס פרעמד.
אַנדערש קוקן איצט אויס זייערע פּנימער, די הענט,
אַמאָל וואָלט אַ מאַמע אין דער פינצטער זיי דערקענט. —
איינער אויפן אַנדערן וואַרפט איצט דעם לעצטן בליק,
פאַרן פאָטערלאַנד קעמפן גייט מען איצט האַסטיק —
שיק מיין קינד, גאָט, אַ גאַנצן, אַ לעבעדיקן צוריק.

ווי אויף מענטשן, אַזוי איז געווען אויף בהמות.
אַרומגעגאַנגען איבער דערפער זיינען קאָמיסיעס ;
די שפּייכלערס, די שטאַלן געפּלינדערט אָן רחמנות.
מ׳האָט פאַרכאַפּט שאָף און רינדער, פערד און חזירים
און אַ צער איז געווען אויף די אָרעמע פויערים.
זיי האָבן ביטער געוויינט און געפאַלן אויף די קני
און געבעטן מ׳זאָל פון זייערע אָנגעהאָרעוועטע פי
כאָטש איבערלאָזן פאַר זיי די לעצטע קו,
וואָרעם אַנדערש וועט זיי אויסקומען אויסצוגיין
נאָך זאַלץ אַ ביסל, נאָך נאַפט אַ טראָפּן ;
גענוג וואָס מ׳האָט פון זיי די זין צוגענומען.
בעסער שוין אַ קויל אין קאָפּ זיך אַריינצושיסן,
איידער די געפּלינדערטע שטאַלן צו פאַרשליסן.

ה

גאָט פירט די וועלט און יידן רעדן פּאָליטיק.
מ׳איז פאַרקאָכט אין מלחמה, מ׳לערנט ווייניק
און מ׳ווערט טעג נישט מיד צו שטיין אין מאַרק.
די מלחמה טרייבט דעם מסחר ווי אַ בראַנד;
אַמעריקעס דאָלאַרן זיינען די רייד פון לאַנד —
און סחורות שטייגן, ברענען אונטער די הענט.
מעקלערס אַלערליי גייען ווי משוגענע אַרום
און צעמישט ווערן די מוחות פון די סוחרים.
אַזאַ פייער איז נאָך נישט געווען אויף דער ערד,
ווי איבער נאַכט ווערן פּאַליצעס אויסגעלערט
און די סחורות ווערן מיטאַמאָל פאַרשוואונדן;
מיטן אויג נישט צו דערכאַפּן — פאַרלוירן.

גאָט פירט אומעטום די גרויסע וועלט.
מענטשן מאַכן זיך נאַריש מיט געלט.
דער האַנדל קאָכט און זידט מיט אַלץ
און טעג ווערן פון דער בערזע שוואַרץ:
פאַרגרינטע יידן פון אומעטום שטאָט,
גייען נייגעריק אַרום פון ראָד צו ראָד,
הערן וואָס די „באַנק אָוו ענגלאַנד״ זאָגט;
ווי מיט דער „שפּאַרקאַסע״ אין ווין האַלט
און מיט דער „קאַסאַ־אַשטשענאַשטשי״
אין ריישע. —

וואַלוטעס שטייגן פון מינוט צו מינוט;
אין זעלבן גראַד גייען די סחורות מיט.
מ׳וואַרפט זיך אַריין מיטן גאַנצן ברען:
מעקלערס שטעלן־איין וואָס מען קען:
מ׳ציט זייגערס און קייטן פון די וועסטן;

דעם ווייבס צירונג האַלט מען אין פאַרזעצן, —
מ׳שלעפּט ממש אַרויס די נעגל פון די ווענט;
מ׳גיט אַוועק אויף באָרג, אויף הויכן פּראָצענט
וואו נאָר ס׳לאָזט זיך — די בערזע ברענט.
אַזוי לאָזט מען די שטוב אָן אַ פּרוטה איבער,
ביז דער בראַנד פייער גייט אַריבער.

און די וואַלוטעס האַלטן אַזוי אין איין שטייגן
און סוחרים פאַרן קיין אויסלאַנד שפּעקולירן:
הערמאַן לובאַש וויל זיך פון ווין נישט רירן;
חדשים ווי פּייוול און קאַרפּ זיינען אין שלעזיען;
חיים־וואָלף בוי לאָזט זיך וואוילגיין אין מעירן,
און אין דייטש־בעימען זיצט יחזקאל וואַנג —
און אַלע שיקן שניט שוין וואָכן־לאַנג
און דעפּעשירן מ׳זאָל די סחורות האַלטן;
מ׳זאָל קיינעם קיין פאָדעם נישט פאַרקויפן.

אַזאַ פייער צעדרייט פּשוט דעם קליינהענדלער;
ר׳גלויבט שוין מער נישט אין דעם האַרט־סוחר
און ווייסט נישט מער פון קיין חשבון צו זאָגן,
צו שוואַך איז זיין קאָפּ אַזאַ מסחר צו טראָגן. —
ער גייט אַרום ווי אויף יענער וועלט:
צי זאָל ער האַלטן די סחורה, צי דאָס געלט?
מ׳וואַרפט זיך מיט אַסיגנאַציעס ווי קורח
און עפּעס ווערט מען איבער נאַכט גרינג רייך, —
עס זאָל נאָך חלילה נישט קומען דער קראַך!
— — — — — — — — — — — —
אויף דעם סאָרט מסחר האָט שבתי אַזאַ פּשט:
צו האַנדלען אַזוי איז אַ הימל־געשריי;
פּרנסות אַזעלכע צעגייען ווי שניי, ווי בליי.
היינט איז וואויל און מאָרגן, אַז אָך און וויי.

די וואָס טראַכטן קיינמאָל נישט פון קיין נויט,
ווען היינט־מאָרגן אָנקומען צו בעטל־ברויט.

זיינען טאַקע אָנגעקומען טעג פון צאָרן אין לאַנד,
פון דער שוואַרצער בערזע האָט אָפּגעצויגן דער בראַנד
און געפאַלן זיינען וואַלוטעס און סחורות נאָכאַנאַנד.
אַ סך האָבן באַגליקט, אַנדערע די קעפּ געבראָכן.
די וואָס האָבן די פאַרמעגנס פון שטוב אַרויסגעטראָגן,
זיינען שוין מער קיין תחית־המתים נישט אויפגעשטאַנען.
עס זאָל שוין אַ מענטש אַזוי נישט געפּרואווט ווערן,
ווי ס'איז לייזערל בורשטין געשטראָפט געוואָרן:
ר'האָט אַזוי דער טאָכטערס נדן פאַרשפּילט
און געבליבן לעולם־ועד אַ פאַרנאַרטער ייד.

ז

אויסגעוואַקסן זיינען מאָפּעס מיט נעמען
פון לענדער, שטעט, טייכן און פעסטונגען.
און ריישע איז נישט געווען צו דערקענען:
אין אַלע אויסלאַגן, אין אַלע פענצטער,
זיינען געשטאַנען העצנדאָרף־הינדענבורג בילדער;
געפלאַטערט האָבן דייטש־עסטרייכישע פענער —
און אין לאַצן, אין די היטלען אויף די קעפּ,
האָט כמעט איטלעכער געטראָגן צוגעשפּילעטע קנעפּ
פון די קיסרים־צווייַ אין מלחמה־צייט: —
פראַנץ־יאָזעף מיט דער באָרד — צעטיילט
און דעם שטרענגן קייזער ווילהעלם אין אַ זייט.
צו גאַנצע טעג זיינען אַרומגעלאָפן קינדער
אין גרויס גדולה ווי אויף בייז וואונדער
נאָך אַלע מיליטערישע מאַרשן — פאַראויס

צו הערן די מוזיק שפּילן פון די באַנדעס.
געשאָסן האָבן זיך ווי זאַמד און ווי שטערן
סאָלדאַטן מיט אַנגעצויגענע קאַלטע שווערדן,
וואָס האָבן געהאַלטן אין איין דעפּאַלירן
פאַר זייערע גענעראַלן און אָפיצירן.
פון ביקסן האָט די לעצטע אימה געשלאָגן;
דאָס איז מען איצט אַוועק אויף די שלאַכטן,
וואָרים אַפילו קעניג קאַרל פון אונגאַרן,
ליגט איצט אויך אַליין אויף די פראָנטן.

צווישן וועגענער, שטויב און ערד,
נאָך זייערע מאַנסבילן אויף רייטנדיקע פערד,
האַלב־געבראָכן און האַלב־געבויגן,
שלעפּן זיך נאָך ווייבער מיט רויטע אויגן
און קושן די זאָטלען, די זעלנערישע שפּאָרנס.
ציענדיקע טרעינס און מענאַזש־וואַגנס,
סמאַליען שוואַרץ אונטערן הימל, ווי אויוונס —
און שטייענדיקע קצבים ווי אין יאַטקעס,
טרייבערן און שינדן געהרגעטע בהמות;
האַקן קעפּ פון געפאַלענע שלאָפע פערד.
אַ ריח פון פערדיש בלוט פון די קעסלען זעצט
און פאַרנדיק אַזוי ציט מען הינטערן שטאָט ווייט.
גאָט, אַלץ וועט ווידוי זאָגן ערגעץ העט,
ווען מ'וועט האָבן אָפּגעגאַנגען צו אַ פעלד:
די יידן וועלן אויפוויקלען די טליתים
און זיך הילן פאַרן פעלד־ראַבינער, ווי מתים.
מ'וועט זיי בענטשן, די ברכה געבן
מ'זאָל ניצול ווערן און לעבן בלייבן;
מ'זאָל חלילה אין פייער נישט שטאַרבן...

ז

וואַסערדיק און האַרבסטיק זיינען די הימלען —
אויף שטרעקעס שלעפן זיך דערשראָקענע באַנען;
געפּאַנצערט מיט ביקסן די וואַגאָנען.
סאָלדאַטן פון די פענצטער, פון די דעכער,
זינגען האַסטיק זעלנערישע לידער
און זינקען ביסלעכוויז אין טרויער.
עס פאָרן נאָך גענערעלער —
עס פאָרן נאָך שפּיטעלער —
שטאַלן מיט שטומע פערד
אין בענקשאַפט נאָך ערד —
אַלץ פאַרשווינדט און פאַרבלינד;
אַ פלעמל נאָכן לעצטן וואַגאָן צינד.

טיפער ווערן די וועלדער, די באַנען
און שטילער די פאַרלאָשענע שויבן.
אין רעגנס, אין בלאָטעס שטייען די פראָנטן
און עס זינקען די צוגעקומענע רעגימענטן.
די פעלדער מיט שטעכיקע דראָטן פאַרצוימט
און שווער איז די ערד דאָ און טויט:
עס יאָגן שראַפּנעלן און האַנט־גראַנאַטן
און מ׳לויפט אויף שטורעם מיט באַיאָנעטן.

פאַרוואַלגערטע טויטע פערד אין טאָלן,
ליגן מיט זייערע רייטערס דערשאָסן —
און אָנגעלייגט ליגן גופים גאַנצע שטויסן.
אין פאָטאָגראַפישע משפחות איינגעקלעמט,
זשיפען נאָך אַ סך, רירן קוים מיט די הענט
און שאַרן די פינגער נאָך וואַסער איבערן פעלד,
און אין בלוט ראַסטיקן זייערע ביקסן רויט.

מ׳טרעט אויף טויטע ווי אויף ליים;
דער חלום איז אַ ווייב, אַ קינד, אַ היים.
ווי בויגנדיקע בלעכן דונערן האַרמאַטן;
טאַטעס און זין ווערן לעבעדיק פאַרשאָטן
עס שטאַרבט די וועלט
אויפן שלאַכט־פעלד.

ח

שווער איז געווען ריישע צו דערקענען:
די שילדן אָפּגעריסן האָט מען פון די קראָמען
און געטראָגן האָט מען סחורות פון געוועלבער
אינמיטן נאַכט פאַרמויערט אינם קעלער.
ס׳הייסט אַז „פאָניע״ איז שוין נאָך לעמבערג
און שפּאַרט שוין די פּשעמישלער פעסטונג;
ר׳האָט שוין כמעט די באַנען פאַרכאַפּט
און וועט אַפילו ריישע באַדראָען באַלד.
בליץ־גיך וועט עסטרייך מוזן ריימען
און אַנטלויפן אַרויפצעצו קיין בעימען.

אין נאַכט, אין שרעק איז ריישע געשטאַנען
און מ׳האָט קוים געקענט די שטאָט דערקענען.
אויף אַלע טירן זיינען געהאָנגען שווערע ריגלען
און באָבעס מיט תהילים אין זייערע אויגן,
האָבן די גאַנצע נאַכט צום אויבערשטן געבעטן,
אַז מ׳זאָל אַלץ בשלום שטיל באַהאַלטן;
דער סטרוזש זאָל נישט וויסן פון פאַרמעגן.
ווי נאָך גזלנים איז געבליבן שטיין יעדעס הויז,
ווען מ׳האָט דאָס זילבער, די ספרים געטראָגן אַרויס.
אַלץ פון די שטיבער האָט מען גיך אויסגעלערט;
די טייערסטע חפצים באַגראָבן אין דער ערד.

און אלולדיק, און נאַס, און שווער;
באַדראָעט מיט ביקסן, מיט מיליטער —
זיינען גאַסן געשטאַנען אין דער פינצטער.
אין גלוסט און אין ברענענדיקן לויער,
געטשאַטעוועט האָבן הוזאַרן פאַר יעדן טויער,
אויף שיקסעס, אויף פויערישע דינסטן
זייערע קני, די פיס האָבן גענומען פיבערן
ווילד שלאָגן האָבן גענומען די זעלנערישע בלוטן;
די קני, די פיס ציטערן און פיבערן
און קלענער איינגעלאָפּן זיינען זייערע אויגן.
די שיקסעס פון גלוסט, ווי לעמער שטום,
זיינען געלעגן אין זעלנערישן אָרעם —
און מ׳איז פראַסט און אָפּן מיט די הענט
געקראָכן פרעך אונטער דער פויערטעס העמד —
ווען די שלאַכט אויפן פראָנט האָט געברענט.

ט

אין גרויס אימה, אין גרויס מורא,
שטייט דער ייד זבולון דער בן־תורה
און גראָבט טיפער דעם קעלער
און ברעכט די מאָכיקע מויער
ס׳ביסל האָב־און־גוטס צו באַגראָבן.
אין דער שרעק, אינעם קעלער;
אין חנהלעס שטילע באָבישע פינגער,
האָט דער חלב פון גראָשנדיקן ליכט
געוויינט — אָנשטאָט געטריפט.
און געשטאַנען איז זבולון און געמויערט;
אַ ציגל צו אַ ציגל — אַליין צוגעשניצט,
און דאָס פאַרמעגן פאַרמויערט —

און מיט ליים, מיט וואַפּנע פאַרגלעט.
ר׳האָט פינקטלעך יעדן חפץ פאַרשריבן,
פון יעדן פיצל סחורה חשבון געהאַלטן.
חנהלע מיט גראַשנדיקן ליכט,
האָט צוגעלויכטן דעם בן־תורה דעם ייד
און פון קרבן־מנחה סידור — געזאָגט
און רק געבעטן גאָט ברוך־הוא,
ס׳זאָלן די רשעים נישט האָבן קיין שליטה,
די מזיער זאָל בלייבן גאַנץ, אומבאַרירט.

מיט אלולדיקע ראָסע האָט זיך דער פאַרטאָג געשטעלט —
און זבולון האָט ס׳הויז־געזינד אויף אַ פור אויפגעזעצט;
אַלץ וואָס ער האָט געקענט האָט ער אַרויפגעלייגט:
קליידער און בעטגעוואַנט, כלים און ספרים
און מ׳איז צום וואָקזאַל אוועק נאַקעט און אָרעם.
אין דער היים זיינען חנהלע און זבולון געבליבן מיט בטחון,
אַז עסטרייך־דייטשלאַנד וועלן „פּאַניען״ צוריישע נישט צולאָזן,
ווי נאָר די „מאָסקאַלעס״ וועלן זיך אָנהויבן ווייזן
זבולון און חנהלע האָבן פעסעט באַשלאָסן,
די שטאָט פאַר קיין אופן נישט צו פאַרלאָזן
נאָר אין ריישע צו בלייבן בעסער מיט די רוסן.
אַז גאָט וועט חנהלען און זבולונען באַשערן,
וועלן זיי ביי „פּאַניען״ אויך בלייבן לעבן;
חלילה נישט, זאָל מען כאָטש אינדערהיים שטאַרבן.

י

אויפגעהערט האָבן ציגער צו קאָרסירן פון לעמבערג —
און טעג ווי דאָס ריישער באַנהויף שטייט אין געדרענג
מיט קינדער און מאַמעס, מיט געשרייען — ענג.

ס׳איז נישט אַריינצוגיין און נישט אַרויסצוגיין
און ס׳איז פון אָרט זיך נישט צו רירן ווי אַ שטיין.
ציגער וואָס פאָרן איצט אַרויף צו קראָקע,
זיינען די לעצטע און קערן זיך מער נישט צוריק.
דאָס מיליטער רייזט, זיינען די ערשטע צו פאָרן;
צו פאַרכאַפּן די דעכער און די וואַגאָנען —
און אַ בילעט איז מיט גאָלד נישט צו באַצאָלן.
ווי בהמות, שטאָפּט מען וואַגאָנען מיט מענטשן אָן, —
אין וואַגאָנען פון „פערציק מאַן אָדער זעקס פערד״,
ווי ס׳וואָלט זיך אַ מבול אָנגערוקט אויף דער ערד.
אָפּגעטאָן ממש האָט זיך דאָס רחמנות פון מענטשן.
מען שטופּט זיך מיט פּעק, מיט שטעקנס, מיט געוואַנטן,
און מען טרעט אויף קינדער ווי אויף כלים —
אונטער די פיס פּלאָנטערן זיך נעבעך זקנים.
אַ געוויין, אַ געשריי ווי אין שעכטהייזער.
פאַרלוירענע ווי שעפּסן גייען אַרום קינדער
און איינער מיטן אַנדערן קען זיך נישט געפינען.
מען שיבט די ציגער פונם וואָקזאַל גיך אָפּ.
די וואָס קענען צו די באַנען נישט צוקומען,
בעטן, ווי שמשון־הגיבור, אַז אַלץ מיט זיי זאָל אומקומען;
אַז צעשמעטערט אויפן אָרט זאָלן ווערן די וואַגאָנען.

ווי אַ ברענענדיקער שטריק איבער דער ערד,
האָבן מיט אימפּעט די רוסן קיין ריישע געגענטערט —
און גיך די שטאָט מיט האַרמאַטן באַלאַגערט.
עסטרייך האָט די לעמבערגער בריק געשפּרענגט
און פאַרן ריקצוג ריישע באָמבאַרדירט —
פון די קראַכן האָבן די הייזער זיך ממש גערירט;
פון די מויערן פענצטער און שויבן אויסגעזעצט.
געבליבן זיינען מענטשן אויפן וואָקזאַל שטעקן.

פון די שרפות, פון די פלאַמען, פון די שרעקן,
האָבן חנהלע מיט זבולון חרטה געהאַט שוין צו בלייבן
און זיינען ווי דורך אַ נס אויף דער באַן אויפגעשטיגן
און אַוועק אויף אַ פּראַכט־צוג אַ לעצטן, אַ שלעפּעדיקן.

# נע ונד



## א

איבער שטרעקעס, איבער פאַרטאָגיקע פעלדער,
אַרויס איז די מזרח־זון ביסלעכווייז העכער —
און געשאַרט האָבן זיך די באַנען לאַנגזאַם, שווער;
זיך געשלעפּט ווי דורך בלאָטעס, ווי דורך גריבער.
מ׳האָט די טראַנספּאָרטן געשיקט אַהין און אַהער:
אָט דאַכט זיך מען פאָרט שוין... אָט צוריק ווידער —
און אויפסניי האָבן זיך איבערגעקרייצט די ציגער.
פון אַלע זייטן, פון אַלע שטרעקעס זיינען באַנען אָנגעקומען
און פרעמדע, אויסגעמישטע יידן אויפגענומען.
די נאַטשאַלניקעס, צעמישט, האָבן נישט געוואוסט וואָס צו טאָן,
האָבן זיי אויפסניי ווידער אַמאָל געהייסן אויסשטייגן.
פון גרויס מורא מ׳זאָל חלילה נישט צוריקבלייבן,
האָט איטלעכער אָנגעכאַפּט אַ שטיקל באַן;
אַ קליאַמקע, אַ שטיקל טיר פון אַ וואַגאָן.

דאָס לעצטע מאָל אויף ריישע צו קוקן,
וואָס פאַר אַ טרערן, גאָט, עס שלאָגן פון די בליקן!
די שטאָט רוקט זיך אָפּ אין פלאַמען, אין געפּאַר
פונעם צוג מיט מענטשן — אין לעצטן שאַר.
ווי קוילן, ווי בהמות, ווי קאַסטנס, ווי פּעק,
שלעפּט מען מענטשן אין לאַסט־וואַגאָנען אַוועק.
דער פאַרנאַכט ווערט שטום, ווערט אַלולדיק
און יידן דאַווענען מנחה־מעריב פאַרנדיק.
אָן לאָמפּן דער וועג איז די נאַכט אין דרויסן;

דער צוג אין דער פינצטער גייט ווי פאַרלוירן.
מען פאַלט ענג אַנטשלאָפן אין געדרענג;
ווער שטייענדיק און ווער זיצנדיק —
מען דרימלט ווי קעלבער אויף אויסגעבעטן שטרוי;
איינער אויפן אַנדערן די קעפּ פאַרוואָרפן אַזוי.
פון דער נאַכט קאַלט, פונם שלאָף שטיף,
כאַפּט מען זיך מיט שטאַרע אָדערן אויף
און מען לעכצט נאָך אַ ביסל וואַרעמס;
נאָך לאָקאָמאָטיוו־וואַסער קוקט מען אַרויס.

ב

זעקס טעג און זעקס נעכט נאָכאַנאַנד,
געצויגן אַזוי האָט דער גלות־וועג צו אַ לאַנד.
ווי תשעה־באב איז דער שבת, מ׳שטיינס, געווען:
מ׳האָט דאָס העמד אַפילו נישט איבערגעביטן —
און די בענטש־ליכט געצונדן אין די ווינקלען;
אויף לייסטלעך די חלבנע ליכט צוגעטריפט
און מאַמעס האָבן די הייליקע קנויטן באַוויינט.
אין ביטערן צער, אין טרויער פאַרשניטן,
האָט מען אין שטומען געוויין זיך געביסן
און דאָס פאַרן און די יאָרן פאַרשאָלטן.
פון טאַטע־מאַמעס איז דאָס פלייש געפאַלן
און גערעדט האָט מען, ווי אויסערן וועג:
— עס נעמט דאָך גאָרנישט קיין סוף, קיין עק!
— ווי ס׳וואָלט צו די צרות נישט געווען קיין ברעג.
— שטעל אָפּ, גאָט דעם צוג, צו אַ שטאָט ברענג;
— שעפעלעך האָבן די ברוסט שוין נישט געהאַט טעג.
— חלילה נאָך אַזאַ טאָג אַז ס׳וועט אַוועק,
— שטאַרבן מיר ווי הינער אינמיטן וועג!

תשרידיקע נאַכט, טרויעריקער יידישער ציטער —
וואָס זאָלן נאָך זאָגן די אויף די שלאַכט־פעלדער;
די וואָס האָבן חדשים נישט געזען קיין שטיבער —
בפרט איצט, אין דער גרויסער תפילה־זכה נאַכט,
ווען מ׳איז האַלב אין פייער און האַלב אין וואַך?
זעלנערישע יידן אָן קיטלען, אָן טליתים, אָן עטרות,
זאָגן אונטערן הימל כל־נדרי — אָן אַ קלויז.
זייערע אויגן, די געזיכטער אונטער האַרמאַטן,
טאָרן אויפן קול אַפילו נישט וויינען.
אין פאַרשעמטן בלענד קוקט די לבנה מיט אימה
אויף דער פאַרגליווערטער טויטער ערד אַראָפּ
און שלאָגט זיך אָפּ אויף אַ געפאַלענעם קאָפּ.
וואָס זאָלן נאָך זאָגן די אויף די שלאַכט־פעלדער,
בפרט איצט, אין דער בייזער פרעמד, יום־כּיפּור?
פייערן שפּריצן, אַלע רגע ווערן גופים פאַרלאָשן;
מיט שמע־ישראל שטאַרבן יידן פאַרשאָטן!

יום־כּיפּורדיק פאַרביי זיינען לאַנגע מיילן ערד,
ביז דער צוג האָט זיך אין רייכענבערג געשטעלט.
אַרויס זיינען האַרציקע שוועסטער פון דער געמיינדע
אַקעגן דער וואָגלדיקער באַן מיט פליכטלינגע,
זייערע ווייטע, נעבעכדיקע ברידער אויפצונעמען.
מ׳איז אַרויס מיט מילעך, מיט קאַנאַפּקעס שוויינען
און ביי די „פּאָלנישע יודן" זיך שטאַרק געבעטן
— „דאָס שטרענגע קאָשערע וואורשט צו עסן".
מ׳האָט זיך מתיר געווען, פאַר די קינדער די מילעך גענומען;
און פאַסנע ברויט פאַר די דערוואַקסענע צוגענומען
אַבי דאָס חיות נאָך לאַנגע טעג צו דערהאַלטן —
באַשלאָסן דערווייל האָט קולטוס די „יודן" אויסצוהאַלטן.

ג

אויף דער בעימישער, רייכענבערגער הויכער ערד,
איז דעם געפּליכטעטן יידן געווען באַשערט
זיך צו טרעפן מיט אַלערליי מענטשן פון שטעט.
מ׳האָט זיך געטראָפן מיט יידן פון טאַרנע, דעמביץ;
מיט יידן פון סאמבאָר, קאָלאָמעי, טשערנאָוויץ —
און איינער מיטן אַנדערן האָט זיך נישט געקענט;
מ׳האָט זיך געפילט אָפּגעזונדערט און פרעמד.

ווי אַ גיהנום איז דער ערשטער טאָג געווען,
ווען איטלעכער האָט זיך אין די בוראַקן געזען;
בפרט נאָך ביינאַכט פאַרן שלאָפן גיין,
ווען מ׳האָט זיך אויף שטרוי־זעק געלייגט מיט געוויין.
אַ סך האָבן אין זיך עפּעס שטיל אַריינגערעדט;
אַנדערע האָבן דורך טרערן צו דערהיים געבענקט.
פון פנימער וואָס זיינען געווען האַרט־שווייגנדיק,
האָט מען געקענט פּשוט שניידן די שרעק.
מ׳איז ווי געהרגעטע אין די קליידער געשלאָפן;
זיך געשעמט איינער פאַרן אַנדערן אויסצוטאָן —
ס׳ערגסטע איז געווען ווען ס׳איז געקומען צום העמד
אויסצוטאָן עס די ערשטע נאַכט אין דער פרעמד.

אַז ס׳האָבן אויפגעטאָגט רייכענבערגס בערג;
די רויכיקע פאַבריקן, דער האַנדל פון די מערק,
האָט מען די „אָסט־יודן" אַרויסגעפירט פון בוראַק
און געטאָן וואָס די קולטוס־געמיינדע האָט באַפוילן:
די „יודן" — „זויבער" אויסצובאָדן און שערן
און איטלעכן מענאַזש־פענדלעך אויסטיילן.
אויף די יאַהודים וועט קולטוס אַ שטייער לייגן
צו קענען יעדן „יודע" קאָפּ אַ געהאַלט געבן.

ד

פאַר וועמען קצבה איז געווען אַ חרפּה;
מיט בלוט ממש אָפּצוגיין פאַר בושה —
איז דווקא, פאַר שבתין און זיינס גלייכן,
דאָ גאָר געווען דער אמתער טעם גן־עדן:
גאַנצע צוועלף קינדער, זאָלן זיין געזונט,
און פאַר איטלעכן אַ „קולטוס" געהאַלט,
דאָס איז דאָך שבתיס חלום געווען תמיד.
ווער נאָך אַזוי ווי ער קען זיך רימען;
פון אַ געוועזענעם נגיד די ראָלע שפּילן?
און ווי שבתיס נוסח גייט אין אַזעלכע פאַלן,
הויבט מען אָן שטויגען ווען ער נעמט דערציילן:
אַז ר'האָט אינדערהיים הייזער געלאָזט
און איז קוים מיט די בעבעכעס אַרויס
און דאָ — פאַר קיין שום ייד נישט געדאַכט,
קומט אים, לא־עליכם, אויס צו זיין נע־ונד
און מוז צו בעטל־ברויט זיין געפאַסט. —

האָט טאַקע שבתי אויפן צווייטן טאָג באַלד
זיינע בנים צום ראַבינער אַרויפגעבראַכט;
אָדם־נאַקעט, כמעט ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט —
און געבעטן פאַר זיי האָט ער אַ שוך, אַ קלייד.
ר'האָט פאַרן ראַבינער זיין ביטער האַרץ צעלייגט,
פּונקט ווי ר'וואָלט צו פּאָטאָצקין איצט גערעדט.
און ווי שבתי קען, מעשה פּראַנט;
געשייט און עלעגאַנט —
האָט ער קודם פון די „אָסט־יודן" געשמועסט,
פון זייער רייכטום און געלערנטקייט דערציילט:
ווי מ'האָט גרויסע געשעפטן אינדערהיים געפירט
און איצט האָט מען אַלץ ווי אין ווינט געלאָזט.

מאַנכע האָבן די פּאַרמעגנס פאַרמויערט;
אַנדערע — די סחורות באַגראָבן אין דער ערד,
אָבער אַלץ איז מיטן פייער אַוועק געשווינד,
ווי נאָר „פּאַניע" האָט די בריק געשפּרענגט.
פון די דעכער די פלאַמען האָבן זיך געהויבן הויך
און אַוועק איז די שטאָט ווי אין רויך.
מ'איז אַנטלאָפן מיט וואָס נאָר מ'האָט געקענט;
נאַקעט און באָרוועס, אין איין העמד.

אין אַזעלכע שבתידיקע צוגעטראַכטע רייד,
נעמט ער זיך אַליין אויך אַריין אין מיטלייד.
אויף וועמען אַז נישט אויף אים,
זאָל „קולטוס" אַרויסווייזן אַ ביסל רחמים?
בפרט ווען ר'פילט זיך היימיש צווישן יאָהודים
און רעדן „דאַטש" קען ער נאָך פון דער היים;
און וואו צו עפּענען אַ טיר ווייסט ער
און אַז מען דאַרף — לאָזט ער אַפילו אַ טרער...

— — — — — — — — — — —

דער ראַבינער אויס מיטלייד פאַרשרייבט
פאַר יעדן קינד אַ שפּאָגל ניי קלייד;
וועש און שיך פון קאָפּ ביז צו די פיס
דער יעקישער ראַבינער גלויבט אים אַלץ

דער יעקישער ראַבינער גלויבט אים אַלץ
און האַלט שבתין פאַרן גאַליציאַנער שטאָלץ;
פון אַלע „אָסט־יודן", דעם „געשיידסטן מאַן" —
און נאָר ער וויל פון שבתין נאָך הערן.
שבתי איז אויף קיין רייד נישט קאַרג,
לייגט ער פאַר אים זיין „היימאָט" אַוועק
און דערציילט ווי ער זיצט אין קהל;
ווי ר'האַלט אַלץ אויפן קאָפּ מיט אַן עול.

היות ווי ער שמט אינדערהיים פאַר אַ גביר,
גיט זיך קהל אָן אים נישט קיין ריר.
יעדע וואָך קאָסט אים שטיקער גאָלד,
מיט ווירדע ווערט זיין נאָמען דערמאָנט
און הויך ווערט ער געשעצט אין שטאָט.
— „אַך, דו ליבע, טייערע היימאָט!
צי וועט ער זי נאָכאַמאָל זען, גאָט?"

ה

דאָ, אין דער רייכענבערגער, טריפּהנער פרעמד,
באַגליקן נאָר אַזעלכע וואָס אַרט נישט קיין שאַנד,
וואָס האָבן נישט קיין בושה צו בעטן אפילו אַ העמד.
אָבער ביטער איז געווען די וואָס האָבן זיך געשעמט,
וואָס האָבן זיך נאָך קצבה צו קולטוס נישט געווענדט;
פון גרויס חרפה דאָס טאָן נישט געקענט.
האָבן אַ סך ביי זיך שטילערהייט צוגעהונגערט
און געקוקט אויפן פרידן אַרויס,
ווי נחס תיבה אויף גאָטס טויב.
אָט רוקן זיך די ווינטער־חדשים שווער אָן,
מ'ווייסט נישט אין די נעכט וואָס מיט זיך צו טאָן.
דערצו נאָך וואַקסט די מלחמה אין סאַמע פלאַקער
און מיט איר — פאַלט דער בטחון שטאַרקער.

נאָך דער מעריב־שעה אין חודש חשוון —
מיט אַ האַרץ נאָך נצחון און נאָך פרידן,
שטעלן זיך פאַר דער רעדאַקציע אַרום יידן
פון די היימען, פון די פראָנטן עפּעס נייס הערן.
מ'גייט־איין פון די בשורות וואָס פאַרגליווערן,
וואָס דערציילן ווי די פעסטונג־פּשעמיש איז געפאַלן;

ווי דער רוס שטייגט מיט אימפעט אויף די קאַרפּאַטן. —
און אַחוץ דעם — שרייבן די „עקסטרע־גאַזעטן״:
ווי דער מאָסקאַל האָט זיך גענומען גאַליציע פּלינדערן;
אויפֿברעכן די געוועלבער, די קעלערס, די מויערן
און אַז לאַנג, לאַנג וועט נאָך די מלחמה אַזוי דויערן.

אַז מען פֿליכטעט אויף דערווייל האָט מען געמיינט —
און דאָ איז די מלחמה אין דעצעמבער אַריין היינט.
אויף די שלאַכט־פֿעלדער בליען איצט די ווײַנאַכטן
און ווי צווינטער ווייס שטייען איצט די פֿראָנטן;
שנייאיקע זאַווערוכעס מיט געוואָי בלאָזן.
די נעכט דאָרט יאָמערן מיט פֿייער, מיט בראַנד
און הויבן די ערד מיטן גאַנצן פֿראָנט;
ווי וואַסער צעשפּריצט ווערן דאָ גופֿים.
די וואָס זשיפּען און רירן זיך קוים,
טאַפּן אויפֿן האַלדז דעם שלאַפֿן צלם
און ווערן ביסלעכווייז פֿאַרגלייזט
מיט די הענט שטאַר אויפֿן האַלדז.
יאָ, די מלחמה איז שוין אין דעצעמבער אַריין
און די ווײַנאַכטן אויף די פֿראָנטן בליען
מיט אַ יויזל אויף יעדן גויישן זעלנער
און מיט זיי — שטאַרבן מיט די געטער
אויפֿן שניי־פֿאַרשאָטענעם צווינטער.
די מלחמה ברענט אינמיטן ווינטער.

צי וועט מען נאָך דערלעבן צו זען די היים?
דערווייל לויפֿן די טעג, לויפֿן די חדשים
און מ׳געוואוינט זיך צו רייכענבערג, צו די גויים;
צו אַלץ וואָס איז אין אָנהויב געווען פֿרעמד.
די וואָס האָבן אינדערהיים איבערגעקערט אַ וועלט,
האָבן דאָ נישט געקענט זיצן מיט פֿאַרלייגטע הענט

און זיך מער נישט געוואָלט פאַרלאָזן אויף בטחון.
מ׳האָט פון תכלית, פון מסחר געגומען טראַכטן;
געשעפטן געפירט מיט רייכענבערגער פאַבריקאַנטן.
אַ סך זיינען אַפילו קיין ווין אַוועק שטילערהייט
און געהאַנדלט אויף וואָס די וועלט שטייט —
וואָרים בלויז אין גאָט אין הימל ווייסט
ווי לאַנג מ׳וועט אַזוי דאַרפן זיין נע־ונד.

אמת, די מלחמה אויף די פראָנטן ברענט,
אָבער צו עק־וועלט, חלילה, קומט עס נישט.
איז די וואָס דער אויבערשטער האָט באַשערט
צו ווערן קיין רייכענבערג, קיין אָלמיץ פאַרשלעפט,
ווערן ווי עס איז דאָ אויך האַנדלען מיט שניט
און אפשר דאָ וואוינען־בלייבן פרידנסצייט.
דער האַנדל־וואַנדל גייט דאָ נישט שלעכט.
מ׳קען צוקומען צו סוחרים פון די גרעסטע שטעט —
אַ סך ווערן נתעשר אין פראַג און אין וויך,
פון שיקן פראָוויאַנט פון בעימען קיין ברין;
אַ סך גאָר איז שוין מער נישט אָפגעשטאַנען ריישע;
נישט דעמביץ, נישט טאָרנע, נישט יאַסלע.

ו

אַראָפּ איז די מכה־מדינה אויף דער ערד
און איינגערופן האָט קירע טאַטעס צום מיליטער.
און געוואָרן איז ווי אין פרעהס מצרים־טעג,
ווען גאָט האָט קיין בכור נישט איבערהיפּט.
כמעט פון יעדן הויז, פון יעדער צווייטער טיר,
האָט מען אַפילו זיידעס גרויע אַסענטירט!
עס זיינען געגאַנגען טאַטעס און אייניקלעך

און צווישן זיי — חנהלעס צעבראָכענע זין:
משה אין בעימען און שלמה אין ווין.
צום פּראָנט איז משה געגאַנגען בלינד,
און שלמה ביי אַן אָפיציר האָט געדינט.
מ׳איז אַלטע יידן, ווי גוים אָפּגעגאָלט געגאַנגען
די רוקנס געבויגן צווישן זעלנערישע געזאַנגען —
מיט טלית און תפילין פראַנץ־יאָזעף דינען.

אַ גאָטס רחמנות איז געווען אויף זבולון,
ווען ר׳האָט רייכענבערג געמוזט פאַרלאָזן
און פאָרן איינרוקן קיין מאָשאָן, אונגאַרן.
דאָס פּנים, די אָפּגעשוירענע באָרד פּאַרדעקט,
האָט ער אַ צעמישטער מיטן ווייב זיך געזעגנט —
און געווען איז דאָס געוויין אין־לשער;
כאָטש עפּן פון רחמים דאָס טויער.
ר׳איז ווי ליים אַרויפגעפאַלן אויף די קינדער;
פון שלאָפקייט זיך געבויגן צום דיל אַרונטער.
ווען האָט מען שוין דאָ געקענט טרייסטן?
אַז געלעגן איז פאַר דיר אַ ייד צעבראָכן;
ווי אַ מת, אין אַ טלית־קטן אויסגעצויגן,
וואָס אַחוץ בקיאות אין פוסקים, אין ש״ס׳ן,
וועט אַזאַ ייד צווישן גוים גיין פאַרלוירן.

רבונו־של־עולם, אין הימלס ווילן,
פאַרוואָס אַזאַ שטראָף אויף זבולון;
אויפן ווייב, אויף דער שוויגער חנהלען?
ווי קענען אַזעלכע כשרע צניעות צוויי,
לויפן נאָך פּראָטעקציע צו מאַכן זבולונען פריי?
זעסטו קברים רייסן צי פאַסטן אַפילו —
דאָס גאָט, זעסטו, איז שוין יאָ פאַר זיי.
און חנהלע מיט ציטער בעט גענאָד

מ׳זאָל איר איידעם כאַטש פּאַזוואָליען די באָרד
און אים, למען־השם, נישט שיקן אויפן פראָנט.
אַ ייד ווי זבולון פון רבונו־תמ״ס תפילין,
זאָל מיט אַ שווערן טורניסטער אויפן רוקן
נאָך חלילה דאַרפן קלעטערן די קאַרפּאַטן;
צי אַפילו שטיין וואַך אויף דער קעלט,
איז טאַקע אויף אַן אמת שוין עק־וועלט!

ז

זבולון לחוף ימים —
און געזען די זון האָט ער אין מדבר.
איצט וואַנדלט ער אַרום צווישן וועלדער
אַ פרומער טאַטע אין דער הויכער עלטער.
מיטן „עין־יעקב" נאָענט צום געזיכט,
קוקט ער אַריין אַ זעלנערישער ייד —
און אויף דער וואַך די פּאָסטן ער היט.
אין דער שעה נאָך חצות שרייבט אַהיים בריוו
און באַקלאָגט זיך אין טיפן לשון־קודש:
שוין וואָכן ווי ר׳איז אַן אַ בית־המדרש
און ווייסט אַפילו נישט ווען ס׳איז שבת,
ר׳האָט פאַרלוירן דעם חשבון פון דער וואָך;
ר׳איז עלנט אַן אַ ייד איינער אויף דער וואַך —
און ווייט איז ער, אַזוי גוייש ווייט!
ר׳פילט בלויז אַז חנוכה איז היינט,
נאָר אַן געצונדענע חנוכה־ליכט.
בעט ער זיין זון בעניען צי יאָסקען
— מ׳זאָל אים ביי די חנוכה־ליכט האָבן אינזינען
און ער אין וואַך־שטיבל וועט בענטשן די שטערן;
מאַכן איבער זיי אַ ברכה מ׳זאָל נישט הערן.

אין שניי פאַרוויקלט אים דער ווינט,
פאָרט ער אויפן שלאַכט אַרויס בלינד
מיט גרויס בענקשאַפט צום הויזגעזינד.
וועגענער שלעפן אים שווער איבער פעלדער
צוזאַמען מיט פרישע אָנגעקומענע זעלנער.
אונטערן פינצטערן הימל פאָרט מען אַוועק
און זבולון צווישן זיי — איז די שרעק.
אין וועג, מיטן „אמרי־נועם" דעם שטילן,
טראָגט ער אין רוקזאַק רבונו־תמ"ס תפילין.

אין כסליוו דער מולד לייכט יונג
ווי דער האָרן פון אַ הירש אין שפרונג.
זבולון, מיט מידן נאָכגעלאָזטן גאַנג,
וואָס ציט זיך איבער די פעלדער לאַנג,
קען נישט פאַרטראָגן דאָס געזאַנג,
ווען מ'גייט צו שחיטה אויפן פראָנט
דורך פייער און דורך בראַנד —
פאַר עסטרייך און פאַר דייטשלאַנד.
מיט קדושה אויפן געזיכט,
גייט זבולון שטאַרבן ווי אַ ייד!

## ח

אויפן פעלד פון עסטרייך־אונגאַרן,
האָט זבולון אויף מתים די לבנה געזען דערשראָקן.
אין אַזאַ אימה האָט ווער זיין נאָמען אויסגערופן
און אויסגעוואַקסן פאַר אים איז אַפּאַלסקי דער שכן,
דער חזירניק וואָס האָט אַ פויער דערשטאָכן
און אים, פאַר אַ ייד, אונטער אַ וואָגן געוואָרפן —
און אַזוי די שטאָט פון אַ בלוטיקן שבת אויסגעהיטן.

דאָ, אויפן פינצטערן פעלד פאַרן ייד,
האָט זיך ווידער אַמאָל אָפּאָלסקי געמיט:
באַוויזן האָט ער זיך ממש ווי אַ מלאך;
געוואָרן איז זבולון דערשראָקן ווי קאַלעך
און געבליבן מיטאַמאָל ווי לוט פאַרשטיינט —
דער ייד פאַרן גוי האָט ווי אַ קינד געוויינט.

ווי אַ מלאך האָט זיך אָפּאָלסקי באַוויזן
און זבולונס „שאַנץ" פאַרלייגט, פאַרשאָטן
פון געפאַלענע זעלנער — מיט שפּורן.
געשאַרט זאַלבענאַנד האָבן זיי זיך צו אַ דאָרף —
און באַלד איז זבולון אויף אַ וואָגן אַרויף.
גאָט, קומען וועט ער נאָך ערב שבת אַהיים;
האַלב זעלנעריש, האַלב יוניש אָנגעטאָן.
אמת, ר'וועט פון חרפּה זיך נישט ווייזן,
ביז אויפן פּנים וועט אַ באָרד צוריק וואַקסן.
אָן אויפגעפרישטער, געהילט אינם טלית,
וועט ער גומל בענטשן צום גרויסן שבת
און לויבן השם־יתברך פאַר זיין נס.

ט

ווי נאָר „פּאַניע" האָט קראָקע־פּשעמיש באַפרייט,
האָט ער בליץ־שנעל פון גאַליציע געריימט.
מ'איז מיט שרעק פון פליכטן צוריק אַהיים.
אין אַש, אין קויל זיינען געשטאַנען די שטעט —
און ס'איז ריישע נישט געווען צו דערקענען:
הייזער האָבן נאָך געהאַלטן אין ברענען;
טירן און פענצטער האָבן נאָך געסמאַליעט
און פאַרמעגנס, צעשלעפּטע, האָבן געטליעט.
ווי נאָך אַ מגפה פון אויסגעשטאָרבענע הינער,
האָבן זיך געוואַלגערט אויסגעשאָסענע זעלנער.

די ערשטע קיין ריישע זיינען אַריין אולאַנער;
נאָך זיי — פּיעכאָטניקעס און דרייגאָנער;
פון הויז צו הויז מאָסקאַליעס געזוכט
און צו ביסלעך פאַרכאַפּט די ריישער שטאָט.
ווי זאַמד געצויגן האָבן געפאַנגענע רוסן;
פאַרטוישט אין דייטש־עסטרייכישע מונדירן —
די קעפּ, די הענט באַנדאַזשירט פאַרבונדן;
דער כעס אין זייערע אויגן האָט זיך געצונדן;
בלוט איז אָפּגעגאַנגען פון זייערע וואונדן.

צו די גרויע הימלען אַרויף הויך,
האָט זיך נאָך געשפּרייט דער רויך —
און געשלאָגן האָט אַ שלאָפער ריח.
דורכגעלעכערטע, דורכגעשאָסענע בוידן,
האָבן ווי קאַראַוואַנען לאַנג געצויגן —
און מיט רויטע־קרייץ וואָגנס ווי שטיבער,
אָנגעקומען זיינען דאָקטוירים און שוועסטער;
די וואונדן גיך געוויקלט פונעם מיליטער,
ווי אויפן פראָנט, אויף די שלאַכט־פעלדער.

די גאַסן, די מענטשן זיינען נאַקעט און אָרים —
און ווי פאַרלוירענע גייען סאָלדאַטן אַרום.
אויף קוליעס שטייען אינוואַלידן שטום;
די הענט געבונדן, געלעמט דאָס פּנים —
און עפּעס שטרעקן זיי, בעטן מיט די הענט;
עפנען פאַר יעדן די וואונדן אונטערן העמד
און שעלטן שטיל דעם קייזער פון לאַנד.
יעדן טאָג פירט מענטשן צום געריכטס־טויער
און מען שטעלט זיי מיטן פּנים צו דער מויער.
אויף גיך זאָגט מען אָפּ די ווידוי מיט זיי —
זיי בויגן די פיס און פאַלן אַראָפּ ווי בליי
און בלייבן ווי פליגן ליגן אין אַ ריי.

י

די שטאָט אין טויט, די שטאָט אין מתים,
רק מ׳טראָגט לוויות פון צעריסענע גופים.
די וואָס האָבן זיך פון „פליכטן" אומגעקערט אַהיים,
וואַלגערן זיך אויף פרעמדע אכסניות אַרום
און פאַרשעלטן די יאָרן, פון אויג דעם שיין.
די איינגעפאַלענע שטיבער, די דילן דערצערנען;
מען קען די אייגענע פיר ווענט נישט דערקענען.
יידיש האָב־און־גוטס וואַלגערט זיך אַרום:
אַלערליי סחורות און צעשלעפטע חפצים
פון לייכטער און ספרים און מלבושים —
און מוראדיק איז ווי אויף אַ בית־עולם.
מ׳ווייסט נישט וואו דער אַנדערער איז אַהינגעקומען;
מ׳קען די אייגענע משפחה נישט געפינען.

ווי נאָכן חורבן ירושלים,
זיצט מען אויף קוילן, אויף אַש
צווישן הימל און ערד
און מ׳וויינט אויף גאַטס שווערד.
אין שטיבער פון אָפּגעריסענע מזוזות,
קלאָגט מען אויף די חורבות
אין פאַרשניטענעם עצבות.
שבתים אָן חלות, אָן ליכט —
אַ טונקעלער פאַרגייט דער ייד
אין מוצאי־שבת — אַליין;
אין אליהו־הנביא אַריין,
אין אליהו־התשבי אַריין,
אָמן!

# פּױלן



## א

טרויעריק געשטעלט האָבן זיך די סוף־מלחמה טעג.
פון עסטרייכס מלחמה האָט נאָך געטליעט דער וועג.
פאַרברענט און צעשאָסן איז געלעגן די שטאָט
אין אָפּגעריסענע מויערן, לאָדנס און שלעסער;
אין צעפאַלענעם אַש פון סחורות און געוועלבער.
משפחות וואָס האָבן זיך פון בעימען אומגעקערט,
זיינען ווי אין דור־הפלגה אומגעגאַנגען צעמישט,
און פון גרויס עצבות געטרערט און געוויינט
אויף די חורבות פון זייערע שטיבער און ווענט.

פוילן האָט מיט פענער געיובלט, געפלאַטערט;
און נצחונדיק געשריגן „נאַשאַ־פּאָלסקאַ" ווילד.
אַ נאַציאָנאַלער ציטער האָט געהויבן דאָס ליד:
„יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגינעלאַ".
מ'האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף עסטרייכס אָפּיצירן;
פון זיי, פרעך די קנעפּ, די מעדאַלן געריסן.
די וואָס זיינען נאָר־וואָס געווען גענעראַלן
און יעדן רעקרוט צו סאַלוטירן באַפוילן,
זיינען ווי מיטאַמאָל געוואָרן הילפלאָז־געלעמט
און צו דער ערד די אויגן אַראָפּגעלאָזט פאַרשעמט,
פון חרפה קיין וואָרט אָפּילו נישט אויסגערעדט.

אָפּגערוקט פאַרשעמט האָט זיך עסטרייך —
פוילנס פענער האָבן זיך געהויבן פרעכער

און קלויסטערס האָבן געשלאָגן די גלעקער.
פּריצים און פּויערים האָבן ברייט מאַרשירט.
פלאַקאַטן און גרויסע בילדער האָבן פּאַראַדירט
מיט קאָשטשושקאָ, פּאַדעראַעווסקי און פּילסודסקי —
און מיט הויכע פּאַטריאָטישע געזאַנגען,
זיינען פּראָצעסיעס איבער די גאַסן געגאַנגען
און ווילד פאַרשיכורט, פאַרוויגט פּוילנס זיג.

ווי חורבן — פאַרבליבן איז דער ייד
אין וואָס צו גלויבן האָט ער נישט געוואוסט;
צי אין בטחון, צי אין פּוילנס נצחון —
האָט ער אָנגענומען נצחון און בטחון
און אַזוי מיטן ביסל האָב־און־גוטס פאַרבליבן.
און קהל האָט גוזר געווען און געהייסן
אויפצושטעלן אויפסניי די בתי־מדרשים;
מאַכן גאַנץ די פאַרשוועכטע קלויזן און שולן
פאַר גאָט צו קענען תפילות אָפּריכטן.

ב

אַז מ׳איז ביסלעכווייז נאָך צו זיך געקומען,
האָבן זיך אין מאַרק די מסחר־טעג אָנגעהויבן
און אויף יאַרידים האָבן זיך פּויערים געוויזן.
געלייגט האָט פּוילן הויכע שטייערן אויף יידן
און געמאַכט אַ בהלה אויף סחורות, אויף פּראָוויאַנט;
דער מסחר איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט;
מ׳האָט גאַרנישט געטאָרט אַרויספירן פון לאַנד,
נאָר האַנדלען אין וואַרשע, קראָקע, אין לאָדזש.
שטעט וואָס זיינען געוואָרן צו קויל און צו אַש,
האָבן פאַר אַלץ געצאָלט אַ הויכן פּרייז.

סוחרים פון סאַמבאָר, קאַליש צי פון סטרי,
וואָס האָבן נעכטן זייערע סחורות איינגעהאַנדלט הי,
האָבן צומאָרגנס די זעלבע סחורות געפירט צוריק,
ווייל געוואַקסן זיינען די פרייזן מיטן בליק.
צו דער ערד גלייך זיינען געוואָרן די זלאָטעס:
פאַר אַ שטיקל סחורה — אַ זעקל אַסיגנאַציעס.
יאָ, ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ פּאָר הענט,
האָט מיט האַנדל און מיט וואַנדל געברענט.
מ׳איז גרינג רייך געוואָרן איבער נאַכט
און אַ מבין צו זיין אויף גאָרנישט נישט געדאַרפט.
יעדער האָט דעם מסחר געטריבן פון דער האַנט,
ווען אַרומגעכאַפּט האָט אַ יקרות דאָס לאַנד.

אַלע טאָג זיינען אויפגעקומען נייע סוחרים.
עס האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אַלערליי בחורים:
שטענדיקע לערנערס פון בתי־מדרשים;
יינגען וואָס פלעגן אַלעמאָל זיין משרתים,
און אַזעלכע וואָס פלעגן אַרומגיין לער סתם.
געדיכטער און שוואַרצער איז געוואָרן די בערזע —
יעדער וואָס האָט געוואָלט האָט געפירט אַ ראָד
און אַריינגעזאָגט דעות אין מסחר פון שטאָט;
אויף שניט, אויף לעדער זיין מבינות הערן געלאָזט
און אין יענעמס מסחר אַריינגעשטופּט די נאָז.

ג

רחמנות איז געווען אויפן סוחר פון פרידנסצייט.
ר׳האָט מער יענעם לוסט און ברען נישט געהאַט,
ווען ער פלעגט מיטן שנעלצוג פאָרן ערשטן קלאַס
מיט אַ רואיק געמיט אויף אַן אויסלענדישן פּאַס

איבער דער לענג און ברייט פון בעימען, מעירן;
דערנאָך קיין ציריך, קיין ווין, פּאַריז אַריינפאָרן —
און האַנדלען אויף מוסטערן און אויף וועקסלען
און אומעטום מיט זיין ברייטן נאָמען שמען.

יאָ, ס׳איז אויף יענע אַמאָליקע סוחרים געווען אַ צער,
וואָס האָבן מיט זייער ראַיעלקייט געקלונגען איבעראַל.
פול פלעגן זייערע סקלאַדן און מאַגאַזינען שפּאַרן
און שווערע שניט־סחורות פלעגן אַראָפּשווערן די פּאַכן
מיט קילן באַטיסט, וואָלשטאָפן און קאַנגאַרן.
אַן אַמאָליק שטיקל סחורה איז געווען וואָס צו פילן:
אַ „גראַטקעלע" האָט ווי אַראָפּגעטאַנצט פון ברעט
און דאָס פנים, דאָס אויג ממש פאַרבלענדט;
ביים קונה געררייצט די סוחרישע הענט.
היינט האָבן יענע סוחרים פאַרלוירן דעם גלאַנץ;
קענען מער נישט מיטהאַלטן דעם מסחרדיקן טאַנץ.

דער שפּיץ פון איצטיקן מסחר איז לאָדזש.
אַהין גיבן זיך ריישעס סוחרים אַ לאָז
און זיצן דאָרט אַן וואָכן און חדשים לאַנג.
מען שפּעקולירט אַפילו מיטן פאַבריקאַנט;
מיט אַן אויג אויפן קורס פון אויסלאַנד.
מען וואַרפט זיך אַריין מיט וואָס מען קען
און מ׳צינדט אויף אַלץ־אַן אַ בראַנד־פייער
און די פרייזן שטייגן העכער און טייער.
ס׳איז נישטאָ מער יענע באַרימטע סחורות;
דאָס „אויסגערופענע" שטיקל שניט פון פּראַג,
נאָר די פוילישע שמאַטעס פון וואַרשע און לאָדזש,
וואָס צעקריכן אונטער די הענט ווי שטויב, ווי פּראָך.
לאָדזש — אַהין גיבן זיך סוחרים אַ לאָז
און האַנדלען אַפילו מיט גאַנצע וואַגאָנען,

אָנגעשפּיצט אַהין זיינען אַלעמענס אויערן
און מ׳הערט נישט מער פון ווין רעדן.

ד

אַז דער האַרבסט האָט זיך געשטעלט אין פעלד,
געריסן האָבן ווינטן די דעכער, די ערד
און בלעטער פון ביימער זיינען געפאַלן געלעמט —
האָבן פויערים זיך געלאָזט מיט בייזע העק
די וועלדער האַקן פונם ייד וואָס איז אַוועק.
אויף אַ מאָדנעם אופן האָט דער פויער מסחר געטריבן;
פאַר געענדז אויף סוכות — אויף זאַלץ אויסגעביטן;
פאַר זייף און נאַפט — אויף אייער אויסגעביטן.
פאַר מעסטלעך ווייץ און שפּאַרעוודיקן קאָרן,
האָט מען געטוישט אויף פּאַפּיראָסן און טיטין,
וואָס מ׳פלעגט אַרויסשמוגלען אַזש פון ווין.

ס׳האָבן זיך מער נישט געשטעלט יענע יאַרידים,
ווען דער פויער איז מיט גאַרנישט געוועזן קאַרג,
ווען ר׳האָט תבואות אַרויסגעשטעלט אין מאַרק.
מיט עופות און אייער און שטענגלעך פיש,
פלעגן אַרומגיין באַרוועסע שקצים און שיקסעס.
און אויסשלאָגן אויף גרינע, דאַרפישע בלעטער,
פלעגט קילער טוי פון געקאַרבטע פּוטער.
חזירים יונגע האָבן זיך אין זעק געדושעט
און מיט טריפהנע קולות פאַרשריגן די שטאָט.
נאָך אַזאַ מסחרדיקן טאָג, נאָך אַזאַ מידן יאַריד,
האָט דער פויער זיך אין שענק פאַרשפּילט
און מיט פויערטעס געזויפט ביז אונטערן העמד;
געגליט אין זייער בוזים האָבן זיינע האַריקע הענט.

שווער איז דער געמיט איצט אויף יאַרידים.
ס׳איז נישט צום קויפן, נישט צום האַנדלען.
פּאַר שפּירטוס, נאַפט, זאַלץ און בראַמפן,
פאַרזעצט דער פויער דעם אָפּגעשפּאַרטן ביסן
און מען קען זיך צו גאָרנישט צו רירן.
מ׳זאָל מער פון אַזאַ בראַנד נישט וויסן —
פוילן האָט רק געשטערט, דעם האַנדל איבערגעריסן.
די פערד, די קי, די חזירים — פונם פויער,
קאָנפיסקירט פאַרן וואַקסנדיקן מיליטער —
און צו ערגער געזונקען איז דער מסחר;
מיטן גייענדיקן טאָג געוואָרן טייערער.

ה

בעסער פון עסטרייך דעם ביטערן בלאָט,
איידער פון פוילן דאָס זיסע, גאָט!
אין פּחד האָבן זיך געוויזן די נעכט
און אין שרעק די טעג אַדורכגעלעבט.
האַלערס גרויסע פאַרביסענע פּאַטריאָטן,
האָבן זיך געמישט אין פוילנס געבאָטן
און זייער שטים אין סעים געלאָזט הערן.
ווי אין ליים אַ זינקעדיקער שטיין —
האָבן זיי זיך אינם ייד איינגעגעסן —
און ביסלעכוויז פונם ייד צוגענומען די אָמטן;
די פּראָפּאַגאַציעס, די קאָנטורן, די טראַפיקן
און שטאַרק דערפון האָט דער ייד געליטן.
געקיניגט האָט יעדער יוון, יעדער מיעשטשאַן —
אויפן ייד פאַרקרימט דאָס טריפהנע געזיכט
און געשפּאָט פון זיין יעדן שריט און טריט.

אויף באַנען, אומעטום וואו מ׳איז געפאָרן,
האָט מיט אימה דעם יידס האַרץ געשלאָגן.
אָנגעקומען מיט מסירת־נפש איז דער מסחר
געטשעפּעט צום ייד האָט מען זיך ווי אַן אַכזר.
אויף וואָקזאַלן האָט מען אים באַטאַפּט, אויסגעטאָן; —
ביי מאַמעס, ביי טעכטער פרעך געזוכט.
ס׳איז נישט געווען וואָס מען מעג, וואָס מ׳טאָר נישט —
אַלץ אין מסחר האָט מען גערופן „טריפהנע־סחורה״,
דער מינדסטער „חטא״ האָט געשמעקט מיט געפאַר,
מיט טויט־שטראָף אָדער מיטן שווערן קרימינאַל.
אויסגעריסן זיינען יידן געוואָרן אויף באַנען,
ווען מ׳איז אין פוילן אַרומגעפאָרן האַנדלען.

ס׳איז געווען אין אַ סוף־חודשדיקער נאַכט.
צום הימל אַרויף האָט די לבנה זיך געשאַרט
און איז אַרויס קלאָרער, בלאַסער און דינער
און פּראַקטיק געבליבן שטיין איבער דעכער.
ס׳איז אין אַ בלויער ווינטער־נאַכט געווען.
אַן עדה־יידן איז פונם באַן אויסגעשטיגן,
און אָפּגעבליצט מיטאַמאָל האָט אַ מעסער:
„זשיד פּאַרכע — דאָ פּאַלעסטינע!״
און דאָס בלוט פון יידן האָט גענומען רינען —
אַ צווייטנס באָרד איז געבליבן אין אַ האַנט;
אַ דריטן, אויסגעטאָן האָט מען צו דער שאַנד
און איטלעכן צוגענומען די סחורה, דאָס געלט.
ס׳איז נישט יענע ראַזשינקעס, יענע מאַנדלען
און נישט יענער ייד וואָס איז געפאָרן האַנדלען,
נאָר דער ייד וואָס איז געפאַלן אונטערן מעסער,
אין די טעג פון פוילנס בלוטיקן גענעראַל האַלער.

ו

דאָס זיינען געווען שוואַרצע נעכט, גאָט.
לאַמטערנס האָבן ברענען נישט געטאָרט.
אַ ייד איז ביי זיך נישט געווען זיכער.
אין פינצטער געשטאַנען זיינען די הייזער.
און האָט וואו ערגעץ אַ פלעמל געפינטלט,
איז עס געווען לוסט אין הייסע שענקען
פון שיכורע שיקסעס אין זעלנערישע הענט,
וואָס האָבן מיט לייב, מיט גלוסט געברענט
און זיך נישט געשעמט פאַרן אייגענעם העמד.

לאַנג־באַנג זיינען די מעריב־נעכט געווען;
די ווינטערדיקע מנינים פון וואָכעדיקע יידן.
מ׳האָט פון קלויז די פענצטער פאַרצויגן
און די משניותן אין זיך אַריינגעלערנט.
דרויסנדיקע הענט פון בייזע גויים
האָבן שויבן אויסגעזעצט פון בתי־מדרשים.
אין אַזעלכע אַנגסטן פאַרביי זיינען די מנחה־מעריבן:
אַ ציטער געטאָן אויפן אָרון־קודש האָבן די לייבן;
אַ צאַפל געטאָן האָבן די הענגלייכטער, די ליכט —
און די סכנה האָט נישט גערירט דעם ייד,
נאָר אים מער נאָך אין שאָטן איינגעבויגן
איבער אָפענע ספרים, מיט אָפענע אויגן

ס׳איז געווען דריבנער רעגן־נאַכט.
מ׳איז ווי פון פייער פונם לערנען געגאַנגען —
זעלנער האָבן געווייעט פון יעדן טויער;
אַנגעוואָרפן אַן אימה אויף יעדן פאַרבייגייער.
ס׳איז געווען דריבנער רעגן־נאַכט.
קראָמען האָבן פלעמלדיק געטריבט, געדרימלט

און פון שווערן רעגן האָבן פּאַנאַרן געטריפט;
מיטן אייגענעם שאָטן אומעטיק זיך געשפּילט.
ראַסטיק האָבן שילדן געסקריפּעט אינם ווינט
און מיט מורא איז געגאַנגען אַ ייִדיש קינד
פון חדר אַהיים, אַרויס אויפן גרויסן רינג.
אַזוי איז מען פונעם לערנען געגאַנגען —
מיט אַ פאַרביסענער פייג: שקץ־תשקצנו!
און בלינד געשאַרט דעם סכנהדיקן טראָט
פאַר גאָט!

ז

ווען האַלערס מיליטער האָט פּוילן אַרומגעכאַפּט,
האָט מען פרי צו מנחה אַלע קראָמען פאַרשפּאַרט
און מורא געהאָט צו שטיין אין געוועלב ביינאַכט.
מ׳האָט געבענקט נאָך יענע סוחרישע שמועסן,
ווען מ׳איז נאָך די מנחה־מעריבן
לאַנגע שעהן אין די ווינטער־קראָמען געשטאַנען;
יעדן איינצל־סוחר, יעדן האָרט־סוחר באַרעדט.
היינט, פירט מען דעם מסחר ביי זיך אין שטוב
און מען האַלט יעדעס פּיצל סחורה אויפן קאָפּ.
מען טראָגט די סחורות אַהיים אויף איבער־נאַכט.
עס העלפן נישט די לאָדנס, די ריגלען, די שלעסער —
סטרוזשסע גייען נאָך חצות איבער די געוועלבער.

ווי די נעכט, אַזוי זיינען געוועזן די טעג.
מ׳האָט זיך געשראָקן פאַר פּוילנס מונדירן,
פאַר די „פּיר־קאַנטיקע״ היטלען אויפן יוון;
פאַר די „פּילסודסקי־וואָנסעס״ פון פּריצים.
איצט, די זילבערנע קלאַפּן פון לעגיאָנען;

זייערע שנאָלן, די קנעפּ, די לאַמפּאַסן,
און די הויכע קעלנער שטרענג פּאַרריסן!
אויף וואָקזאַלן און באַנען, אין יעדער קאַפּע,
האָבן זיי רציחהדיק די אויגן געוואָרפן.
פון זייער בליק זיינען יידן פאַרגליווערט געוואָרן.
ווי איז געוועזן צו דער באָרד און פּאות,
צו די אַטלאַסענע לאַנגע זשיפּעצעס
אויף יידן מיט ברענענדיקע אויגן
פון צופיל גלות, פון צופיל גלויבן!

אַז געפּאָרן איז אַ יידיש קינד אויף באַנען,
אַ טאַטן צי אַ מאַמען העלפן האַנדלען —
האָט מען זיך פאַרשטעלט אין גויישע קליידער;
די ישיבה־פּאות פאַרקעמט אויף אַרינטער.
מיט שוועבל האָט מען בערד געזענקט, געבריט;
די קליידער אויסגעטאָן, מיטן ייד זיך געשפּילט;
דעם קאַפּעליוש דורכן צוג געלאָזט אין ווינט.
האַלערישע לידער האָבן זיך געטראָגן פרעכער
אויף די באַנען איבער פּוילנס ברייטע פעלדער.
פונעם ייד ס'האַרץ האָט נישט אויפגעהערט שלאָגן
מיט אימת־מות ביז ס'האָט אָנגעהויבן צו טאָגן.

ווען מ'איז מיט „טריפהנע־סחורה" אָפּגעשטיגן,
האָבן פרעסט פאַרטאָג די פּנימער געריסן;
די פאַרשלאָפענע קני, די אויגן געשמיסן.
היות ווי מ'האָט מיט גאַרנישט געטאָרט האַנדלען,
האָט מען די סחורה אויף אַלערליי אופנים באַהאַלטן
און מיט ציטער דורך פעלדער זיך געשאַרט;
האַלב אין מורא און האַלב אין פאַרנאַכט;
אין ליים געטאַפּיעט — מיט זינקענדיקע טריט,
אַ זשאַנדאַר, דעם וואָקזאַל אויסצומיידן בייגאַכט

און מער נאָך — דעם האַלערטשיקס מעסערדיקן שניט.
ווי פון זיך פלעגן הינט זיך אַפּרייסן ווילד ;
זיך יאָגן איבערן פעלד, קלעטערן אויפן ייד.

ח

יידן פון דערפער, שטעט — אין יענע טעג,
זיינען קיינמאָל אַליין נישט אַרויס אין וועג —
נישט צופוס און נישט אויף קיין פור,
מ׳איז אַרויס אויף אַ נסיעה עטלעכע מיטאַמאָל.
אַ היימישן גוי נאָך פון פראַנץ־יאָזעפס צייטן
האָט מען געדונגען פערד־און־וואָגן צו טרייבן.
די רעדער האָבן ווייך דעם שטויב געהויבן
און האַסטיק די מיילן, דעם וועג געשניטן —
דער פורמאַן האָט יעדע סכנה אויסגעמידן
אַנצוקומען בשלום גאַנץ מיטן וואָגן יידן.

אַ נסיעה פון ראַנזשעוו צי פון סאַניק,
בפרט נאָך מיט אַ היימישן גוי און וואָגן —
האָט מען פאַר זיכערער געהאַלטן צו פאָרן.
ס׳האָבן זיך אַפילו געלוינט אַלע געפאָרן :
פון וועלדער די פינצטער, פון נאַכט די שרעק,
אַבי נישט צו פאָרן צווישן האַלערס לעגיאָנען
אויף פוילנס באַנען אין די ווילדע וואַגאָנען.
אויף אַ פור האָט מען כאָטש דאַוונען געקענט ;
רואיק די ברכה מאַכן איבער טלית און תפילין
און אַ פולער ייד אין מיטן פעלד זיך שטעלן.
געהיט דערווייל האָט דער גוי דאָס פערד, דעם וואָגן —
און געדאַוונט האָט מען היימיש קעגן דער מזרח־זון
און דער של־ראש אויפן ייד האָט זיך אַנגעצונדן.

אַזוי פלעגן יידן אין פוילן אַ נסיעה פּראַווען.
עס זיינען מער יענע זיכערע טעג נישט געווען,
ווען אַ מנין יידן אין טליתים און אין תפילין,
האָבן צוליב אַ יאָרצייט, אַ קדיש נאָך עמיצן
אין סאַמע וואַגאָן זיך דאַווענען געשטעלט —
און דערנאָך מיט לעקעך־בראָמפן פאַרביסן.
יידישלעך ברייט זיינען געגאַנגען די שמועסן,
און מ׳האָט בלינדערהייט שידוכים געשלאָסן,
און אַפילו חסידות אויפן וועג געפּראַוועט.
אַ וועלט ממש האָט זיך איבערגעקערט אין אַ וואַגאָן
ווען מ׳איז אין פראַנץ־יאָזעפס צייטן אויף באַנען געפאָרן
און יידן האָבן, ב״ה, שטענדיק מצליח געווען.

ט

ווען האַלערס מיליטער האָט פוילן אַרומגעכאַפּט,
האָבן תמיד זיך געשטעלט פּאַטריאָטישע טעג.
„סאָקאָלעס״ זיינען אַרויס אויף געיעג;
פאַרכאַפּט די שענצטע הייזער אין שטאָט.
אויף געזימסן האָט מען פענער געוויקלט,
אויף באַלקאָנען האָבן סקאַוטן זיך געשטעלט,
און מיט ביקסן, מיט שווערדן אין די הענט
געשאַלט און געצאַרנט און געברענט.
אָנצוצינדן ליכט האָט מען יידן באַפוילן
און זיי ברענענדיק אין די פענצטער שטעלן
אויס־ליבע און אויס־טרייהייט צו פוילן.

געקומען איז דער בישאָף אין שטאָט
און געוואָרן אין ריישע איז דוגא מיטאַמאָל.
פון יעדן פּאָוויאָט, פון יעדן דאָרף,

איז מען עולה־רגלדיק געגאַנגען
מיט קלויסטערישע צלמים געזאַנגען.
„קראַקאָוויאַנקעס" אין ענגע שפּענצערס
האָבן אין ווייסן פלאַטער מאַרשירט
מיט איבערלאָפּענע בוזעמס צום פּלאַצן —
און מיט סטענגעס רויטע פּויעריש צעבלאָזן.
יונגער לוסט אין געבלומטע קליידער,
האָבן איבער די גאַסן זיך געצויגן כּסדר
אין אַ פּראָצעסיע פון דאָרפישע געזיכטער.
דער געדרענג איז געוואָרן ענגער, געדיכטער;
שעהן לאַנג זיך גערוקט ווייטער און ברייטער
און געטראָגן ווי אין זאַמד שווערער, פעסטער.

אַ ווײַרויך האָט געריכערט, האָט געבליט
און איז טליענדיקערהייט געוואָרן פאַרצערט.
גלחים פרעמדע, גלחים יונגע און גראָע,
האָבן מיט טראָגנדיקע צלמים שטייף געצויגן,
זייערע קיטלען האָבן פאַרבלענדט די אויגן.
איבער דער „פּיינסקי" צום קאָשטשאָל, מיט געזאַנגען,
האָט מען יעזוסן און מאַריע געטראָגן אויף שטאַנגען
ווי זיי וואָלטן ביידע ווי לעבעדיקע געגאַנגען.
פאַרביי זיינען אַזוי שורות ווי קאַראַוואַנען
מיט ליכט און מיט קלויסטערישע פּסאַלמען —
לאַנגזאַם פאַראויס איז דער בישאָף געגאַנגען.

בעת־מעשה האָבן יידן די קראָמען פאַרשפּאַרט
און אייליק אין די הייזער זיך פאַרקליבן.
געיובלט האָט דער צלם און די שווערד,
דער בישאָף האָט „געהייליקט" די ערד.
ער איז ברייט אין זיין רייטוואָגן געזעסן;
גראָ דעם קאָפּ פאַרוואָרפן און פאַרריסן —

און דעם המון געמיטלעך געהאַלטן אין גריסן,
ווי ער וואָלט דורך וואַטיקאַן דורכגעפאָרן.
געשלאָגן האָבן די גלעקער ווי אין חגאות,
קינדער האָבן נישט געוואוסט פאַרוואָס.

חגאות אַזלעכע אויף פוילנס ערד,
פלעגן אָניאָגן אַ שרעק אויף יידישע בערד.
אַ מאָדנע פאַרשניטענע שטומקייט
האָט זיך אינעם יידס בלוט געשטעלט.
מ׳האָט זיך געשראָקן פאַר דער נאַכט;
אויף די ריגלען די טירן פאַרשפאַרט.
מיט אַ האַרץ פון שלאָגנדיקער אימה,
האָבן ייִנגלעך גענומען קריאת־שמע לייענען;
די מזוזה קושן און שדי הויך זאָגן —
און אַריין אונטערן בעטגעוואַנט ווי דערשראָקענע פליגן.
באָבעס האָבן דערווייל מיט תפילות געוואַכט,
אַז פאַרבייגיין בשלום זאָל גיין די חגא־נאַכט.

י

ס׳האָט דער סטרוזש מיטן דאָרפס־ייִד זיך געביטן,
ר׳האָט פון יידס פעלד פאַר זיך די תבואה געשניטן
און אַלע שפייכלערס זיינע אויסגעפּלינדערט:
פון שטאַלן די פערד, פון סטאָדאָלעס די רינדער;
דעם דאָרפס־ייִד פאַרטריבן מיט ווייב און קינדער.
געבליבן איז ער אָן בהמות און אָן פערד;
פאַרן גוי געבליט האָט די יידישע, אויסגעהאָרעוועטע ערד.
דעם יידס ברכה פון טל־און־גשם האָט באַשערט,
אַז פרוכטבאַר פאַרן מיעשטשאַן זאָל ווערן זיין ערד
מיט דער זאַפטיקער שפע פון רעגן, פון שניי —

און אויפגעשלאָגן האָבן פאַר אים קרייטעכער אַלערליי.
איבערן אַקער האָט די זון געסמאַליעט, געברענט;
געבליבן איז דעם יידס תבואה אין גויס הענט.

נאָכן ייד פאַרבענקט איז געבליבן דער גוטער פויער,
ווען די שכנישע כאַטע פונעם ייד איז געוואָרן לער.
דער „זשיד" האָט אים געפעלט אויף יעדן שריט;
אין דער דאָרפישער קרעטשמע, אין דער טראַפיק;
אויף די פעלדער ביים סוף־זומערדיקן שניט.
גוטע פויערים האָבן רק נאָר אסיפות גערופן
אויפן דאָרפישן „זשיד" די ירידה אָפּצושטעלן.
ר'האָט מורא געהאַט פאַר גאָט און פאַרן דאָרף
ס'זאָל צו קיין מגפה נישט אויסגיין די שטראָף;
די בהמות, די הינער זאָלן אים נישט אויספגרן
און מיטן פייער אַוועק זאָלן נישט זיינע שייערן.

יא

ווי פלעגט לייזערל בורשטין זאָגן,
ווען אַן עת־צרה פלעגט אויסברעכן?
„יאַק בידאַ טאָ דאָ זשידאַ".
מען האָט געבונטעוועט דעם פויער;
דאָס ביטערע אויסגעלאָזט צום ייד,
ווען ס'פלעגט זיך שטעלן אַ יאַריד.
ווי פון אַן אָנקומענדיקן ווינט מיטאַמאָל,
זיינען ווי פון זיך געפאַלן די שויבן פון קהל.
דאָס גווימטום האָט זיך געלאָזט אויף קראָמען —
און איידער מ'האָט נאָך מיטן אויג דערזען,
זיינען סחורות צעשאָטן און צעטראָטן געווען.
מען האָט צעראַבעוועט וואָס מ'האָט געטראָפן.

סטענגעס, שפּאָלערס־פּאָדעם, זייף און זאַקן,
האָבן זיך געוואָלגערט אויסגעמישט מיט שטאָפן.
יידישע קולות האָבן זיך מיט אימה געטראָגן.
מ'האָט פון מאַמעס די פרומע שייטלען געריסן;
די קליידער אויפגעדעקט, מיט ביישן געשמיסן
און דאָס כשרע בלוט האָט זיך פון זיי געגאָסן.

אַ גאַנץ־גייענדיקן מעת־לעת — אַזוי,
האָבן דעם פויערס יוונישע שטיוול
אויף יידיש האָב־און־גוטס געטראָטן.
ער האָט זיך איינגעבראָכן אין שענקען;
געזשלאָקעט ביר און בראָנפן און זנות
און זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס.
אין דער לופט געהויבן האָבן זיך שטעקנס
און געשטאַרצט איבערן געדרענג, איבערן יאַריד
און געפאָכעט ווילד איבער דער באָרד פונעם ייד.
פערד מיט פאַרריסענע קעפּ פון שרעק,
זיינען העגדום־פּעגדום הירזשענדיקע אַוועק;
אָפּגעריסענע, מיט כאָמעטעס פון די וועגענער.
אין חורבות געבליבן זיינען די געוועלבער
אָפּגעריסן די טירן, די ריגלען, די שלעסער.
גלאָז, ברעטער, סחורות פון אַלערליי קראָמען,
האָבן זיך געוואַלגערט ווי נאָך אַ שטורעם.

אַזאַ יאַריד זאָל זיך מער נישט אומקערן, גאָט!
טרויעריק איז צוגעפאַלן דער מנחה־פאַרנאַכט.
מ'איז אין סכנה געזעסן פאַרריגלט, פאַרשפּאַרט;
צו די טאַטע־מאַמעס די קינדער צוגעדריקט.
אין אַלעמענס אויגן האָט דאָס געוויין געשטיקט
און ווייבער האָבן יאָמערלעך תהילים געזאָגט.
ווי אַ גולם, איבער די חורבות פון שטאָט,

אומגעגאַנגען איז דער מיעשטשאַן פון טויער צו טויער
און שטאַרק געפּרואווט די פאַרלייגטע שלעסער.
דאָס האַרץ ביים ייד איז ממש געבליבן שטיין,
ווען ר׳האָט דורכן פענצטער נאָך אַ יוון געזען.
די שקיעה אין שויבן האָט זיך ווי שטענדיק געזעצט
און ווי תמיד אין פענצטער האָט די שטאָט געגליט.
ווען דאַווענען מעריב האָט זיך געשטעלט דער ייד,
האָט זיך אינעם פויער די רציחה אָפּגעקילט
און איז פונעם יאַריד אַזוי אַהיים זאַט און מיד.

# שווערע טעג



א

שווערע טעג האָבן אַרומגעכאַפּט דאָס לאַנד,
ווען פּוילן האָט אויסגעבראָכן אין אַ מלחמה־בראַנד.
באַנען מיט מיליטער האָבן זיך געצויגן נאָכאַנאַנד —
און ווי אין עסטרייכס ברענענדיקע מלחמה־טעג,
האָבן וועגענער געצויגן אויפן לעמבערגער וועג
מיט פּי־צוכט, מיט אַמוניציע, מיט פּראָוויאַנט,
וואָס פּוילן האָט אויפגעזאַמלט איבערן לאַנד.
צעשאָטענע, זיינען נאָכגעגאַנגען פאַרכאַפּטע פערד
מיט געלעמטע קעפּ ווי זיי וואָלטן געוויינט צו דער ערד.

אומעטום האָבן מענטשן זיך פאַרזאַמלט אין אַ ראָד
און מיט אַ נוסח אַזאַ האָט גערעדט די שטאָט:
אַז נאָך ווילסאָנס „פערצן פונקטן"
איז עסטרייך געוואָרן איינגעשרומפּן.
היות ווי פּוילן איז אויף רוסלאַנד אָנגעצויגן,
גייען איצט די באָלשעוויקעס אויף פּוילן.
— — — — — — — — — — —

מ'האָט אויף גיך צום מיליטער מאָביליזירט,
דאָס לאַנד אַריינגעוואָרפן אין פייער, אין שווערד —
און שטאַרקע זין גענומען אין שלאַכט אַריין שיקן
צו קעמפן פאַר פּוילן קעגן די באָלשעוויקן.

ווי אין עסטרייכס ברענענדיקע מלחמה־טעג,
האָבן זשאַנדאַרן באַוואַכט יעדן פּוילישן וועג

און סחורות נישט געלאָזט פירן אַריין, נישט אַרויס
און די שרעק צו האַנדלען איז געוואָרן גרויס.
קאָמיסיעס זיינען איבער די קראָמען געגאַנגען
און באַפוילן די געוועלבער שבת אָפן צו האַלטן.
מ׳האָט אַלץ קאָנפיסקירט, שטרענג יעדן חפץ פאַרשריבן
און תיכף די סחורות פאַרקאַפּט אָן אַ חשבון.
אין קעלערס האָט מען סחורות באַגראָבן,
און פון שטיבער זיינען געוועלבער געוואָרן —
דעם מסחר געפירט האָט מען אויף מוסטערן
און זעלטן ווען אַ שטיקל סחורה געזען.
אָן קעפּ זיינען סוחרים אַרומגעגאַנגען,
ווען מ׳האָט די שפּאַרקאַסע פאַרמאַכט אָן אַ פאַרוואָס
און די שוואַרצע בערזע האָט פאַרלוירן דעם קורס.

ב

אין נעפּל, אין רעגן האָבן די טעג געפּלייצט,
אין אָסיען־בלאָטעס האָט די ערד געווייקט
און שווער געהאָנגען איז דער הימל גראָ.
מ׳האָט פּויערים פון דערפער אַרויסגעשלעפּט,
שפּייכלערס און שטאַלן צעעפנט, צעפּראַלט
און וואַרעמע בהמות און פערד אַרויסגענומען,
געזאַמלטע תבואות, אָן רחמנות, מיטגענומען.
מ׳האָט זייערע וואָגנס געלאָדעוועט, געשפּאַנט
און פון די דערפער אַרויס אינמיטן נאַכט.
אין מיילן האָבן די פּויערישע פורן געצויגן
און געטרעסעט דורך פינצטערניש, דורך רעגן
מיט פאַרגאָסענעם ליכט אויף בלינדע וועגן.

אויף יעדער פור, צו יעדן פּויער
האָט מען צוגעזעצט אַ זשאַנדאַר.

דעם געשפּאַן האָט מען מיט אַ בויד פאַרצויגן,
אַ נאַסער ווינט האָט געריסן די אויגן
און געגאַנגען זיינען די פערד שווער געבויגן
מיט זינקענדיקע טריט דורך ווייכע גריבער
און נישט געוואוסט האָט דער נאַכטיקער פויער,
אַז דאָס פירט ער אַלץ צו די שלאַכט-פעלדער.

ג

אַ פּחד געצויגן האָט פון פוילנס נעכט
און פרי האָט מען טיר און טויער פאַרהאַקט.
אויף די גאַסן האָבן לאַמטערנס נישט געברענט,
און זעלנער מיט קאַלטע ביקסן אין די הענט,
האָבן זיך אַרומגעדרייט אין וואַך נאַכאַנאַנד.
ווער ס'איז פון אַ טויער אַרויס האָט מען געכאַפּט
און פאַרשלעפּט אין די קאַסערנס איבער נאַכט.
און געווען איז צו אַ מאַמען וויי און ווינד,
וואָס האָט אין אַזאַ שעה אַרויסגעשיקט אַ קינד.

געוואָרן איז שווערער דער פרייטיק-נאַכט
צו קבלת־שבת גיין האָט מען מורא געהאַט.
שויבן וואָס האָבן אין מאַרק אַרויס געהעלט,
האָבן איצט אומעטיק געמאַכט די וועלט.
טאַטעס האָבן זיך מער נישט געקליידט —
נישט אין שטריימלעך, נישט אין זייד,
טריפנדיק־שטיל האָבן געברענט די ליכט,
און מ'האָט דאָס דאַוונען אין שטוב געשטיקט —
אָפּגעפּטרט דעם קבלת־שבת ווי עס איז
און יוצא געווען דעם שבת מיט אַ כזיות.
גאַרנישט האָט מער געפינקלט אויפן טיש —

נישט די לייכטער פון זילבער, פון מעש.
געגרייט צו לחם־משנה אנשטאט חלות,
האט מען קארגן ברויט לכבוד שבת.

ס'איז מער נישט געווען יענער פרייטיק־נאכט.
מיט מורא האבן קנויטן געצאפלט אויף די ווענט;
טרויעריק געמאכט די שטוב און באנג געברענט.
מען האט געהיט יעדן לאמטערנדיקן שיין,
א סכנה איז געווען די שוועל אריבערצוגיין.
אין פינצטער זיינען הייזער געשטאנען בלינד
און ראסטיק האבן שילדן געסקריפעט אין ווינט.
דאס קלאפן פון רייטנדיקע פערד,
האט אויפגעציטערט די נאכטיקע ערד.
פארבייגעצויגן האבן פאטרולן מיט לאמטערנס
און שטרענג אזוי פארשארט געווארן אין קאסערנס.
אין שרעק האבן טאטעס אין די שטיבער,
געוואכט איבער מאמעס, איבער קינדער
און מיט טרערן געזאגט שדי ביי דער מזוזה,
ווי זיי וואלטן פארן שלאפן־גיין געזאגט ווידוי.

ד

דער ייד איז נישט געווען ביי זיך אין די הענט,
ווען פוילנס מיליטער האט מיט פאטריאטיזם געברענט.
מיט פארצויגענע שאבלעס האבן לעגיאנען מארשירט,
די גאסן מיט פענער און געזאנג פארשיכורט.
באנדעס האבן אין פויקן געזעצט און געשפילט —
און אין קעמפערישן לוסט באגלייט,
האט דאס מיליטער צום וואקזאל געפלייצט.
אלע איטלעכע שעה האבן באנען קארסירט

און אַפּגעצויגן דעם געדרענג פון רעגימענט.
אין פּוילנס אָנגעפּאַקטע וואַגאָנען,
זיינען צום פראָנט אַוועק די לעגיאָנען.
די ציגער, באַגאָסן מיט געלן קאַרבאָל,
האָבן זיך געריירט פון ריישער וואָקזאַל.
אָפּגעפאָרן אין מונדירן פון זילבער און גאָלד,
זיינען די העכסטע מאַרשאַלן פון לאַנד. —
מ'איז מיט אימפּעט אַוועק פוילן באַשיצן;
אָפּשטעלן דעם שפּאַרנדיקן כוח פון די באָלשעוויקן.
און געזאָגט האָט מען אַז פוילנס קאָמאַנדירן,
וועלן פאַר זייער ערד געטריי די מלחמה פירן
און אַז העלפן זיי פאַרטיידיקן וועט וועיגאַן אַליין,
ווי הינדענבורג דעם רהיין.

ה

עסטרייך האָט אַ מלחמה געפירט און פאַרלוירן,
און געבושעוועט האָבן די האַלערטשיקעס אין פוילן.
דאָס זיינען געווען ביטערע טעג פאַרן ייד,
ר'האָט זיך וויזן אין די גאַסן נישט געטאָרט
און וואָכן לאַנג נישט אַרויסגעפאָרן פון שטאָט.
מ'האָט זיך איינגעבראָכן אין קהל, אין פאַראיינען;
פאַרדעכטיקט אין באָלשעוויזם יעדן איינעם.
פּראָטאָקאָלן צעריסן, בריוו פאַרכאַפּט;
מ'האָט שיפלאַדן צעוואָרפן און געפּלינדערט;
אין ביבליאָטעקעס גענישטערט יעדעס בלאַט.
דאָקומענטן און חפצים האָט מען פאַרברענט;
אין פאַריינען בילדער אַראָפּגעריסן פון די ווענט.
אַלץ האָט מען געלאַדעוועט אויף שטרענגע פורן —
און אויסגעמישט אויפן זעלבן וואָגן,

געלעגן זיינען הערלעכע אידעאַלן צעבראָכן:
מאַרקס און הערצל,
באַקונין און לאַסאַל,
טראָצקי פון אינטערנאַציאָנאַל.

נאָך יעדער אָבלאַווע, נאָך יעדן שטורם,
האָט מען אויסגעטראַכט נייע בלבולים.
מען האָט צעטריבן פאַרזאַמלונגען פון פלעצער,
אויף קהלשע טירן אָנגעהאָנגען שלעסער,
פאַרזיגלט מיט טריפּוואַקס פון הזיז דאָס טויער —
און געהערשט אַזוי האָבן טעג אין טרויער.
מ׳האָט חושד געווען אין באָלשעוויקן,
אין דינען טריי טראָצקין מיט ראַדעקן
און אין שפּיאָנירן פוילן פאַר לעֶנינען.

ו

גרענעצן שטייען אין פלאַמענדיקער שרעק.
ווי זאַמד און ערד גייען באַטאַליאָנען אַוועק.
זינגענדיק פאָרט מען צום פראָנט
און צוריק קומט מען פאַרברענט.
ביי פוילנס טייכן שטייען פעסט די באָלשעוויקן
און גרייטן זיך שוין צו פאַרוואַרפן בריקן.
אַט־אַט, און עס האַלט מיט פוילן שמאָל:
זיי פרעסן אַפילו דעם העכסטן מאַרשאַל,
רוסלאַנד שפּאַרט פון איבעראַל.
זיי דרינגען טיפער אינם לאַנד אַריין
און פוילן ברענט און קריצט מיט די ציין.

אַ חוצפּה פון אַ רוסישער רעוואָלוציע,
צו וועלן אָפּרייסן שטיקער גאַליציע!

אַז אַזעלכע קעפּ ווי קראַסין און ראַדעק,
זאָלן אויף גרויס פּוילן אָנוואַרפן אַ שרעק —
און אַז אָט־אָ־די מאָדנע נעמען,
זאָלן גאָר וועלן וואַרשע פאַרנעמען,
ווער האָט דערפון געקענט חלומען?

אין רוסלאַנד האָט מען די רעוואָלוציע געמאַכט
און אין פּוילן געוועקט דעם פּראָלעטאַריאַט.
אַ סברה, אין אויסלאַנד געפינט זיך לענין
און דרייט זיך ערגעץ אַרום מיט טראָצקין —
און ביידע לעבן דאָרט באַהאַלטענערהייט
און פירן פאַרבינדונגען מיט רעגירונגס־לייט.
מען זאָגט, אַז זיי גייען אין קאַפּעץ אום פאַרשטעלט
און גרייטן זיך שטילערהייט צו פאַרכאַפּן די וועלט.
— — — — — — — — — — —
מיט אַזעלכע רייד האָט פּוילן געברענט
און מיליטער געוואָרפן אויפן פראָנט.

אַז אַ פּאָלק זאָל אין ציווילע קליידער אַפילו —
מיט פלאַטערדיקן לוסט, פון זיך פרייוויליקע,
זיך לאָזן אויף אַ ברענענדיקער שלאַכט שיקן,
און ווייבער זאָלן אויך ווערן זעלנער־באָלשעוויקן, —
דאָס — האָט פּוילן ערשט אָנגעהויבן צו זען,
ווען זי האָט זיי ביי זיך געפאַנגענע געזען גיין!
פרויען זיינען געגאַנגען מיט מענערישן מוט
און קיינער איז נישט געווען געפאַלן ביי זיך.
מיט זייערע קעפּ אויפגעהויבן און פאַרריסן,
זיינען זיי געגאַנגען — אָנגעשטעלט פון ביקסן,
וואָס האָבן זיי צום קריגס־געריכט געפירט שיסן.
מיט גלויבן און מיט אָנטשלאָסענעם אידעאַל,
זיינען זיי געפאַלן פאַרן „אינטערנאַציאָנאַל“.

ז

ווי אַ טראַגנדיקער ווינט פון אָרט צו אָרט,
האָבן האַלערטשיקעס נאָכן ייד זיך געיאָגט.
מ׳האָט זיך צו אים געטשעפּעט אָן אַ פּאַרוואָס.
אויף באַנען צו פאָרן איז געווען אימת־מות.
מ׳האָט בערד געשניטן און ציצית אָפּגעריסן,
און פונעם ייד געשפּאָט פאַר אַלעמענס אויגן.
מיט יעדן טאָג איז געוואַקסן דער צאָרן,
וואו דער ייד איז געשטאַנען, וואו ר׳איז געפאָרן
און אים אַפילו פון לויפנדיקע ציגער געוואָרפן.

מילא אין דער היים ווי אין דער היים —
אָבער הינטערוועגנס אויף די באַנען,
ווער שמועסט ביים תפילין־לייגן אין וואַגאָנען;
ביים אַנטאָן דעם של־ראש אויפן קאָפּ,
ווען ס׳האָט אַ בליץ געטאָן די יידישע באָרד —
האָט זיך אָנגעצונדן דער עשו אינעם יונג.
פון טריפהנעם בלוט וואָס האָט אין אים געזאָטן,
זיינען די אויגן זיינע וועלפישער געוואָרן.
ביים ייד נעבעך האָט געקלאַפּט אַ צאָן צו אַ צאָן
פאַר זיין קוק וואָס האָט געשטאָכן און געשראָקן.
פון האַלערס מיליטער דאָס צעלאָזענע שיכרות,
האָט געפיבערט נאָך יידיש בלוט, נאָך זנות
און זיך געטשעפּעט צו טעכטער, צו מאַמעס,
וואָס האָבן האַנדלען געמוזט פאָרן אין סכנות.

אַן אָפּקומעניש איז געווען אויף באַנען צו פאָרן.
פעלדער־נאַכט האָבן זיך געיאָגט פאַר די אויגן —
און ווי אויף להעכיס האָבן זיך די שעהן געצויגן
פאַרן ייד וואָס האָט זיך מיטן צוג געטראָגן.

יעדער האַלערטשיק, יעדער פּוילישער לעגיאָן,
האָט געפּלאָטערט פון וואַגאָן צו וואַגאָן
און נאָר געזוכט אַ ייד אַ טשעפּע צו טאָן.
מ'איז געזעסן מיט פּאַטשיילעס די פּנימער געהילט,
אין פּחד האָט דאָס יידישע האַרץ געבריט.
וואו נאָר אַ ייד — האָט מען זיין קופּעע אויסגעזוצט
און אים פון דער גרויסער מורא אויפגעוועקט.
איידער מ'האָט נאָך מיטן אויג געקענט זען,
איז די באָרד פונעם ייד אָפּגעפּליקט געווען.
פון די אויסגעריסענע האָר פונעם ייד,
האָבן טראָפּנס בלוט זיך געשטעלט אויפן געזיכט —
און אין עשון די רציחה האָט אַלץ נישט געשטילט:
ר'האָט דעם ייד אַריינגעשלעפּט אין אַ ראָד
און אים געשמיסן צו טאַנצן אין דער מיט,
ביז ער איז געפאַלן אַ געקרייציקטער ייד.

מ'האָט רק מיט „ביטעס" דעם סעים באַוואָרפן
צו ווירקן מען זאָל דעם ייד נישט פאַרפאָלגן —
און אַז בקשות און ביטעס האָבן נישט געהאָלפן,
האָט מען צום סענאַט געשיקט די אָנגעזעענסטע יידן.
באַאויפטראָגט האָט פראַנקרייך איר געזאַנדטן,
צו וואָרנען פוילן פאַר די „אומטאַקטישע טאַטן",
און אַז זי זאָל באַלד אין דער „אָנגעלעגנהייט" האַנדלען. —
פוילן האָט צוגעזאָגט און פאַרשפּראָכן צו זען,
אַז „מיספאַרשטענדנישן" אַזעלכע זאָלן מער נישט געשען.

ח

מאָדנע אויסלענדער האָבן זיך געוויזן אין שטאָט
און אַרומגעגאַנגען אין מאַרק פון ראָד צו ראָד.

אַנגעטאָן זײַנען זײ געװען נעט און עלעגאַנט:
אויף דער נאָז אַ צװיקער, אַ פּאַרטפּעל אין האַנט,
פֿון זײערע קעשענעס האָבן גאַזעטן געשפּאַרט —
און געזאָגט האָט מען אַז זײ קומען פֿון רוסלאַנד.
זײ האָבן נאָר פֿונעם פּראָלעטאַריאַט גערעדט;
משרתים און געזעלן צו סאָציאַליזם געװעקט.
זײ האָבן פֿאַרהערלעכט ענגעלס און מאַרקסן
און גערעדט גרויס װעגן טראָצקי און לענין.

װינטער, װען די נעכט האָבן שטײף געבלאָזן,
אַ שנײ האָט די שטאָט, די טריט פֿאַרשאָטן,
מיט געקאָװעטן פֿראָסט זײַנען שויבן פֿאַרלאָפֿן —
האָבן האַנטװערקער אויף תּכלית די נעכט פֿאַרװענדט
און מיט שטודירן דעם סאָציאַליזם געבערענט.
אין די װײַסע װינטער־נעכט פֿון ביטערן פּוילן,
האָט מען אין די שטיבער זיך פֿאַרזאַמלט פֿאַרהוילן
און רק געלײענט ביכער פֿון ליבקנעכט און לאַסאַלן.
פֿון זײַן־אויף שעהן האָבן מיד געטריפֿט די אויגן —
און מ׳האָט זיך געשאַרט אַהײם שװײַגנדיק, באַזונדער
דורך בלינדע געסלעך צװישן געהויקערטע דעכער,
װאָס זײַנען אײנעם שנײ געװאָקסן דיקער, העכער.
זאָװערוכעס האָבן דין געיאָגט פֿון געזימסן;
אויף פֿענצטער זיך געזעצט, רינװעס געריסן. —
אַזוי איז מען פֿון לײענען ביכער געגאַנגען,
און מ׳איז זיך װי רויך אין װינט, צעגאַנגען.

בײַזע טעג פֿלעגן קומען אומגעריכט.
װאָס מער די פּאָליצײ האָט גענישטערט;
„טריפֿהנע" ליטעראַטור געזוכט אין שטיבער,
אַלץ מער האָט מען זיך אַרײַנגעטאָן אין ביכער.
די װאָס האָבן מיט ביליאַרד די צײַט פֿאַרשװענדט,

האָבן איצט אַ סך געלייענט צו ווערן געלערנט.
מ׳האָט געלעקט די פינגער נאָך מענדעלען, פּרצן,
און שטאַרקער נאָך אָנגעקוואָלן פון שלום־עליכמען.
די וואָס זיינען שטילערהייט געווען באַלשעוויקן,
האָבן זיך שטענדיק קיין אויסלאַנד געריסן
און געשטרעבט מען זאָל זיי אין דער וועלט שיקן.

אַמעריקע, אַמעריקע!
איבערן ים צו פאָרן האָט אַ בענקשאַפט געצויגן
און געוואָרן איז ריישע קליין אין די אויגן.
מ׳האָט געבענקט אינעם לאַנד פון דיכטער צו זיין:
„ביט זוך מיך דאָרט וואו די מירטן גרינען
דאָרט געפינסטו מיך ניט מיין שאַץ —
וואו עס רוישן די מאַשינען
דאָרט איז מיין רוע פּלאַץ.״

— — — — — — — — — — —

יאָ, אַ חלום איז געווען מאָריס ראָזענפעלדן צו זען;
עדלשטאַט און באָוושאָווער זיינען לעגענדעס געווען.
די וואָס האָבן צו הויכע אידעאַלן געשטרעבט,
האָבן זיך איבער גרענעצן און לענדער איינגעשטעלט
און זיינען פון פוילן ווי פון פייער אַוועק —
און מאַמעס מיט טרערן און מיט שרעק,
האָבן יעדן טאָג זייערע זין באַגלייט:
„פאָר געזונט, מיין טייער קינד!״

ט

„שטענדיק זאָלסטו זיין באַהעפט
מיט די מיליאָנען פאַרשקלאַפטע קנעכט״...

(פון אַ בריוו צו מיר פון מיין
יוגנט־חבר שמחה, וואַרשע, 1927)

בעסער שוין מיט טרערן אַ זון צו באַגלייטן,
אידער ווי שמחה אין דער היים צו פאַרבלייבן.

ער האָט טאַטע־מאַמע אין שרעק אַריינגעוואָרפֿן,
ווען ר׳איז אָפּענערהייט אַ באַלשעוויק געוואָרן.
דאָס ייִנגל האָט לעניִן אין האַרץ געטראָגן,
און אַ שאַרפֿן מוח געהאַט, אַ טיפֿן שטערן.
מ׳איז אים שטענדיק געווען גרייט צו הערן.
ר׳האָט גערעדט פֿון אייראָפּעאישע ליטעראַטורן;
גאַנצע שטיקער פֿון הײַנע אויסנווייניק געלייענט.
ר׳איז געווען בקי אין האָמערן, אין דאַווינטשי
און געשלונגען שלום־עליכם און גאָרקין —
און מער פֿון אַלץ פֿאַרערט ווינטשעווסקין.

אַ טרויעריקער ריח ציט פֿון שמחהס שטוב.
די פֿענצטערלעך צום דרויסן שטייען טריב —
און אויף זײַן גאַס פֿאַרגעסן פֿונעם יאַריד;
האַלב אין דרימל און האַלב מיד,
שטייען אויסגעשפּאַנטע פֿויערישע פֿערד.
שמחה — דאָס שטילע פֿאַרטראַכטע ייִנגל,
זיצט אויף זײַן שוועל פֿאַרנאַכטיק־טונקל
און רק ער לייענט ביכלעך אין אַ ווינקל.
זײַן געסל מיט ייִנגלעך שרײַט און הילכט,
און די שקיעה מיט פֿאַרבן זיך שפּילט
און זעצט זיך שטיקערווײַז אין די שויבן
און ציט אָפּ גליענדיק פֿון די אויגן
און אַנטלויפֿט פֿונם געסל אַרויס צום פֿעלד
און ווערט ערגעץ אין אָוונט פֿאַרבלויט, פֿאַרצערט —
און שמחה אויפֿן שוועל איז אין זיך פֿאַרקלערט.

ברוין און דין איז שמחה געווען,
ווי אַ טרוימער האָט דאָס ייִנגל אויסגעזען.
אַ קינד פֿון אַ שנײַדערישער משפּחה,
האָט ער זיך געגרויסט מיט דער יחוסדיקער ירושה.

גערעדט האָט ער שטאָלץ פון „אַרבעטס־מאַכט",
פון די הייליקע מאַרטירער פון פּראָלעטאַריאַט.
לוקסנבורג און ליבקנעכט האָט ער שטאַרק דערהויבן —
און אָנגעצונדן האָבן זיך האָפערדיק זיינע אויגן,
ווען ער האָט הירש לעקערט גענומען לויבן.
געהאַלטן האָט ער זיך אַ יורש פון נפתלי באָטווין,
און פאַרהערלעכט די לערע פון טראָצקי און לענין.

מיט כשרן גלויבן פאַר פרייהייט פון קנעכט,
איז דאָס יינגל אַרומגעגאַנגען גאַנצע נעכט
און בשתיקה די משרתים, די האַנטווערקער געוועקט
און פאַר איטלעכן מאַרקס קאַפּיטאַל אויפגעקלערט.
זיינע הענט האָבן זיך שטענדיק אומרואיק געריסן
צו עפּעס וואָס איז הייליק, וואָס מ'טאָר נישט וויסן,
ווען מ'זאָל אים דערפאַר אַפילו דאַרפן שיסן.
אין שמחהן האָבן געקאָכט, געזאָטן די בלוטן:
„מיר ווערן געהאַסט און געטריבן,
מיר ווערן געפּלאָגט און פאַרפאָלגט —
און אַלץ דערפאַר וואָס מיר ליבן
דאָס אָרעמע שמאַכטנדע פאָלק."

אַ ציטריק יינגל אין ציטריקער קעלט,
האָט ער זיך איבער דערפאַר איינגעשטעלט
מיט אַ בינטל „לאָזונגען" באַהאַלטענערהייט.
אין די קליידער האָט ער לעבינס רייד איינגענייט
און זיי פאַר פויערישע שוועלן אַוועקגעלייגט —
און אַזוי די אָקטאָבער־רעוואָלוציע צעטיילט.
אַ שרעקנדיק יינגל אין אַ שרעקנדיקער נאַכט,
האָט ער פון זיין גרויס שליחות געטראַכט
און זיך איינגעשטעלט פאַרן אַרבעטס מאַכט.
— — — — — — — — — — —

גאָט, מ׳האָט אים געטראָפן, מ׳האָט אים געזען!
דאָס בייזע, דאָס אומגעריכטע איז געשען.
דאָס שטרענגע, קאַלטע מונדיר פון פּוילן,
האָט אָנגעשטעלט אַ ביקס פאַר זיינע אויגן;
אים געקייטלט, און צו גיין אים באַפוילן —
שמחה איז ווי ליים געבליבן שלאַף געבויגן.

אַז שמחה איז אַ באָלשעוויק האָבן חברים געוואוסט.
אָבער אַז מ׳זאָל אים ברענגען אין קייטן געשמידט
און פּאַטרולן זאָלן אים פירן צום קריגס־געריכט —
אויף אַזאַ בראָך האָט זיך קיינער נישט געריכט.
ווען מ׳האָט אים איבער די גאַסן געקייטלט געפירט,
האָבן אַלעמענס אויגן אינם יינגל זיך איינגעשניטן.
ר׳איז געגאַנגען אי פאַרטרויערט, אי פאַרריסן.
ווי קאַלעך בלאַס, פאַרגליווערט ווי שטיין,
האָט ער שטייף געקוקט אין דער וועלט אַריין.
ר׳איז געגאַנגען מיט אַנטשלאָסענעם מוט
פאַרן קלאַסנקאַמף געבן זיין יינגליש בלוט.

און אַז שמחהס מאַמע רייסט זיך נאָך איר זונס לעבן,
און אַז זי וויל איר בלוט פאַר איר קינד געבן? —
וואָס איז אַ מאַמע קעגן שמחהס הייליק שטרעבן?
שמחה שווייגט, בעת זיין מאַמע שרייט, —
בעת זי ברעכט אירע דאַרע אָרעמע הענט:
— „שמחהניו קרוין, פאַרוואָס פירט מען דיך?
האָסט נאָך יענעמס קיינמאָל נישט אָנגערירט.
גאָט אין הימל, ווען איז דאָס געשען?
מיין קינד אַ גנב? פרעגט ביי מענטשן!
שמחהניו, האַרץ מיינס, פאַרוואָס שווייגסטו?
פאַרוואָס קוקסטו מיר נישט אין די אויגן אַריין?
וואָס אַזוינס האָסטו געטאָן, מיין אויג אין קאָפּ?

בעסער גראָב אויס אונטער מיר אַ גרוב,
איידער אָן דיר צוריקצוקומען אין שטוב!
וואָס זאָל איך דעם טאַטן זאָגן, מיין קינד?
אַז ווי איז צו מיר און אַז ווינד!!!" —

— — — — — — — — — — —

די קאָלבעס שטויסן, די מאַמע פאַלט
אויף דער ערד מיט אַ געוואַלד.

יא

נאָוועמבער, צי אפשר גאָר אין דעצעמבער —
ווינטן האָבן דאַרע בלעטער אָנגעטראָגן,
אַ קאַלטער האָגל האָט די געזיכטער געשלאָגן,
און מיט דער טבע פון נאַסע טרויעריקע טעג,
האָבן האַרבסטיקע בלאָטעס געפלייצט דעם וועג.
ווען מ'האָט שמחהן פון אורטייל געפירט צוריק
אויפן פעלד אַרויס שיסן איבער דער בריק.
ר'איז געגאַנגען ווי אַ בראַווער באָלשעוויק.
צו עטלעכע מיטאָמאָל האָט מען זיי געפירט:
פרעמדע וואָס האָבן זיך קיין פוילן געשמוגלט —
מילא יענע — אויסן אויג, אויסן האַרץ.
אָבער פון שמחהן, דאָס יינגל פון הי',
וואָס איז נעבעך געגאַנגען שטאַרבן אַזוי פרי',
האָט קיינער קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט.
מ'איז וויינענדיק נאָכגעגאַנגען זיין יעדן טראָט
מיט טרערן וואָס זיינען געגאַנגען פאַר גאָט.

אויפן פעלד, פאַרן קרימינאַל־שטיבל,
שפאַנען איצט די וועכטער מיט בייזע שליסל.
הינטער שמחהן די שווערע טיר פון צעל —

און גראַטעס, און אויגן, און ביקסן,
וואַרטן גרייט דאָס יינגל צו שיסן.
אַן אַרויפגעוואָרפענער, ליגט ער אויף שטרוי;
אַ פאַרטראַכטער צום בידנעם פענצטערל־גרוי,
און רופט צום פעלד אַרויס מיט געשריי:
— „ווי הירש לעקערט, ווי נפתלי באָטווין
דאַרף מען קענען שטאַרבן גיין!
דאָס לעבן, דאָס בלוט איז נישט מיין.
איך געהער צו די וואָס הייליק שטרעבן,
וואָס זיינען גרייט דעם קאָפּ צו געבן
פאַרן פראָלעטאַריאַט!
פאַרן אַרבעטס־מאַכט!" —

אַרויס שיסן האָט מען זיי געפירט באַוואַכט,
און מאַרשירט האָבן זיי זאַלבע־אַכט.
אָפענע און האָפערדיקע זיינען זיי געגאַנגען.
זייערע פיס האָבן געשלעפט געשמידטע קלאַנגען,
און זיך אַליין באַגלייט מיט לעצטע געזאַנגען:
„אָ, גוטער פריינט ווען איך וועל שטאַרבן,
טראָג צו מיין קבר די רויטע פאָן.
די פרייע פאָן מיט די רויטע פאַרבן
באַשפריצט מיט בלוט פון אַרבעטס־מאַכט..."

— — — — — — — — — — —

מ׳האָט זיי אינמיטן פעלד אויסגעשטעלט;
די אויגן פאַרבונדן, פאַרשטעלט די וועלט,
און אויף זיי די ביקסן אָנגעשטעלט.
זייערע קניען האָבן זיך געלעמט געבויגן;
אויף אייביק פאַרלאָשן האָבן זיך זייערע אויגן.
אַ רעגן האָט געכליפּעט און בלאָטיק געגאָסן,
און מ׳האָט דאָס הייליקע יינגל דערשאָסן.

# חלום
# אין וואָר



## א

נמאס איז געוואָרן צו לעבן אין פּוילן.
פון דער היים אַוועק האָט די יוגנט געצויגן.
די גאַסן, די בתי־מדרשים, די שטיבער,
זיינען מיטאַמאָל געוואָרן טרויעריקער, טריבער.
אויף יעדן קער אויף יעדן ווענד,
האָט גענומען פעלן דער יוגנטלעכער ברען.
מ׳האָט קינדער אַוועקגעשיקט אין דער פרעמד;
זיך געזעגנט, געהאַלדזט און געוויינט —
און מקנא געווען די וואָס קענען אַ מלאכה,
וואָס וועלן אין דער וועלט האָבן הצלחה.
אין אויסלאַנד אַ קינד צו זען,
איז אַ מאַמעס טרייסט געווען.

ברייט איז די ערד, ברייט איז די וועלט —
מ׳האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין גרויסע שטעט:
אין קאַטאָוויץ האָט מען איבערן גרעניץ געפירט,
אין האָלאַנד האָט מען מיט סחורות הויזירט,
אין בעלגיע האָט מען דיאַמאַנטן געשליפט,
אין וויך, אין בערלין געהאַנדלט מיט טאַנדעט,
און אין פאַריז מיט אַ שטעקעלע זיך אַרומגעדרייט.
מ׳איז אַוועק אַ יינגל שטעטלדיק געקליידט
און אויף אַ ווייל געקומען אַהיים אַ גאַנצער לייט —
די אַלטע טאַטע־מאַמע זען פון צייט צו צייט.

ב

פרוכטבאַר איז די ערד, גרויס די וועלט.
איבער ימען ליגן הערצלס ציון־שטעט.
אַ בענקשאַפט ציט פון יעדן יוגנטלעכן בליק
אויף שיפן צו זעגלען צו יענעם ברעג.
מען רייסט זיך צום צוגעזאָגטן לאַנד,
וואו ס'זיצט טרויעריק די מאַמע פון ציון
און וואַרט אויף אירע שטאַרקע זין.
ירושלים, ירושלים!
מיט פייער ברענט די יוגנט אַהין.

דאָס הייליקע לאַנד איז אַריין אין די בלוטן.
צו ווערן חלוצים איז די יוגנט געלאָפן.
מ'האָט זיך געפלייסט צו ווערן פויעריש שטאַרק
און זיך אָוועקגעלאָזט מיט רידלס אויפן קאַרק
לערנען אויף ערד, האַקן וועלדער מיט אַ האַק.
צעהיצט אונטער דער זון, ברוין ביזן ברוסט,
זיינען טעכטער און בחורים געשטאַנען אַנטבלויזט
און זיך אַקערן געלערנט אויף יענעמס ערד
און אויסגעשטאַנען אַלץ וואָס איז געווען באַשערט.
מ'האָט געוואוינט אין אויפגעשטעלטע געצעלטן
און געחלומט בייַנאַנד פון נייע וועלטן:
— „דאָרט, וואו די צעדער הויך די וואָלקן קיסט,
דאָרט, וואו די שנעלע ירדנס וועלע פליסט,
דאָרט, וואו די אַשע מיינע עלטערן רוט,
דאָרט, וואו געגאָסן האָט מאַקאַבעער בלוט:
יענעס שיינע לאַנד,ביים בלויען וואַסער זאַנד,
דאָרט איז מיין ליבעס פאָטערלאַנד!" —

טעכטער און זין פאַרלאָזן טאַטע־מאַמעס הויז,
מ'גייט מיט געפאַקטע רוקזעק פון שטאָט אַרויס.

בלוט און מילעך שפּראָצט פון זייערע געזיכטער.
מ׳האָט זיך געלערנט צו קענען זיין שומרים,
צו באַגריסן איינער דעם אַנדערן מיט „שלום״!
איצט טראָגן באַנען אַוועק דעם חלוץ פון פוילן,
מיט פלאַטערדיקער פרייד אין דער פרעמד,
די התקוה אויף זייערע ליפּן זינגט און ברענט.

ג

אַריין אין דער מאָדע איז דער כבוד,
אינעם לאַץ צו טראָגן דעם מגן־דוד;
צו רעדן אויפן קול אַ פּליסיקן פּויליש
צוזאַמען מיט אַ קלינגעדיקן העברעאיש.
מ׳איז בקי אין נאָרדוי, מ׳איז בקי אין הערצל
און מ׳רעדט פון ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל.
אויף דער קראַקאָווסקי בליען קאַטשאַנעס קיל,
אין האַלבן שאָטן רייפן בלעטער שטיל —
און ווייט פון שטוב, הינטערן שטאָט העט,
שפּאַצירט די יוגנט נעט און עלעגאַנט
מיט העברעאישע ביכער אין דער האַנט.

אין די גערטנער ביים פּוילישן סאָקאָל,
דיסקוטירט מען הייס וועגן ארץ־ישראל.
אין דער גרינער, פרישער מאַיאָווער נאַכט,
חלומט מען שיין, חלומט מען פאַרטראַכט:
אַך, הערצל, הערצל!
פון דער בריק, וואו דער טייך פליסט,
קוקט צום שטראָם אַראָפּ זיין געזיכט —
אָ, שווער צו פאַרגעסן דעם גאַניק, דאָס בילד,
דעם פאָטער פון ציון מיט דער באָרד צעבליט.

אין וואָס פאַר אַ שטאָט דו זאָלסט נישט זיין,
אויף וועלכן באַלקאָן דו זאָלסט נישט שטיין:
צי אין באַזעל, צי אין בודאַפּעסט, צי אין ווין,
ביסטו, הערצל, דער חלום פון ציון.

ד

מ׳האָט איטלעכן מיטן היימלאַנד פאַרשריגן,
קאַלט דערצו זיינען די פרומע יידן געבליבן.
— „מילא,
אַ שאלה!
צו וואָס אפיקורסות קען זיך דערטראַכטן?
דאָס יונגוואַרג איז פשוט אַראָפּ פון זינען:
מ׳האָט אויפגעהערט גלויבן אין משיח בן־דוד
און רק מ׳הערט „פּאַלעסטינע" און מגן־דוד.
לשון־קודש רופט מען העבּרעאיש —
און מיט בלויזע קעפּ פאָרט מען אין לאַנד פון די אבות.
מיידלעך מיט געשוירענע מענערישע האָר,
בלויע בענדער פאַרקאָמט אין דער פריזור —
גייען אַרום זאַמלען פאַרן קרן־היסוד
און ווילן אונדז ברענגען אין הייליקן לאַנד?
ס׳איז זיכער נישט מין השמים,
אַז זיי זאָלן אונדז פירן קיין ירושלים.
יעקב איז פון פדן געקומען,
געשטאָרבן איז רחל אין לאַנד כנען —
און דאָרט, אויפן וועג קיין אפרת,
וואַרט די מוטער רחל אין בית־לחם
אויף די קינדער פון גאָט פון אברהם,
און מיען זאָל זיך די מוטער רחל,
מיר זאָלן זוכה זיין ארץ־ישראל

ווי די הייליקע תורה האָט געבאָטן —
אי״ה איבער הונדערט־צוואַנציק יאָר,
ווען שאָלן וועט דער שופר של־משיח.
אָמן !״

ה

ס׳איז געווען ביטער און שווער צו פאַרשטיין
ווי קינדער קענען טאַטע־מאַמע איבערלאָזן אַליין.
אויף וועמען איז געווען פריער רחמנות צו האָבן ?
אויף טאַטע־מאַמע וואָס האָבן געהאַלטן אין קלאָגן,
צי אויפן קינד וואָס איז אַוועק די ערד גראָבן ?
אויפן בריוו־טרעגער איז געווען דאָס האָפן,
מ׳איז אים יעדן אינדערפרי אַקעגן געלאָפן
פון אַ קינד אַ לעבנס־צייכן צו באַקומען
נאָך לאַנגע חדשים אַ וואָרט צו הערן. —
אָפּגענומען האָט אַ מאַמע אַ בריוו פון אויסלאַנד
מיט אַ צאַפּלדיק האַרץ, מיט שרעקעדיקע הענט
און יעדעס אות ממש ווי תהילים געלייענט :
„הערצלעכע עלטערן, —
איך שרייב צו אייך אַזש פון וויטן אַרגענטינע.
אינגיכן וועט מיין קבוצה אָפּפאָרן קיין פּאַלעסטינע.
זייט דעריבער נישט נאָכדענקנדיק וועגן אייער קינד,
כ׳לערן זיך ערד־אַרבעט און בין ב״ה געזונט —
אמת, עס פאַלן שווער די ערשטע טעג אויפן פעלד
און מען פילט זיך אַ ביסל עלנט אין דער וועלט.
אָ, ווי איר פעלט אונדז דאָ אויס אין דער פרעמד !
כאָטש נאָך איין מאָל אָנצורירן אייערע הענט
און פילן אויף זיך דאָס היימישע פרישע העמד.
זייט נישט בייז עלטערן וואָס כ׳שרייב אַזוי וועגן זיך,

ס׳איז מיר אויסגעגאַנגען דאָס געלט און די שיך.
דעריבער, מאַמעשי זיסע, בעט איך דיך
מיר באַלד אַ פּאַקעט צו שיקן מיט עפּעס געלט,
מען מוז זיך טיילן מיטן ביסן אין דער וועלט —
אַזוי איז דער דרך אין אַ קבוצה צו לעבן:
איינער דעם אַנדערן מוז זיין איבערגעגעבן.
דאָ, אין דער אַרגענטינער ווייטער, פרעמדער שטאָט,
קוקט מען אַרויס צו הערן פון דער היים אַ וואָרט,
און אַלץ וואָס קומט־אָן פון דער ריישער שטאָט,
ווערט עפּעס אַזוי ליב, אַזוי היימיש נאָענט.
פאַרגעסט זשע נישט, הערצלעכע עלטערן, אין מיר —
כ׳וואָרט שוין צו זען אייער כתב אויפן געווירטן פּאַפּיר,
דעם טאַטנס גרוס אויף לשון־קודש — צו לייענען
און נאָך דיר, מאַמעשי, פיל איך אַמאָל צו וויינען.
— אייער ירוחם.״

אַזוי זיינען קינדער געוואָרן אָפּגעריסן.
אינדערהיים זיינען טאַטע־מאַמע עלנט געבליבן.
מ׳איז געוואָרן פאַרנאַרט און פאַרבענקט —
פון אַ ליאַדע נאַרישקייט אין שטאָט,
איז אין קלויז געוואָרן אַ ראָד.
געטריבן פון אַ לאַנגווייליקן שרעק,
איז מען תיכף נאָך מעריב אַוועק.
אַז אַ רעגן האָט אין די שויבן געקלאַפּט,
האָט מען די לאָדנס פרי פאַרמאַכט.
— .אין גאַס האָט דער גאַסן־צינדער זיך געשאַרט
און נאָך אַ וואָרט פון אַ קינד פון דער ווייט,
איז מען גראָ געוואָרן פאַר דער צייט
מ׳האָט רק בריוו געלייענט און בריוו געשריבן
און אַזוי פון זיך די מרה־שחורה געטריבן.

ו

בייטאָג האָבן לײדיקגײער אין מאַרק נאָכדערצײלט,
וואָס אײנער פון דעם אַנדערן האָט געהערט:
אַז אין דער שווייץ האָט מען פּעסער פאַבריצירט,
אַז פון די קאַרפּאַטן האָט מען יוכטן אַרויסגעפירט,
אין קאַרלסבאַדער גאָרטן מיט שיקסלעך שפּאַצירט,
אין פּראָג — מיט גײן אין דער אָפּערע שטאָלצירט.
און געווען איז אַ חרפה צו קומען צוריק פון ווין;
נישט צו קענען פאַרדינען אויף ברויט אין בערלין.
פון אָנפאַנג האָט מען זיך געגרויסט מיט יענע שטעט
און אַהײם־געקומען איז מען אָפּגעריסן, אָן געלט,
נאָך לאַנגע חדשים זײן אין דער וועלט.
מ׳איז בײם אָנקומען פאַרשעמט פון באַן אָפּגעשטיגן,
ווי אַן אָפּגענאַרטער אויפן וואָקזאַל זיך באַוויזן
און פאַר בושה דאָס ײנגלשע פּנים פאַרשטעלט.
מ׳איז גאַנצע טעג נישט אַרויס פון הויז,
פאַר חברים זיך נישט געוואָלט ווײזן אין שטאָט —
און דערצײלט האָט מען וואָס ס׳האָט זיך געלוינט:
אַז געהאַנדלט האָט מען כמעט מיט לערע הענט
אַ סך אַרבעטן שווער, פאַרזעצן ממש דאָס העמד
צו קענען מיט אַלע כוחות בלײבן אין דער פרעמד —
און די וואָס דרײען זיך אָן אַ פּעניג אַרום,
וואָלטן אַפילו אינמיטן נאַכט געפלויגן אַהײם.

ז

די וואָס זײנען פון אויסלאַנד צוריק געקומען,
האָבן סוף־כל־סוף צו האַנדלען זיך גענומען;
זיך אַרײנגעוואָרפן מיט פײער סוחריש־ברייט;

ביסלעכווייז זיך פאַרמאָסטן מיט אַלעמען גלייך.
היות ווי מ׳האָט סחורות נישט געטאָרט פירן אַרויס,
איז אויף יעדן חפץ געוואָרן אַ יקרות.
מ׳האָט אַפילו קיין סך נישט געדאַרפט טראַכטן
צו וואָס פאַר אַ מסחר זיך אַ נעם צו טאָן.
יעדער האָט געקענט אַריין אין מסחרדיקן קאָן.
פון שמוגלען פלייש, קעז, פּוטער און אייער,
איז מען איבער נאַכט געוואָרן נתעשר. —
אמת, ס׳איז געווען קריעת־ים־סוף אַזאַ נסיעה:
מ׳האָט מיטן לעבן געקענט אַריינשפּילן אין די הענט,
ווען מ׳האָט אויף דער באַן רעווידירט ביזן העמד.

די נעכט, גאָט, אין דער ווילדער פרעמד,
אָסיען צו גיין דורכן פּשעצלאָווער וואַלד!
ווער האָט דעמאָלט דאָס אויג געשטאַרקט צו זען,
אַז בלינד ווי דער הימל איז דער וועג געווען?
רעגנס האָבן אָפּגעבליצט פון צייט צו צייט
און שווער האָט מען אין בלאָטעס געפלייצט.
מ׳איז געגאַנגען אין שווייגנדיקער שרעק
מיט באַהאַלטענעם ברוינעם־צוקער אין זעק;
מיט יוכטן־לעדער גאַרטלדיק אַרומגעוויקלט —
ווער האָט דעמאָלט דאָס אויג געשטאַרקט צו זען,
אַז בלינד ווי דער הימל איז דער וועג געווען?

מ׳האָט זיך אין וואַלד אַראָפּגעלאָזט, איבער נאַכט געלעגן;
זיך נישט גערירט, מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם געבעטן:
מ׳זאָל די מורא איבערקומען און טאָג זאָל שוין ווערן.
דער נאַסער האַרבסט דורך די קליידער האָט געצויגן
און געשטאַנען איז דער טויט פאַר די אויגן.
אויף שטרעקעס האָבן ציגער קלאַפּטערדיק געקלאַפּט;
דורך וועלדער אָפּגעהילכט אינמיטן נאַכט.

פונעם ווידער־קול האָבן די אויגן זיך פאַרמאַכט
און זיך אויפסנײ אין דער פינצטער אויפגעמאַכט,
ווען מ׳האָט פון דיר, גאָט, אין סכנה געטראַכט.

ח

ווער ס׳האָט מיטן מיליטער האַנדלען געקענט
און געוואַגטן מסחר גענומען אין די הענט,
האָט זיך פאַר קיין זאַך נישט אָפּגעשטעלט.
אָפּילו ייִנגלעך האָבן מיט אַזאַ האַנדל געברענט:
פּעקלעך טיטין געהאַלטן אונטערן העמד
און פּאַפּיראָסן אינמיטן גאַס פאַרקויפט
אַמאָל פאַר זלאָטעס, אַמאָל פאַר קאָמיס־ברויט. —
ס׳רוב אַזוי געהאַנדלט האָט מען פאַר דער גרויסער קלויז
און מיט ייִנגלישער שרעק געקוקט אויף אַ קונה אַרויס.
מ׳האָט אויפן אויער ציגאַרעטלעך געבעטן
און תיכף באַצאָלט וויפיל מ׳האָט זיך געהייסן.
„טריפּהנע״ טראַפיקן האָבן קונים געצויגן אַהין
און פאַרקויפט „דרייצענער״ אָנשטאָט פרימאַ טיטין.
אויף בוידעמער אונטער ריגלען פאַרשלאָסן,
ביי אַראָפּגעלאָזטע, נאַכטיקע פינצטערע ראָלעטן
איז מען אויפגעווען, כמעט נישט געשלאָפן
און הילדזן געשניטן און געשטאָפּט פּאַפּיראָסן.
מ׳האָט זיך אויסגעהיטן פאַר יעדן פּיצל ליכט,
מ׳זאָל פון דרויסן נישט אָנזען קיין געזיכט
פון מינדסטן שאָרך האָט דאָס האַרץ געשראָקן
און פון אימה אַ קאַלטער שווייס האָט געגאָסן.

וואָס איז געווען די אימה, די ריגלען, די שלעסער?
— מ׳זאָל חלילה נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון מיליטער,

— מ׳זאָל נישט פאַרשלעפּט ווערן אונטער אַ פאַרדאַכט,
— מ׳זאָל דיך נישט שלאָגן מכות־רצח ביינאַכט.
אַבלאַוועס אַזעלכע זיינען געווען אַן אַפּטע זאַך:
מ׳איז שטיבער באַפאַלן מיט גאַקעטע באַיאָנעטן
און ניט געהאַלפן האָט אַ מאַמעס וויינענדיק בעטן. —
מ׳האָט אַוועקגעפירט פרעך און אָן אַ וואָרט
און פרעגן פאַרוואָס האָט מען נישט געטאָרט.
מיט גרויס ציטער האָט מען טירן פאַרשלאָסן,
אויף פאַרשלעפּטע זין האָט מען טרערן געגאָסן
און געהאַלטן אין איין זאָגן, אין תהילים קלאָגן —
דאָס האַרץ פון מורא האָט נישט אויפגעהערט שלאָגן.

דער ווייטער סיביר, די בייזע בירגיטקעס,
האָבן אַזוי נישט געשראָקן ווי די סטראַזשניצעס.
מ׳זאָל לייטישע זין האַלטן צוזאַמען מיט פּראָסטיטוטקעס
און זיי אויסמישן ביינאַנד מיט גנבים,
ווי זיי וואָלטן אויף אַן אמת געווען גזלנים —
אויסצושטיין אַזאַ חרפה אומזיסט, אומנישט,
דאָס האָט ביי עסטרייך קיינמאָל נישט פּאַסירט.
ס׳איז נישט אַריבער דער טאָג, נישט דער יאַריד,
אַז מ׳זאָל אַ בלבול נישט אויסטראַכטן אויפן ייד —
און מ׳איז אַלץ מער פון פוילן געוואָרן מיד.

ט

מ׳האָט געוועקט צו וואַרפן פון זיך די שרעק.
בשתיקה איז די יוגנט אין פּאַראיינען אַוועק
און ווי פון זיך — שטילע אַסיפת געפירט.
מ׳האָט זיך געבונטעוועט פּאַר אַ „זעלבסטשוץ״
מיט די שטאַרקסטע ייִנגען אין דער שפּיץ. —

אויף קיין יחוס האָט מען נישט געקוקט,
ציוניסטן מיט סאָציאַליסטן האָבן זיך געמישט
און ווי איינער — זיינען אַלע אַריין מיט מוט.
אָנגעצונדן ביי דער יוגנט האָט זיך דאָס בלוט.
די וואָס האָבן זיך תמיד צווישן זיך געקריגט,
האָבן זיך איצט אַלע בראַוו פאַראייניקט.
יחוסדיקע בחורים וואָס זיינען געוואָרן חלוצים
האָבן געמאַכט יד־אחת מיט משרתים פון יד־חרוצים,
שפוך חמתך אל הגוים.

די שעה זאָל נישט זיין, מ׳זאָל נישט דאַרפן,
זאָל כאָטש קודם אַ זעלבסטשוץ ווערן.
קהל אַליין האָט דערצו מסכים געווען.
מ׳איז פאַר אַלע געפאַרן געווען גרייט
זיך צו קענען אַקעגנשטעלן דעם טויט.
אָנגעשלאָסן האָבן זיך יינגען פון באַד;
טרעגער און קצבים די שטאַרקסטע פון שטאָט —
און אַזעלכע וואָס האָבן ביי עסטרייך געדינט,
אין דער מלחמה שיר נישט געוואָרן בלינד.
די וואָס האָבן חלוצים זיך געלערנט זיין,
האָבן דעם „שוץ״ גענומען אין די הענט אַריין.
פולווער און פאַטראָלן האָט מען אָנגעגרייט,
אין קעלערס האָט מען אַמוניציע אָנגעלייגט
און אויף בוידעמער באַריקאַדן געמאַכט.
יעדער האָט געטאָן וואָס ר׳האָט געקענט
צו שטאַרקן דעם „שוץ״ מיט אייגענע הענט.
סיגנאַלן האָבן פונקציאָנירט שטילערהייט
און זיך פאַרפעסטיקט באַהאַלטענערהייט.

י

וואָס האָט געבליט, וואָס האָט געגרינט
דער קילער מאַיאָוװער קאַשטאַן־צוויט ?
אַז גלחים אין ווײַרויך האָבן געבלויט
און מיט צלמים קעגן דער זון געבלענדט ?
מ׳איז מיט פוילנס פענער שטאָלץ אַרויס,
און ווײַסע לאַנגע ליכט געטראָגן פאַרויס.
שיקסעס מיט צעלאָזענע פײַכטע האָר,
מיט בעז פאַרקאַמט אין דער פריזור,
זײַנען העל, מיט געזונטע פיס געגאַנגען ;
די „מאַטקע־באָסקע" געטראָגן אויף שטאַנגען.
מ׳האָט עולה־רגלדיק אַזוי געצויגן
און בעת־מעשה האָבן גלעקער געקלונגען.
געשפּאַרט האָבן זיך די ײַנגלעך אַלע מיטאַמאָל,
אַז דאָס לופטערט מען היינט דעם קאַשטשאָל.

וואָס האָט געבליט, וואָס האָט געגרינט
דער קילער מאַיאָוװער קאַשטאַן צוויט ?
אַז אין קיטלען פון זייד אויסגעשטיקט,
האָבן גלחים אַזוי שטרענגס געשפּרייזט ?
שקצים האָבן זייערע הענט אויסגעשפּרייט
צו מאַכן פאַר דער פּראָצעסיע אַ וועג.
יוונים זײַנען נאָכגעגאַנגען בלינדערהייט,
פון סידורלעך געמורמלט בעטנדיקערהייט.
פאַרן ייד — האָבן די בלענענדיקע צלמים
אין דער זון אָפּגעשלאָגן ווי חלפים
און אַנגעוואָרפן אויף אַלץ אַ שרעק —
וואו נאָר ס׳האָבן די אויגן געטראָגן,
זײַנען יידן פון דער „שמחה" אַוועק.

לאַנג אַזוי האָט דער פּחד זיך געצויגן.
אויף אַ נס האָבן יידן אויסגעקוקט די אויגן.
ווען די מאַיאָווע שקיעה האָט פאַרגאָסן די שויבן,
האָבן מיעשטשאַנעס די הענט פרעך געהויבן.
מ׳האָט אָנגעהויבן שפּירן דעם טרויעריקן מעת־לעת,
באַלד ווי מ׳האָט אויפגעהאַקט דעם ערשטן שלאָס:
מ׳האָט קלויסטעריש געזונגען, שטיינער געוואָרפן,
טירן אויפגעריסן, אין שטיבער זיך איינגעבראָכן,
בעטגעוואַנט צעשלעפּט, די פעדערן צעבלאָזן
און אויף יידיש האָב־און־גוטס געטראָטן, —
אויף לייוונט און אויף דרשה־געשאַנק;
אויף לייכטער, אויף אַלערליי צירונג
און אויף חתן־כּלהס אויסשטאַפּירונג.

ווי פון פייער איז מען אין די הייזער אַנטלאָפן
און די טירן הינטער זיך פּשוט צוגעשלאָגן.
די וואָס זיינען אין די גאַסן אויסגעבליבן,
האָבן זיך קוים אַהיים געשלעפּט מיט וואונדן —
און מ׳האָט דערוויל יידישע קראַמען געצונדן.
האַלערטשיקעס האָבן זיך נישט געשעמט,
אויסצוטאָן קליידער פון טעכטער ביזן העמד
און זיי נאַקעט אַזוי אויסשטעלן ביי די ווענט.
צו קענען די נאַכט בשלום אַריבערטראָגן,
איז מען געשלאָפן וואַכעדיק און אָנגעטאָן
און מען איז אויפן ערגסטן געווען גרייט.
מאַמעס האָבן געדרימלט זיצנדיקערהייט
און די עופהלעך געהאַלטן שלאָפעדיקערהייט.
מ׳האָט מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם געוואַכט
און שטיל אַזוי אַריינגעוויינט אין דער נאַכט.

געפאַלן איז דער צומאָרגנס שווער אויף יידן,
מ׳איז ווי נאָך תחית־המתים אויפגעשטאַנען:

פנימער און אויגן פֿאַרבונדן, פֿאַרטרערט,
וואונדן מיט אויפגעריסענע בערד.
איינער דעם אַנדערן האָט קוים דערקענט,
ווען מ׳האָט אין קלויז גומל געבענטשט.
ווי מ׳וואָלט געקומען פון יענער וועלט,
האָט מען זיך אויפן צווייטן אויסגעפרעגט
צי מען לעבט, צי דערהרגעט, רחמנא־לצלן,
צי די טעכטער זיינען חלילה נישט טמא געוואָרן. —
די קלויז אַליין איז אויך נישט געווען צו דערקענען,
געפילט האָט זיך אַ ריח פון ברענען:
די ווענט פון פייער האָבן זיך געשיילט
און געלעגן זיינען לייכטער, סידורים אין טשאַד.
אַלץ וואָס מ׳האָט אָנגערירט מיט דער האַנט,
איז צעקראָכן געוואָרן פונם בראַנד.
דאָס אָרון־קודש מיט די כרובים ביינאַנד,
איז געלעגן צעבראָכן ביי דער מזרח־וואַנט.

פרייטיק, ווען די שקיעה האָט געבריט,
אָנגעצונדן דעם שבת, די שויבן צעגליט,
האָבן אויף טישן מער נישט געהעלט די ליכט.
דאָס מעש, דאָס שבתדיקע זילבערוואַרג,
האָט מען מורא געהאַט צו האָבן אויפגעפּאַקט.
אין קאַרטאָפלס האָט מען ליכט געצונדן —
און פון די נאָך אויפגעלאָפענע וואונדן
האָבן זיך טרערן אין די מאַמעס געשטעלט,
ווי נאָר זייערע הענט האָבן די וויעס פֿאַרשטעלט —
טרויעריק איז יענער שבת געווען אויף דער וועלט.

## יא

אַריין זיינען חדשים אין ווינטערדיקער קעלט,
די יום־טובים האָבן שוין מער נישט געהעלט:

מ׳איז מער נישט אַרויס אין טוליפּעס געהילט,
ווי אין אַמאָליקן עסטרייך נאָכן שבתדיקן עסן,
ווען שנייאיקע ווינטן האָבן די שטריימלעך געריסן
אויפן וועג — צו פּראַווען חסידישע טישן. —
פּראָסט, און לאָמטערנס פון אומעטיקן גאַז,
האָבן ווי געלויערט אויף יעדן יידיש הויז,
און מ׳איז נאָכן שבת־טיש בעסער נישט אַרויס.
דעם סטרוזש האָט מען געשטופּט חלות,
ר׳זאָל דאָס טויער ביינאַכט האַלטן אויפן שלאָס.

אומהיימלעך איז געפאַלן דער שבת.
די ליכט האָבן פאַרטריבט די חלות,
דאָס טישטוך, די געקאַלעכטע ווענט,
דאָס ספר אין טאַטנס שטילע הענט.
דער קאַכליע־אויוון, די שטוב האָט אָפּגעקילט,
צו לערנען איז דער טאַטע נישט געוואָרן מיד.
ר׳האָט געבלעטערט, מיט די ליפּן די באָרד געביסן,
דעם שטערן געקנייטשט, ביז חצות געזעסן,
פאַרן שלאָף געפּרוואוט צי די טיר איז פאַרשלאָסן.

מודה־אַני —
אַז מ׳האָט זיך נאָך אַ נאַכט אַזאַ אויפגעהויבן,
אַ שלאַג געטאָן האָט דער שבת אין די אויגן,
און גרינגער אין זיך דאָס האַרץ געטראָגן —
האָט מען זיך ווי פון אַ נס געזען ניי געבוירן.
מ׳האָט זיך איינגעשטעלט צו גיין דאַוונען אין קלויז
און געוואָרפן אַן אויג אויפן געוועלב, אויפן שלאָס —
און אַ סך האָבן זיך אַפילו אַליין מתיר געווען
אין שטוב צו בלייבן, דאַוונען נישט צו גיין.
מ׳איז אַרויס אין אָפּגענוצטע מלבושים,
אין אויסגעפּעדעמטע אַטלאַסענע בגדים.

אַ שווערער שבת און אַ פרומער אומעט
פלעגט זיך פאַרנאַכט שטעלן אין שטאָט,
ווען מען האָט זיך צו מנחה פאַרקליבן
אין די שלוש־סעודותדיקע ווינקלען.
די בתי־מדרשים, די דיקע מויערן
מיט די מאָכיקע דעכער פון דורות־יאָרן,
האָבן מאָדנע און גרוי געגומען טונקלען.
אַ צאַפּלדיקע שרעק איז אָנגעפאַלן אויף קינדער,
ביז אַרויס איז דער וואָכעדיקער גאַסנצינדער.
מ׳האָט דעם מעריב פון מוצאי־שבת
אָפּגעכאַפּט אויף גיך און אַרויס
מיט לעשנדיקע ליכט אויפן שולהויף —
און די שטילע לבנה מחדש געווען
און תיכף דערנאָך זיך געלאָזט אַהיים,
אין סכנה צו עטלעכע יידן ביינאַנד,
און וועגן פוילן גערעדט נאָכאַנאַנד.





א

פון בעז פאַלט פלאַטערדיקער צוויט
און פון די נעכט אַ קילער אומעט ציט.
העל זיינען די אָוונטן, די שויפענצטער;
סטאַטעטשנע די שפּאַצירנדיקע טעכטער.
מ׳ציט גרינג, לייכט און סטודענטיש
מיט טראַגנדיקע ביכער פון פּויליש.
אויף דער פּיינסקי, אויף דער קראַקאָווסקי,
רעדט מען הויך וועגן פאַן יאַבלאָינסקי
און מען באַרימט זיך מיט וואָס מען קען.
פאַר די פרייַלנס פון לוסט און ברען,
רעדט מען וועגן פרעדעריק שאָפּען,
און מ׳גרויסט זיך מיט מיצקעוויטש,
מיט „קוואָ־וואַדיס" פון שענקעוויטש.
אויף די טראַטואַרן אין די אָפענע קאַפעען,
אונטער די שאָטנדיקע בליענדיקע אַלייען,
רוישן אין דינעם טוי — גלעזער געטראַנקען
און אויף געזיכטער לאַמטערנס צאַנקען.
מ׳שפּאַצירט אין לייכטע האָפערדיקע מינוטן
מיט ברייטע, שטרויענע פּאַנאַמאַ היטן,
ווי גאַרנישט אין פּוילן וואָלט זיך געביטן.

ב

ווי די בלעטער זיינען די אָוונטן טריב,
אויף יידישע גאַסן, אין יעדער יידישער שטוב.

מ'איז נישט אויפגעלייגט מער צו יענע נעכט,
ווען מ'האָט מיט בטחון פון תכלית גערעדט.
רייזנדער אין קאָפּעען זיינען אויפגעוועען שעהן שפּעט,
גאַזעטן געלייענט, ביליאַרד געשפּילט.
אויסלענדער וואָס האָבן אויף מוסטערן געהאַנדלט,
האָבן מיט ריישער פּריילנס ראָמאַנסירט
און ווייטע ליבעס שטילערהייט געפירט.

מ'איז געוואָרן פאַרבענקט און פאַרצערט
נאָך יענע היימלעכע, גרויסע, יידישע נעכט,
ווען מ'איז אין אַ יולידיקן שבת־נאַכט,
ווי נאָר מען האָט הבדלה געמאַכט,
אין מאַרק אַרויס אין שבתדיקן זייד
און אויף שטעקנס זיך אָנגעשפּאַרט ברייט,
הינטערוויילעכץ די הענט פאַרלייגט —
און מיט די פינגער געפּשטלט און געדרייט,
גאַנצע פּסוקים אויף אויסנווייניק פאַרטייטשט
און שמועסנדיק אַזוי אַוועק טיף און ווייט.
מיט טאַטעס האָבן זיך בחורים געשפּאַרט,
נישט אויף פּויליש און נישט אויף דייטש —
נאָר אויף גמרא־לשון און ישיבהדיקע רייד.

גיב, גאָט, צוריק יענע שאָטנדיקע נעכט,
ווען די ראָסע, דער טוי האָט יידיש געשמעקט.
געבליט האָט די לבנה בלאָס ווי בליי,
געצויגן האָט אַ ריח פון יונגן גרינעם היי,
ווען געשמועסט אין גערטנער האָבן יידן אַלערליי.
הינטערביימער, אויף בענק אין יידישן געדרענג,
האָט מען נאָך דער וואָך, נאָכן שבת געבענקט.
מ'האָט באַרעדט חזנים און בעל־תפילות,
זיך געשפּאַרט ווער ס'האָט שענער געדאַוונט שבת.

מתנגדים האָבן פון חסידים חוזק־געמאַכט,
און חסידים — פון מתנגדים אָפּגעלאַכט
און רק נאָר געטריבן ביטערן שפּאַס.

דער זשידאָווסקי גאָרטן שבת־צו־נאַכט,
האָט אויסגעזען ווי מאַריענבאַד, ווי קאַרלסבאַד.
רבנים, אויפן חסידישן שטייגער, זאַלבע־פיר,
האָבן זיך פאַרגינען צו כאַפּן אַ שפּאַציר.
מ׳איז אַרויס מיט בורשטינענע שטעקנס ברייט
פון גבאים, חסידים און בחורים באַגלייט.
אָנגעצויגענע, ווייסע זאָקן ביזן קני אַרויף,
האָט מען היימיש געטראָגן ווי ביי זיך אין הויף —
און אַזוי ערב דער מלוה־מלכה אַרומגעגאַנגען
געמיטלעכע, מיט לולקעס און קובע־ציגאַרן.
די גאַז־לאַמטערנס דורך די רייפע בלעטער,
האָבן שאָטנדיק זיך געשפּילט אין גערטנער.

אין אָוונטן אַזעלכע אין די פאָלקס־גערטנער,
זיינען חסידישע אויגן געוואָרן מילדער;
די געזיכטער, די בערד אומרואיקער.
מ׳האָט גערעדט פון גרויסע ווייטע ישיבות
און אויסגעוואַקסן זיינען פאַרשידענע גזעס —
און נאָר מ׳האָט זיך געקאָכט און געשפּאַרט;
אויפן אייגענעם שטייגער געפּשטלט, געטייטשט,
פון די צעהיצטע, טיפע שמועסן פון רביים,
האָבן דין געפלאָטערט די אַטלאַסענע בגדים.
גבאים האָבן פון יינגלעך נישט צוגעלאָזט קיינעם
און אָפּגעטריבן ס׳קליינוואַרג פון די רבנישע זקנים.
אַזוי האָבן יידן זיך פאַרגינען אַ שפּאַציר
אין זשידאָווסקי גאָרטן זאַלבע־פיר —
און אויסגעזען האָט ריישע שבת־נאַכט,
ווי יעוואַיניטש, וויסאָווע און קאַרלסבאַד.

ג

איצט, ריישע, ביסטו טרויעריק און גרויס;
אומעטיק מיט אַנגעלאָפּענע קאַטערינקעס,
וואָס דיינע בעטלער דרייען בלינד און געלעמט
מיט אויסגעשטרעקטע, געלע הונגעריקע הענט —
און ציען וויינענדיק די העלדזער אַרויף
צו די שטאָקיקע פענצטער אין די הייף,
און ס'וויינט פון זיי און ס'זינגט פון זיי:
„ראָטשילד האָט געוואָלט מיט זיין געלט שטאָלצירן,
איז ער צוגעגאַנגען צו זיין גרויסן קאַסע־קאַסטן,
האָבן זיך פּלוצים פאַרהאַקט די אייזערנע טירן
און אים אינעווייניק געפאַנגען אַ פאַרמאַכטן.
גאָט, אוי גאָט, האָב שוין רחמנות אויף מיר
און עפן צוריק שוין אויף די אייזערנע טיר!
באַפריי מיך, גאָט, פון מיין קאַסע־קאַסטן
און לאָז מיך פון הונגער נישט שטאַרבן!"

— — — — — — — — — — —

מאַמעס אָרעמע האָבן זיך מקנא געווען און געטרייסט;
מיטן „ליד" געקוויקט וואָס קאַטערינקעס האָבן געדרייט —
בעסער שוין אָרעם און ערלעך צו לעבן,
איידער ווי ראָטשילד אַזוי צו שטאַרבן.

בעטלער אין די ריישער וואָכנטעג,
קומען שטענדיק אָן מיטן לאַנצוטער וועג.
זומער זיינען זייערע בערד — טויאיק,
ווינטער זיינען זייערע בערד — שנייאיק.
מיט מידע פיס און מיט מידע זעק,
שפּאַנען זיי אין שטאָט פון עק צו עק.
פאַרנאַכט וואַרפן זיי אָן אַ שרעק,
פאַר זייער בליק לויפן קינדער אַוועק.

אויפן געלעגער וואַרפן זיך די קינדער מיט אָפענע אויגן,
די קינדישע געזיכטער מיטן בעטגעוואַנט פאַרצויגן —
און חלומען און רעדן פון זייער שלאָף ביינאַכט
פון גזלנים וואָס וואַרפן זיי אַריין אין פחד.

בעטלער אין די ריישער וואָכנטעג,
נעכטיקן אין פּאָליש אויף זייערע פּעק.
זיי טוען קיינמאָל נישט אויס די קליידער
און נאָר זיי רעדן צו זיך אַזוי כסדר
און קלויבן לאַנגווייליק עפּעס פון די קליידער;
נייען און צירעווען נאַריש זייערע זאַקן
און זעען תמיד אויס הונגעריק און דערשראָקן.
ר׳ מענדל, דער בייזער, הויכער שמש טרייבט —
און די בעטלער, ווי צוגעשמידט צו אַ קייט,
ווילן אויף להכעיס פונעם אָרט זיך נישט רירן
און בלייבן מיט די יאָרצייט־ליכט — אַליין,
ביז ס׳ערשטע מנין אינדערפרי קומט צו גיין.

ד

עשרת ימי תשובה,
צו חשבון און צו תפילה —
רופט און וועקט מיט אַ שטעקן
דער שמש מיטן מוראדיקן קלאַפּן.
מיט אַ קול פון צדקה־תציל־ממות,
גייט ער אַרום פון הויז צו הויז:
— שטייט אויף יידן צו עבודת־הבורא!!
פונעם שרייען כאַפּן זיך קינדער אויף אין מורא.
שלעפערדיק און פלעמלדיק גייען שטיבער אויף
און גראָ און פויל ליכטיקן אויף די הייף.

אויפן גאַס די לאַמטערנס טליען פאַרשלאָפן —
און קינדער מיט פאַרקלעפּטע אויגן,
רייסט מען פון געלעגער סליחות זאָגן.

אַ פאַרטאָג פון פאַרכט און יידן,
פון אויפגעפלאַמטע קלויזן.
יעדעס יידיש געסל ציטערט אויף,
פרום ציען די שול־מויערן אַרויף,
ווי אין אַלטן פּראָג דאָס שול־הויף.
הנשמה־לך, והגוף־שלך,
שפּאַרט מיט ברען, מיט קדושה פונעם ייד
ביי די טריפנדיקע, חלבנע ווייסע ליכט —
און מ׳ווערט פון זאָגן און זאָגן נישט מיד.
פון גרויס אימה, פון בעטן מחילה,
פון התלהבות און פון תשובה —
ציטערן־אויף די כרובים אויפן אָרון
און לוויהדיק וויינען די נשים פון אויבן,
ווי גאָט וואָלט געווען אין די שויבן.

פון די קלויז־פענצטער ציט־אָפּ די נאַכט,
דער אויסגעשלאָגענער שווייס, די קעלט
און ס׳טאָגן אויף די מתפללים פאַר דער וועלט.
די וואָס אַרט נישט דער טאָג, נישט די נאַכט,
גייען שטענדיק אין אלול אַרום פאַרטראַכט —
און בלייבן שוין אַזוי אין דער קלויז איבער;
ס׳גייט זיי נישט אָפּ דער מאַרק, דער מסחר.
זיי זיינען שלאָף, זיינען בלייך און זיינען ווייס
און זעען־אויס מיד פון זכור ברית.
תעניתים רוען שטיל אין זייערע בערד,
ביז די זון ציט אָפּ פון הימל, פון דער ערד.

ה

אומעטיק און פרום,
ווערט ריישע ימים־נוראים.
אין די פייכטע אלולדיקע פאַרטאָגן,
פון די ראָסאָווע דעכער אַ פאַרע נעמט יאָגן,
און פון די פרישע פויערישע פערד־און־וואָגן,
אַ צעהיצטע וואַרעמקייט נעמט זיך טראָגן —
פאַרהילכן שרייענדיקע געגנדז די שטאָט.
פורן מיט אַלערליי אויבסטן פונעם סאָד,
מיט עפּל, ווענגערקעס אין סאַמעטענעם טוי,
פאַרשמעקן דעם מאַרק סליחותדיק רוי.
ביסלעכווייז, געדיכטער ווערט דער יאַריד
אַ שווערער ציטער נעמט דורך דעם ייד.

אין די עשרת ימי־תשובה טעג,
אויף יעדער גאַס, אויף יעדן וועג,
ווערט ריישע מיט אַלערליי שנאָרערס פול.
פאַר דער קלויז, פאַר דער גרויסער שול,
רייסן זיי זיך אָן אויף יעדן פרעמדן ייד
און ווערן אַזוי צו בעטן נדבות נישט מיד.
איינער דעם אַנדערן פאַרגינען נישט די פרוטות,
שעלט מען זיך מיט ביטערע בייזע קללות.
די בושה וואָס מען זעט ביי די שנאָרערס,
פאַרשאַפן הרפה קהלן און די קלויז.
שיינע באַלעבאַטים שטעלן זיך אַקעגן,
מען זאָל זיך אַזוינס מער נישט דערוועגן.
די אָרעמעלייט האָרכן זיי אָבער ווי די קעץ
און קריגן זיך אַרום ווי אויפן מאַרק־פּלאַץ.

מוכר־ספרימניקעס פון אַנגעלאָפּענע שטעט,
פּאַקן חפצים אין קלויז אויס אויף אַ ברעט.
נושא־חן צו זיין, די סחורות זאָלן געפעלן,
שטעלן זיי זיך אין פּאָליש פאַר די שוועלן:
מיט טערקישע טליתים און שווערע עטרות,
באַגילדערטע מחזורים מיט לעדערנע רוקנס,
סאַמעט־בייטעלעך מיט פלאַשענע יאַרמלקעס.
רבנישע גאַרטלען און וואַקסענע ליכט,
ליגן מיט ברייטע שופרות אויסגעמישט.
אויף טישלעך, אומגעלומפּערט צעשטעלט,
ליגן די טייערסטע כלי־קודשן פון דער וועלט.

ווי צום כותל־מערבי קיין ירושלים,
ציט מען צום בית־עולם דעם אַלטן, דעם נייעם.
אויף קבר־אָבות קומען פון אומעטום אַהער יידן,
פון ווייטן אויסלאַנד — וויינען און בעטן;
קוויטלעך אויף גרויסע, הייליקע קברים לייגן.
ווי די שטאָט אַלט זיינען די מצבות, די קברים,
אין אוהלס פאַרמויערט ליגן דורות־צדיקים.
תחינהדיקע ווייבער ביים טויער פון רחמים,
בעטן קברות־געלט ערב די ימים־נוראים
און גיבן איטלעכן בטחון אויף אַ „גוט־קוויטל"
און בענטשן אַלעמען אויף אַ יעלהדיק קול.
ווי צו תשליך, הערט מען נישט אויף אַהין צו גיין —
דערנאָך פאָרט מען צו ר׳ שלמה־לייבעלען אַריין.

מען קומט פון אַלמיץ, מ׳לאָזט לייבציג איבער
און מ׳כאַפּט זיך מעשה חסיד צו רביס אַהער.
אַ געדרענג אין אַלע בתי־מדרשים
פון אַלערליי סוחרים און בטלנים,
פון שיינע איידעמעס און נגידים,

פון רייכע חסידים און יחוסדיקע בחורים —
און גרינג, לויט דעם שניט פון די מלבושים,
איז יעדן חסיד לייכט צו דערקענען;
וואו ער דאַוונט, ביי וועלכע גזע
און ווער אַפילו ס׳איז זיין רבי.
ריישע זעט אויס ווי אַ יאַריד פון יידן,
ווען מ׳קומט ימים־נוראים אָפּריכטן.

ז

ערב דער מעריב־שעה ראש־השנה,
פאַרצערט די שקיעה אין שכינה.
אין קדושה פאַלט אַריין די שטאָט
און ס׳שרעקט דיך יעדע יידישע באָרד.
פון דער וואָך אַנטשוויגן און לער,
רואיק מיט טרויעריקע שלעסער,
שטייען די לאָדנס, די געוועלבער.
אַן אימה ווייעט, אַ פחד וועקט,
ווען מנינים אין מנחהדיקער שרעק,
גייען אין די קלויזן, אין די שטיבלעך
מיט דערוואַקסענע בר־מצווה־יינגלעך.
אין טליתדיקער כוונה גייען געזינדער:
באָבעס און מאַמעס און קינדער —
אין יעדן לעבעדיקן באַשעפעניש,
אָטעמט איצט דער רוח־הקודש.

חסידים אין ווייסע זאָקן, אין ווייבע טריט,
אין צעפלאַמטע בגדים לויטן רבינס שניט,
מאַט און שווער, פלאַמענדיק אויסגעפוצט,
גייען עולה־רגלדיק תפילהדיק און מילד,

די פרומע ארבע־כנפות שלעפן זיך מיט.
כלה־מיידלעך און יונגע יחוסדיקע שנירן,
פֿאַרגינען זיך מיטן צירונג צו שטאָלצירן:
די גאָלדענע אויערינג, די לאַנגע קייט,
אָנגעטאָן דאָס אַטלאָסענע חתונה־קלייד.
די טראָטואַרן ווערן דיקער, געדיכטער,
מיט נאַכט — די יידישע געזיכטער.
אויפֿן וועג צו די בתי־מדרשים אַהין,
איז מען אין תשובה־טאָן אַריינגעטאָן.
די ענגלייכטער אין קלויז טריפֿן
מיט חלב אויף די הילצערנע טישן.

אין שטערנטיכלעך, אין ליכט געהילט,
אין מחזורים, אין תפילות — יעדער ייד,
אַ ווייסע הייליקייט אין די פּנימער בליט.
דער הויכער מעריב אין יעדן ייד ברענט
מיט שרייענדיקער העלקייט אויף די ווענט.
סאַמעט און זייד — איז די שכינה,
וואָס שלאָגט מיט פֿאַרכט, מיט רינה.
שטריימלדיקע שאָטנס אין די שויבן
מיט יראת־הכבוד אין די אויגן —
וויגן זיך דורכזיכטיק פֿאַרן רבונו־של־עולם.
די קלויז הייבט זיך אין התלהבות,
און אויסזען זעט דער דרויסן אויס ווי חצות.

ז

ריישע, אינעם בין־השמשות, ערב כל־נדרי,
אין דער ברענענדיקער שעה פֿון תפילה־זכה,
שטייען אין קיטלען, אין טליתים אָנגעטאָן —

דיינע בתי־מדרשים אין שטאָט — אומעטום!
אויף טישן, און אין קעסטלעך זאַמד,
פלאַמען וואַקסענע ליכט נאָכאַנאַנד
מיט פלאַטערדיקע שאָטנס אויף די ווענט.
מנינים וואַרפן זיך מיט בערד, מיט הענט,
מיט געוויין וואָס ציטערט און רינגט.
אַ פיבערדיקע שכינה אויף יעדן ייד.
מ׳זאָגט שטיקער פּיוטים, מ׳ווערט נישט מיד.
הימל־ערד — און רבונו־של־עולם,
שלאָגט פון יעדן האַרץ, פון יעדן אָטעם.
ערב כל־נדרי, ערב מעריב־ערבים.
ס׳איז יום־הקדוש אין יעדן מחזורדיקן וואָרט,
אין יעדן שטיין, אין יעדן לעבעדיקן טראָט.
אין קדושה, אין גרויס פאַרכט,
דורך תפילה־זכה, דורך גענאָד,
טוט די ערד צו דיר תשובה, גאָט!

אַ ווייסקייט, אַ מילדקייט, אַ ווייכקייט
אין יעדן אות, אין יעדן ייד, אין יעדן גליד.
ווי פונעם הימל דער טוי, דער רעגן,
גיסן פון כל־נדרי־זאָגן די שויבן —
און מ׳ווייסט נישט אַז ס׳איז טרערן.
וואָס קלאָגן, וויינען די פענצטער אַזוי
ביז זיי שאַריען אַריין אין גרוי?
האַלב וואַך און האַלב פאַרדרימלט,
זאָגט מען פאַרשלאָפן דעם שיר־היחוד:
— „איך וויל זינגען מיין לויב צו דיר גאָט,
ווי לאַנג כ׳וועל זיין אויף דער וועלט!
דו, וואָס שפּייזט מיך מיט לעבן און גענאָד
פונעם טאָג פון מיין געבוירן ווערן אָן,
געלייטזעליקט זאָל זיין דיין גרויסער נאָמען.

מיט וואָס זאָל איך דיר אונטערטעניק זיין ?
ווען אַפילו פון אַלע בערג זאָלן ווערן מזבחות,
און אַלע חיות און אַלע בהמות,
זאָלן געשאָכטן ווערן פאַר דיינע קרבנות —
און אַלע ביימער פונעם וואַלד לבנון,
זאָלן דעם בראַנד־אָפּפער אָנצינדן,
איז נישט גענוג דיין חסד אָפּצודינען !"

— — — — — — — — — — —

שיר־היחוד, שיר־היחוד...
צו דיינע מלכים געגליכן איז היינט יעדער ייד.
ווי זיי — טאָר מען היינט נישט שלאָפן,
ווי זיי — טאָר מען היינט, חלילה, נישט עסן,
ווי זיי — טראָגט מען פייער אין די אויגן —
און מען ריכט אָפּ די כל־נדרי נאַכט,
ווי די לוויים וואָס האָבן אַמאָל געוואַכט,
קיין אויג פון בית־המקדש נישט אַראָפּגעלאָזט.

— — — — — — — — — — —

ווי פאַרבליבענע שאָטנס אויף די בענק,
אויסגעצויגן ליגן יידן אין דער לענג
נישט שלאָפנדיק און נישט אויף,
מיט די געזיכטער צום באַלקן אַרויף,
קעגן אָרון־קודש, קעגן די לייבן —
גרייט צו לעבן, גרייט צו שטאַרבן !

אין זייערע שטיבער די ליכט איצט,
כאַפּן מוראדיק אַרום דאָס הויז־געזינד.
אַלע חפצים ווי אין טויט געהילט :
די טישן און טישטוכער ווייס פאַרדעקט,
שרעקן איצט יעדעס קינד אין בעט,
ווי ס'וואָלטן שדים אַרומגעשוועבט.
פון אַלץ אַרום שלאָגט מיט אַנגסט :

פון דער באָבעס רייד, פון איר קלייד —
און שווער איז דער שלאָף, די אימה.
טאָג זאָל ווערן, פאַרביי זאָל די נאַכט.
מ׳האָט מורא פאַר דער מזוזה, פאַר דער ערד,
פאַר טליתים, פאַר קיטלען און פאַר בערד.
די לבנה אין אומעטיקן פענצטער שווימט,
מ׳איז צו דער דרויסנדיקער נאַכט בלינד.

ח

אָנגעהויבן האָבן זיך די נאָך סוכותדיקע טעג.
פלאָטערדיקע בלעטער האָבן פאַרלייגט יעדן וועג.
פון קוימענס געסמאַליעט איבער דעכער,
האָבן טרוקענע רויכן פון סכך־ביימער.
דאָס בראשיתדיקע לערנען פון מלמדים
און דאָס פאַרבלייבן ביינאַכט אין חדרים,
האָט די ווינטערדיקע ייִנגלעך
געמאַכט סמוטנע און אומהיימלעך —
אַ שווערער שניי האָט זיך פרי געשטעלט
און ווייס פאַרלייגט די קאַלטע וועלט.

ווי אַזוי איז צוגעפאַלן דער כסליוודיקער אומעט
אין פוילנס צייטן, אין די ריישער נעכט?
אָפּגעבליט און אָפּגעדאַרט האָט דאָס פעלד,
קריעס אייז האָבן זיך אין ווייסליק געשטעלט;
אָפּגעשוואַכט איז דער שטראָם געוואָרן פון קעלט
און געבליבן זיינען די ברעגן ליימיק און געלעמט.
צו ברעכן דאָס אייז אויף צו כאַפּן פיש,
האָבן ייִנגען פייער געלייגט אויפן גליטש.
מ׳איז אַרויס מיט העק און מיט שליטנס

דעם וואַלד צו שינדן,
די ביימער אָנצוצינדן.
פון די הענט די נעגל האָבן געצוויקט
און רויט האָבן די געזיכטער געבריט.

ווי אַזוי איז צוגעפאַלן דער כסליוודיקער אומעט
אין פוילנס צייטן, אין די ריישער נעכט?
ציטריק געצאַנקט האָט יעדעס קרעמל
מיט קאַרגער בענקשאַפט אין יעדן פלעמל.
אין באַרכעטענע קליידער, אין פוילן דרימל,
האָט מען שלעפעריק אַרויסגעקוקט אויף אַן ערל;
אויפן חדר־ייִנגל מיטן לאַמטערן,
אויפן טאַטן פון משניות לערנען.
דער ווינט האָט די לאַדנס געריסן,
די שילד געפליקט, די מויערן געשמיסן.
מ׳וואָלט מסתמא שוין אַזוי פאַרזעסן,
ווען ס׳געוועלב וואָלט זיך אַליין פאַרשלאָסן.

ט

די אָוונטן הויבן זיך אָן מיט אויסלאָגן ליכט.
אין די פראָמינאַדעס דער שניי אויף ביימער בליט.
פראַצעטן און פראַצעטקעס שפּאַצירן ברייט
און שליענטשען־אַן אין די קאַפעען שעהן־צייט.
מען פלאַטערט אויף טראָטואַרן הין־און־צוריק
און מען שלאָגט זיך אָן אויף אַ הייסן בליק,
אַ ביסל פרעך און אַ ביסל שעמעוודיק —
מיט אַ „צאַלע־ראַנטשקי״ — באַגריסנדיק,
מיט אַ טיפן „פאַדאַם־דאַנוג׳דיקן״ נויג.
אַזוי גייט מען פריציש און האָפערדיק

און מען רעדט הויך פון פאַרבענקטע שטעט,
מען זעצט אויס אויף ריישע וואָס איר פעלט,
וואָס אין פוילן איז יאָ גוט און וואָס נישט.
אָבער צו האָבן דאָס נאָך וואָס יעדער בענקט,
סיי אין וואָר און סיי אין טרוים —
קען מען בלויז אין די אַלפּן און אין רוים.

די וואָס טראָגן הערצלען שטאָלץ אין לאַץ
און שטודירן אחד־העם, נאָרדוי, און גרעץ —
די וואָס גריבלען זיך אין העגל, קאַנט און מאַרקס,
אין די ביכער פון רעוואָלוציע און פּראָלעטאַריאַט,
זיצן שטענדיק אין די פּאַריינען ווינטער ביינאַכט
און קאָכן זיך היציק איבער יעדן רעפעראַט.
זיי גיבן קורסן וועגן גאָלדפאַדן און עדלשטאַדט
און לייענען די „געדיכטע" פון מאָריס ראָזנפעלד,
פאַר די משרתים פון יונגן פּראָלעטאַריאַט.
אויף די ווענט די בילדער וועקן בענקשאַפט:
מעשה זיידע — קוקט אַראָפּ מענדעלע מוכר ספרים,
מעשה פּראָפעסאָר — דער לאַכעדיקער שלום־עליכם
און שטרענגס — דער ברייטער פּרץ, ביי אַ טיש מיט ספרים.
דינעזאָן, נאָמבערג און אַנסקי,
זיצן אינאיינעם מיט ד"ר זשיטלאָווסקי
און אין דער לעצטער ריי — רייזען, אַש און ביאַליק
און אַלע זעען אויס ערנסט און אומעטיק.
— — — — — — — — — — —
עמיצן פון זיי מיט די אייגענע אויגן צו זען —
בלויז נאָר אַרויסצוזאָגן דאָס, וואָלט אַ נאָר געווען.
ריישע איז נאָך נישט לאָנדאָן, נישט פּעטערבורג,
נישט לאָדזש, נישט וואַרשע, אַפילו נישט לעמבערג,
אַז עמעץ פון זיי זאָל קומען אַהער אויף אַ פאָרלעזונג!
די זכיה אין איין שטאָט מיט איינעם פון זיי צו זיין

און נאָך דערצו הערן אַזאַ איינעם פאַרלעזן אַליין —
איז דער חלום פון דער יוגנט אין פוילן געווען.

אַזוי האָט מען די אָוונטן אין פוילן פאַרלעבט.
יעדער אויף זיין אופן האָט צו עפּעס געשטרעבט.
מ׳האָט גאַזעטן און אַלערליי ביכער געלייענט.
אַז מ׳וועט זיין עפּעס פון „יענע״ האָט מען געמיינט.
מען האָט געהערט און געלייענט
אין „מאָמענט״ און אין „היינט״ —
וועגן די גרויסע שרייבער אין די וועלט־שטעט:
אַז געלעבט אין „שאָפּ״ האָט מאָריס ראָזנפעלד,
באָוושאָווער, דער אַנאַרכיסט, דער פּאָעט,
האָט ס׳רוב לידער געשריבן אויפן קראַנקן בעט,
און אַז אין דחקות, אין נויט געלעבט האָט עדעלשטאַדט —
און אַז געקרוינט ווינטשעווסקין האָט דער פּראָלעטאַריאַט.
צו זיין נישט געבילדעט איז נישט געווען שיין,
דאָס צו דערגרייכן איז ריישע געווען צו קליין —
האָט די יוגנט זיך געלאָזט אין דער וועלט אַריין.

# פּארמעט



אַריין זיינען זיי מיט שטעקנס אין די הענט
און די מתפּללים אויסגעשטעלט בײַ די ווענט
און געשלאָגן איבער געזיכטער און טליתים —
פון דער שחיטה זיינען געבליבן שבתדיקע מתים.

## א

אין די שטאָטישע פענצטער געפלאָטערט האָט די זון,
דער „טשעטשעגאָ" מאַי מיט דער פוילישער פאָן —
און ווי אַלע שבת אין אַטלאַס, אין זייד אָנגעטאָן,
זיינען יידן צום דאַוונען געגאַנגען פּאַרטאָן,
זיינען באָבעס און מאַמעס און יונגע שנירן
אין די בתי־מדרשים געגאַנגען רואיק־צופרידן.
און ווי דער שטייגער, זיינען געזעלן געגאַנגען שפּאַצירן
און אָנשטאָט דאַוונען, צווישן זיך גענומען דיסקוטירן.
קיל און פריש ווי דער שבתדיקער ייד,
האָבן ביימער שאָטנדיק געגרינט און געבליט.

אָנגעהויבן האָט זיך עס ביים מאַגיסטראַט,
ווען מ'האָט אויף די יידן אַ בלבול אויסגעטראַכט.
דער מאַרק־זייגער פון אַ שטיין האָט געקראַכט,
פון דער העלער הויט האָט מען פענצטער געהאַקט.
ס'האָט זיך אָנגעהויבן ווי מיטאַמאָל —
מ'האָט זיך געלאָזט מיט פויסטן אויף קהל.
אויפן אָרט האָבן סטרוזשעס זיך געמערט
און ווי היישעריקן זיך גערוקט איבער דער ערד.
שטעקנס און אייזנס האָבן ווילד געפאָכעט

און טירן אויפגעבראָכן און שויבן אויסגעשטאָכן.
מיט זייערע שלעסער, מיט זייערע ריגלען,
האָבן זיך געוועלבער גרינג אונטערגעגעבן
און געפאַלן זיינען די פאַרהאַקטע שווערע לאָדנס
אונטער עשוס רציחה — באַנאַנד מיט די סחורות.
צעלניק, בשמים און שניט האָבן זיך אויסגעמישט —
און מ׳האָט וואָלשטאָפן אויפגעוויקלט ברייט,
ווער ס׳האָט געוואָלט האָט אָפּגעריסן אויף אַ קלייד.
אַזוי האָט מען קראָמען און פאַכן אויסגעלערט,
גאַרנישט און קיינער האָט ווער מען געשטערט
און קאַליע געוואָרן איז די שבתדיקע ערד.

די מאַיאָווע זון איז געשטאַנען הויך,
יידיש האָב־און־גוטס האָט געשטויבט ווי רויך.
ריישע איז געוואָרן שוואַרצער און געדיכטער,
און מיט שפּאַרנדיקן צאָרן אין די געזיכטער,
איז עשו אַרומגעגאַנגען פון שוועל צו שוועל
און רק געריבט פון האַנט צו מויל.
ווי ווינט וואָס שלאָגט דאָס וואַסער,
האָבן שטיינער געשלאָגן די פענצטער —
ווי האַרבסט וואָס פליקט די בלעטער,
האָבן הענט געפליקט יידישע שלעסער.
אין גוי דאָס בלוט האָט געזאָטן פרעכער
און איז געוואָרן שרייענדיק און ווילדער.
ס׳איז נישט געווען אַזוי דאָס זאַק־רויב,
ווי דאָס, וואָס פון שבת איז געוואָרן דרויב.

שבתים אַזעלכע זאָלן זיך מער נישט אומקערן!
מ׳האָט זיך מיט גאַרנישט־נישט געקענט ווערן.
די שחרית־שעה איז אויסגעגאַנגען צו טרערן
און בלוט האָט געשפּריצט פון קלויז־יידס שטערן.

מ׳האָט מסירת־נפשדיק די טירן פאַרשפּאַרט —
מיט פאַרלייגטע שטענדערס אַ פעסטונג געמאַכט.
פון די קלויז־פענצטער געשפּרונגען און געבליבן,
זיינען געהרגעטע מתפּללים אין טליתים ליגן.
אַטלאַסענע יידן האָבן זיך צום טויט געטריבן;
געוואָלט לעבן, און אַפילו נישט געקענט שטאַרבן.
פוילנס כעס האָט געבריט און נישט געוואָרן מיד
צו יאָגן זיך אויף בתי־מדרשים און נאָכן ייד.
דעם גאַנצן שבתדיקן מעת־לעת נאָכאַנאַנד,
האָט דער „טשעטשעגאָ״ מאַי געפּלאָטערט איבערן לאַנד.

ב

ווי אויף להכעיס האָט דער שבת זיך לאַנג געצויגן.
די זון ווי זי וואָלט זיך גאַרנישט גערירט פון אויבן,
האָט מיטאָגדיק געבלענדט אין די אויגן, אין די שויבן.
דער מאַיאָווער יום־טוב האָט זיך אין פענער געהויבן
און צום קאָשטשאָל מאַרשירט זיך מאָדלעווען פאַר פוילן.
דער לוסט פון די ציענדיקע פּראָצעסיעס כסדר,
האָט העלער געמאַכט די שיקסעס, די קליידער.
אויף די עלצטע גלחים, אויף זייערע שמשים;
אויף די קלויסטערישע קיטלען, אויף די פּויערים,
האָט די זון פינקלדיק געשפּיזט פון צלמים.
אין שטאַרקע הענט, פון תפילות באַגלייט,
האָבן אויף שטאַנגען מאָדאָנעס זיך געוויגט.
פּויערטעס מיט סטענגעס איינגעניט אין העמד;
בעז אין די האָר צעפלאָכטן און פאַרקעמט,
האָבן די פּסאַלמען נאָכגעזאָגט געלעמט.

אַזוי האָט מען געצלמימט דעם גאַנצן שבת,
נישט געוואוסט פון קיין אָנהויב, פון קיין אויס:

צי איז דאָס אַ לייכע, צי אַ פּאַראַדע,
צי מ׳גייט אין קאַשטשאָל, צי אויפן סמענטאַזש —
אַז די פּראָצעסיע האָט זיך אויסגעלאָזט דאָ,
האָט זיך עס באַלד ווי אָנגעהויבן דאָרט.
דאָס פּויערטום האָט זיך געשאָטן פון דאָרף,
פון מינדסטן שטעטל, פון יעדן פאַוויאַט:
מ׳איז געקומען מיט אויסגעפּוצטע געזינדער,
פון אַלע דאָרפישע וועגן — משפחות באַזונדער.
ווי פונעם המון דאָס עולה־רגלדיקע זינגען,
האָבן גלעקער נישט אויפגעהערט קלינגען. —
אַלע ווײַלע זײַנען שקצים אָפּגעשפּרונגען
און ציגל געשליידערט אין שבת אַרײַן.
ווען צום קילן מערב גערוקט האָט זיך די זון,
האָט פאַרן גרויסן קאַשטשאָל געקניט דער המון.
ביסלעכווײַז איז די פּראָצעסיע אַנטשוויגן געוואָרן
און פאַרכטיקער האָבן די גלעקער גענומען שלאָגן.
מ׳האָט די קלויסטערישע חפצים צוריקגעטראָגן,
אין דער טמא אַרײַן אַלץ צוריקצושטעלן.
אויפגעהערט קלינגען האָט דער בייזער טורעם
און צעפאַלן איז דער המון ווי נאָך אַ שטורעם.

ג

ס׳זאָל מער נישט געשען וואָס די אויגן האָבן געזען,
נאָך דער פּראָצעסיע, נאָכן עולה־רגלדיקן גיין!
די שקיעה איז נאָך איבער די דעכער געווען;
שאַרלעך די קלויסטער־שפּיצן אָנגעצונדן —
און ווי שטענדיק אויף דער פּיינסקי דאָרט,
געשטאַנען איז דער קאַשטשאָל אויפן אָרט —
און דאָ — צווישן די דורותדיקע קברים,

צווישן די שול־ווענט און די בתי־מדרשים,
פֿאַר דיר איינציקער באַשעפער אין הימל,
זיינען יידן געפֿאַלן פֿאַרחלשטע ווי פֿליגן
און זיינען ווי נאָך אַ שלאַכט געבליבן ליגן.
וואָס האָט מען יאָ, און וואָס נישט געזען?
ס'איז קיין קלויז נישט געווען צו דערקענען:
טישטוכער האָבן געהאַלטן אין ברענען,
אָרון־קודשן זיינען געלעגן צעבראָכן, צענומען;
צעוואָרפֿן די לוחות, די צוויי דוכנדיקע הענט
און ספֿרים־שענק האָבן נאָך אַלץ געברענט —
סידורים און גמרות און משניותן,
האָבן זיך פֿון שפּאַרנדיקן רויך געבויגן,
ספֿרי־תורות זיינען אויפֿן דיל געלעגן
מיט די פֿאַרמעטן, גאָט, צעוויקלט, פֿאַרקערט,
פֿון טריט די אותיות צעריבן, פֿאַרשוועכט.

דער מיעשטשאַן, דער פּויער, דער סטרוזש,
האָבן דאָס יויזל נישט געלופּטערט אומזיסט:
ווי האָלץ, ווי ברוכוואַרג, ווי שטיקער מיסט,
זיינען יידן מיט שטענדעס געלעגן אויסגעמישט
און האָבן מתפּללימדיק זיך נאָך גערירט,
ווי די ספֿרים־בלעטער וואָס האָבן נאָך געטליעט.
יידן פֿאַרלאָשענע, יידן פֿאַרגלייזטע,
מיט צעשפּאָלטענע קעפּ און שלייפֿן,
זיינען ווי קעלבער געשאָכטענע געלעגן
איבער די קלויז־בענק, איבער צעוואָרפֿענע טישן;
ס'בלוט האָט נישט קיין כּוח געהאַט צו טריפֿן
און נישט קיין כּוח געהאַט צו שטאַרבן.

ועמעס צאָרן האָט אַזוי אויסגעגאָסן
אויף די אור־אַלטע הייליקע מויערן

און אויפן עזרת־נשים אין קלויז אויבן?
ווער ס'האָט געקענט איז געשפּרונגען
פון די פענצטער פון די שראַנקען —
און אויפן אָרט געבליבן ווי איינגעזונקען.
דאָס זיינען געווען מאַמעס און שנירן,
יידן וואָס זיינען געקומען צום חתנס אויפרופן. —
מ'האָט אויערינגען און פערל אָפּגעריסן
אין כשרע לייבער די רציחה איינגעביסן.
באָבעס האָט מען מיט די פיס געשליידערט,
יעדעס פּיצל צירונג ממש אויסגעטרייבערט
און זיי מיט נאַקעטע קעפּ אָן טיכלעך געלאָזט.
ביזן האַלבן מעת־לעת, שעהן אַזוי,
איז מען פאַרחלשט געלעגן ווי בליי —
מ'האָט אין זיך געשטיקט דאָס געשריי,
ביז צוגעפאַלן איז דער אָונטיקער מאַי.

ד

ווי ס'שטילט זיך אַמאָל נישט אַ רעגן אין חשוון,
האָט זיך צום ייד נישט געשטילט דער צאָרן.
אין מיעשטשאַנס הענט האָט דער חלף געבלענדט,
ר'האָט זיך איינגעבראָכן דורך שלעסער, דורך ווענט
מיט שטאַבעס אייזן, מיט בייטשן אין די הענט
און געפּאָכעט אָן רחמנות וואו נאָר ר'האָט געקענט.
ר'האָט זיך געשפּאַרט מיט רציחהדיקן אימפּעט:
אויפגעלאָפן פון בייטשן איז דאָס יידישע געזיכט,
אַ יונישער כוח האָט די בערד געפּליקט;
דאָס בעטגעוואַנט צעשניטן און צעטראָגן;
די פּעדערן אין דער שטוב צעבלאָזן —
און שווער איז געוואָרן אין די אויגן
פון צעלאָזענעם פּאָך וואָס איז בלינד געפלויגן.

ס'איז שווער, גאָט, אַזאַ שבת צו פאַרגעסן,
ווען אין עשון האָט דאָס טריפהנע בלוט געזאָטן
און זייערע פיס אויף קינדער האָבן געטראָטן!
די מגפה פון צאָרן האָט זיך שטאַרקער פאַרשפּרייט,
און אָפּגעטאָן האָט זיך דאָס רחמנות, דער מיטלייד.
די באָבע חנהלע האָט זיך אין שרעק געוואָרפן;
אינמיטן תהילים־זאָגן מיטאַמאָל זיך אויפגעהויבן
און אויפן גוי זיך געלאָזט מיט די באָבישע פויסטן.
מ'האָט געשלעפּט וואָס ס'איז געקומען אונטער די הענט;
פון נשים די שייטלען געריסן, דאָס פרומע העמד,
אַ תל געמאַכט פון יונגע מאַמעס, פון יונגע קליידער,
מיט כעס און מיט גלוסט זיך איינגעגעסן אין די לייבער. —
די שעה פון גאָט פון אברהם — זאָל איצטביישטיין,
דער בייזער שבת זאָל וואָס גיכער פאַרבייגיין!

מ'פאַרפעלט, רחמנא־לצלן, נישט קיין יידיש הויז —
און ערגער ווי אין שטוב, איז צו גיין אַרויס.
רק נאָר דו הערסט ווי ס'טראָגן זיך קולות,
יידיש געוויין אויסגעמישט מיט קללות —
און ביים שיניעוור שענדט מען דעם שבת.
פאַרוואָס אַזאַ שטראָף אויף מאירל שיניעווער, גאָט;
אויפן זקן וואָס קדושה איז זיין יעדער טראָט?
הענט פון רוצחים־האַלטן אים געקלאַמערט,
אַ צעריסענער ייד, זיין געזיכט פאַרשטיינערט,
אויף זיין שוואַכן אַקסל דאָס פאַרחלשטע ווייב —
און מיט דער כשרער כלה איצט אויפן דיל,
טוט מען וואָס דאָס חיהשע האַרץ וויל.
מ'הייסט טאַטע־מאַמע קוקן אויף זייער טאָכטערס לייב,
ר' מאירל זינקט, פון די פיס פאַלט דאָס ווייב:
— „שעכט אונדז, הענגט אונדז, אַז ווײ און אַך,
אָבער אונדזער קינד רירט נישט־אָן ערב חתונה־וואָך!"

ניִשט בייגעשטאַנען איז די שעה פֿון גאָט פֿון אברהם —
יוזעק האָט די טאָכטער אָנגענומען מיט די הענט,
אויפגעדעקט דאָס העמד, די בתולה געשענדט,
און טאַטע־מאַמע זיינען געוואָרן געלעמט
בעת מ׳האָט טמא געמאַכט זייער קינד.

ה

ווי שטויב וואָס מערט זיך מיטן ווינט
און שלאָגט זיך אויף אַלץ אָן בלינד,
האָבן רוצחים אַלץ מער זיך געמערט;
פֿול געוואָרן מיט זיי איז די פּוילישע ערד
און די שחיטה האָט גאָרנישט אויפגעהערט.
מ׳האָט דעם פּאָגראָם איינגעטיילט אין שטעט,
אין חדשים, אין וואָכן און אין טעג:
היינט אין ריישע, מאָרגן אין לעמבערג,
אין טאַרנע מאָנטיק, אין פּשעמיש פֿרייטיק,
אַזוי אין יאַראָסלאַוו, אַזוי אין סאַניק,
ביז מ׳האָט די בלוטיקע וואָך פֿאַרענדיקט.

ס׳איז געווען ווי דעם מגידס משל מיטן ראָד,
וואָס כאָטש מען דרייט עס דאָ און דאָרט,
קומט עס שטענדיק צוריק אויפֿן זעלבן אָרט.
ווי אַ חולאת האָט די שחיטה זיך פֿאַרשפּרייט;
דערפֿער אַרומגעכאַפּט, שטעט ניִשט פֿאַרפֿעלט:
מ׳האָט הייזער מיט יידן אָנגעצונדן,
הייסן וואַסער אויף קינדער געגאָסן,
מאַמעס און טעכטער נאַקעט געשלאָגן,
מאַנסבילן געקאַסטרירט, די בערד געשניטן
און אויף באַנען יידן פֿון פֿענצטער געוואָרפֿן.

אַנגעהאַלטן אַזוי האָט עס וואָכן און חדשים.
מ׳האָט שטאַרק מורא געהאַט פאַר די שבתים.
מ׳האָט נישט געוואוסט אויף וואָס פריער צו בעטן:
צי אויפן טאָג, צי אויף דער נאַכט וואָס מ׳האָט פאַרשאָלטן,
אַז מ׳האָט זיך פאַרן מינדסטן אויגנבליק געשראָקן.
גאָט אין הימלס ווילן!
פאַרוואָס שפּאַנט אַזוי דער גולם איבער די שוועלן
און נישט דו צוימסט אים, נישט דו הייסט אים צעפאַלן?
און אויב ליים, וואָס איז נישט מער ווי פּראָך,
זאָל אַ האַק קענען טראָגן אין דער שאַרפער הויך
איז עס, גאָט, בלויז מיט דיין ווילן, מיט דיין כוח!

ו

כאָטש ס׳האָט דער ווילסיק נישט אויסגעגאָסן,
רעגנס האָבן נישט געפּליצט אין די רינשטאָקן,
איז די שטאָט אין פאַרגאָסן בלוט געבליבן שטיין,
ווען צוביסלעך איינגעשטילט האָט זיך דער המון.
שוין בעסער בלינד, טויב און שטום צו ווערן,
איידער צו זען וואָס מ׳האָט רחמנא־לצלן, געזען:
די געסלעך אַרום די בתי־מדרשים,
האָבן אויסגעזען ווי חורבן־ירושלים.
אַש און קויל איז געוואָרן פון ספרים.
פאַרמעטן, ווי שטיקער בלעך געבויגן,
האָבן זיך אין ווינט געהויבן, געפלויגן —
דאָס זיינען געווען צעריסענע ספר־תורות;
געלייענטע און אויסגעוויינטע פון דורות.
אַלץ איז אַרויס ווי בוימל אויפן וואַסער:
פאַרשעמט געלעגן זיינען שטריימלעך, טליתים,
אין בלוט געוויקט האָבן יידישע מתים.

און ווי פון אַ שוחטס האַנט געוואָרפן,
האַלב־לעבעדיק און צאַפּלדיק געשאָכטן —
זיינען יידן ווי געקוילעטע געשטאָרבן.
געוויינען האָבן די הימלען געשפּאָלטן
און קיינער האָט קיינעם נישט געקענט העלפן.
ווי אין די אלולדיקע טעג צווישן קברים,
איז מען אַרומגעגאַנגען צווישן הרוגים —
און שווער איז געווען וועמען צו דערקענען
און נאָך שווערער אַ דערהרגעטן אַנצונעמען,
צעפאַלן איז דאָס מת פון וואונדן, פון ברענען.

אַ שענערן, פון דעם לעבן־געבליבענעם אַליין,
וואָס איז אַרומגעגאַנגען מיט פאַרביסענע ציין
און ערגער נאָך פון די קדושים אויסגעזען,
לייגט מען אין קיין גרוב נישט אַריין. —
טויטע יידן — צעוואָרפן און פאַרשטייפט,
זיינען איינע אויף די אַנדערע געלעגן פאַרגלייזט:
אַ סך מיט די פּנימער צו דער ערד איבערגעדרייט,
אַ סך מיט די הענט איינער אויפן צווייטן פאַרלייגט,
די שטריימלעך צעשלעפּט, דאָס שבת־קלייד —
פון נשים דאָס צירונג אָפּגעצויגן, די קייט
און זיי אין נאַקעטן בלוט געלאָזט טויטערהייט.

אויפגעוועגן איז די שטאָט ווי נאָך אַ שלאַכט.
קהל מיט דער חברה־קדושה האָבן געוואַכט;
זיך געפּאָרעט ביי די קדושים אַ גאַנצע נאַכט.
דער הויכער שבתי האָט טרויעריק געהאָלפן;
געקיניגט, געשאָלטן, מיט איטלעכן זיך באַהאָלפן;
צענדליקער מתים מיט די אייגענע הענט געוואַשן.
יידן־יידענעס זיינען אַרומגעגאַנגען מיט ליכט,
אין איטלעכן טויטן באַזונדער אַריינגעקוקט

און געהלשט ביים דערקענען אַ היימיש געזיכט.
קהל האָט זיך געשווינד צו קבורה געגרייט,
ווער נאָר ס'האָט געקענט האָט תכריכים גענייט —
און די הייליקע לוויה אויף אינדערפרי צוגעגרייט.

ז

אויב מ'האָט די שטאָט אינגאַנצן נישט אומגעבראַכט,
איז ווייל מאַנכע גאַסן האָבן זיך ווידערגעשטעלט:
די ערשטע געוואָגט — האָט די דריקעראָווקע;
דערנאָך די וואָליע, באַלד די באַלדעכאָווקע.
דער „זעלבסטשוץ" דאָרט האָט געאַרבעט מעשים;
זיך באַפעסטיקט אין קעלער, אויפן בוידעם;
זיך קעגן געשטעלט מיט ביקסן, מיט שטאַבעס —
די יידישע גבורה האָט אויסגעהאַלטן אַ גאַנצן שבת.
אויב מ'האָט אין מאַרק די קראָמען אויסגערוימט,
אויף דער מאַטעיקאַ, יידישע טעכטער געשענדט,
פון שאַפעס — אויסשטאַפירונגען צעשלעפט,
איטלעכן אין בוזימס גענישטערט און געזוכט
און צום סוף מיט נדנים אַרויס אַנגערויבט —
האָט מען אין יענע גאַסן דערפון נישט געוואוסט.

דער „זעלבסטשוץ" האָט פרעמדע הייזער פאַרכאַפּט
אין געהיים האָט מען קוילן צום שיסן געבראַכט,
און אויף דער דריקעראָווקע געפירט די שלאַכט:
פון אַלע ווינקלען האָבן שטאַרקע ייִנגען געוואַכט.
מ'האָט שטיינער געוואָרפן, פון ביקסן געשאָסן;
אין ציל, אַזש פון די דעכער אַראָפּגעטראָפן.
מ'איז געשטאַנען מיט צעקנעפּלטע העמדער,
אַ נאַקעטער כוח האָט געשפּאַרט פון די לייבער.

און גאָרנישט האָט אָפּגעשטעלט, אָפּגעהאַלטן;
אויג אויף אויג — האָט מען קעפּ געשפּאָלטן.
פון דער דריקערזאווקע, פון דער וואָליע דער יונג,
וואָס איז שטענדיק געשווינד און פלינק —
האָט זיך געשלאָגן, געמאָצעוועט אויפן ווינק.
און געווען איז דעם סטרוזש ווי און ווינד,
דעם רוצח, דעם מיעשטשאַן דעם הונט,
ווען ר׳איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַזאַ יונג —
ר׳האָט זיך געריסן ווי פון אַן אייזערנעם רינג.

די הייליקע שלאַכט האָבן שטעט באַוואונדערט
און אומעטום פון ריישעס „זעלבסטשוץ״ גערעדט.
ס׳איז געווען די ערשטע שטאָט וואָס האָט געוואָגט
מיט יידישן כוח זיך אַקעגן צושטעלן די האַק
און בייקומען די, וואָס האָבן זיך פריער געיאָגט
נאָך יידן און טעכטער און נאָך זאַק־רויב.
דאָרט וואו מ׳האָט העלדיש די שלאַכט געפירט,
האָט מען אַפילו קיין איין יידיש הויז באַרירט
און צו די קראָמען דאָרט האָט גאָרנישט פּאַסירט.
אַ שאָד וואָס דער „זעלבסטשוץ״ איז אין ערך געווען קליין
און די שטאָט צו גרויס — ר׳זאָל אומעטום קענען זיין.
האָבן טאַקע אַ סך בתי־מדרשים געברענט,
ספרים און ספרי־תורות האָט מען פאַרלענדט
און געשטאָרבן זיינען מתפללים צווישן ווענט.

ח

נאָכן ביטערן שבת וואָס האָט זיך לאַנג געצויגן
און ווי נאָר דער צומאָרגנס האָט זיך אָנגעהויבן,
איז דער בראָך אַרויס ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן,

ווי נאָך אַ בלינדן נעפּל וואָס צעגייט אין די אויגן:
ווי נאָך אַן ערד־ציטערניש, רחמנא־לצלן —
איז מען ווי דאָקטוירים אַרומגעגאַנגען, איבער חולאים
דאָס אויער צום האַרץ געלייגט, דעם דופק אָנגענומען,
רעטונגס־בעטלעך געבראַכט, געשווינד אַוועקגענומען.
יעדער וואָס האָט געקענט האָט באַנדאַזשירט אויפן אָרט,
אָפּגעמינטערט די וואָס האָבן נאָך אויסגערעדט אַ וואָרט.
געלעגן זיינען מויערן, ווי געפאַלענע פעסטונגען,
אויף קעפּ, אויף הענט האַלב־אָפּן, האַלב־פאַרשאָטן —
און מעת־לעתן האָט דער „זעלבסטשוץ" געאַרבעט,
ביז מ'האָט אַ נפש פון די חורבות אָפּירגעשאַרט.

וואָס האָט מען יאָ, און וואָס נישט דערקענט
פון אונטער די צעשפּרינגענע קלויז־ווענט?
סידורים, כלי־קודשן און יידישע הענט,
געשטריקטע גאַרטלען אַרום יעדן לענד,
זקנים וואָס האָבן ווי לעבעדיק געבלענדט —
האָט מען נעבעך יאָ, און נישט דערקענט.
אַרום דער גרויסער קלויז מיטאַמאָל,
האָט מען ווי אויף אַ פעלד אויפגעשטעלט אַ שפּיטאָל.
היות ווי פאַר אַ טיפוס געשראָקן האָט זיך קהל,
האָט מען אויף די געפאַלענע געגאָסן קאַרבאָל
און געוואַקסן איבערן טאָג זיינען טויטע אָן אַ צאָל.

עסטרייך האָט פאַרלוירן, און פוילן — געזיגט,
און אין מאַרק — אויפגעפרישט אין מאַי געהילט,
האָט דער שטיינערנער קאָשטשושקאָ געבליט;
אים צופוסנס — געשאָכטן איז געלעגן דער ייד.
יאָרן ווי ר'שטייט אַזוי אויף דער טעראַסע גרייט,
פאַרריסן, מיט דער ציענדיקער שווערד פונעם שייד —
און יאָרן, ווי איבער קאָשטשושקאָ לעגענדעס מ'פאַרשפּרייט:

אַז אין יעדן דור זינקט אַ שטיג אויף וועלכער ער שטייט
און אַז אין דר'ערד אַריין ער וואַקסט פון יאָר צו יאָר —
און ייִנגלעך זייַנען אַפּילו אַ בעלן צו ווייַזן אַז ס'איז וואָר.
דערווייל שטייט ער מעכטיק אינמיטן רינג אויפגעשטעלט, —
אַזוי אין גאַנץ פּוילן, אַזוי אין אַלע פּרעמדע שטעט —
און פאַר אויסלאַנד, און פאַר דער גרויסער וועלט,
איז ער דער סימבאָל פון פּוילנס פרייהייטס־העלד.

ט

אויב אַ בלאַט, אַ גרעזל האָט זיך געגעבן אַ ריר,
איז עס נישט געווען פונעם ווינט — דער ציטער,
נאָר פון דער קידוש־השם לוויה — דער פלאַטער,
וואָס אָנגעוואָרפן האָט דער טאָג דער זונטיקדיקער!
בעסער שוין צו ווערן בלינד, נישטיק ווי דער ווינט,
איידער פון די קדושים צו פאַרבלייבן אַ יתומדיק קינד,
צי גאָר אַ מאַמע פון אַ טאָכטער וואָס מ'האָט געשענדט,
דאָס ווייב פון אַ מאַנסביל וואָס מ'האָט פאַרברענט,
דער ייִד פון די פאַרמעטן וואָס מען האָט פאַרלענדט,
די ייִדישע שטוב וואָס איז געבליבן אָן שויבן, אָן ווענט.
— — — — — — — — — — —
מ'האָט די שטאָט ריישע באַין־אופן נישט דערקענט:
שוואַרצע ליכט האָבן אין ייִדישע פענצטער געברענט,
פאַרהאַנגענע שפּיגלען האָבן מער נישט געבלענדט,
מ'האָט אין גרויס געוויין פאַרבראָכן די הענט.
די יעלות, די קולות זייַנען געגאַנגען עד־לב־השמים,
האָבן די הימלען אויפגעריסן ביז צו שערי־רחמים,
ווען געצויגן האָבן די לוויות פון די קדושים.

מ'האָט שבת געשאָכטן, זונטיק — באַגראָבן
און די הרוגים צום בית־עולם געטראָגן.

איינערביים אַנדערן האָט קריעה געריסן.
פון דער מאַיאָוועך זון איבער דער וועלט,
האָט, ווי שבת, דער זונטיק שאַרף געהעלט:
דער קאַשטשאַל האָט זיך גאַרנישט געשעמט
צו שלאָגן די גלעקער בעת דער ייד האָט געוויינט.
דער פויער, דער מיעשטשאַן, דער סטרוזש,
איז געווען אויסגעפּוצט ווי אין די חגאות
און באַוואונדערט אַלץ אָן רחמנות.
פאַרגליווערט און ווילד איבער דער גאַס,
זיינען קינדער אַרומגעלאָפן אין משוגעת
און זיך נאַריש געפּלאָנטערט פאַר די פיס —
מ׳זאָל שוין מער, גאָט, נישט זען אַזוינס!

י

אויב ס׳איז נעכטן נישט געווען באַשערט
אָפּצושרייען די שחיטה פון פוילנס שווערד,
האָבן יידן געבעטן נישט צו ווערן געשטערט
ביים פירן די קדושים רואיק צו דער ערד.
אָנגעזעענע יידן זיינען אַרויף אין מאַגיסטראַט
און באַלד האָבן פּאָליציאַנטן אומעטום באַוואַכט —
און זיכערער איז געוואָרן דער טאָג, די נאַכט.
דאָס מקבר זיין האָט זיך שפּעט פאַרצויגן:
וויפיל מ׳זאָל זיך נישט געווען יאָגן, נישט איילן,
איז מען אין דער פינצטער געבליבן צווישן היילן.
מ׳האָט אויפגעגראָבן דאָ, און פאַרשאָטן דאָרט —
נאָך יעדע לעצטע לאָפּאַטע — קדיש געזאָגט.
קברות-ווייבער אין טיכער געהילט, אין שאַלן,
זיינען אין געוויין פאַרגאַנגען, פון די פיס געפאַלן
און זיך אין די קברים אַריין מיטגעריסן
מ׳זאָל זיי באַנאַנד מיט די קדושים פאַרשיטן.

אויפן בית־החיים, יידן הונדערטער מיטאַמאָל,
זיינען אויפגעוועקן צוזאַמען מיטן בית־דין, מיט קהל,
און אויפגעשטעלט דעם קבר מיט דער מויער
מקבר צו זיין די צעריסענע עטרותן פון פייער.
פאַרמעטן וואָס זיינען געלעגן צעוויקלט, פאַרקערט,
האָבן רבנים און סופרים צוריק איבערגעקערט
און יעדעס ברעקל אַריינגעלייגט אין דער ערד.
פאַרשמירטע שמותן, פרוכתן און טליתים,
האָט מען ווי פון דער שחיטה די מתים —
פאַרזיכטיק אַריינגעלייגט אין די קברים,
די אויגן ביים קדיש זאָגן,
זיינען פאַרגליווערט געוואָרן
און מיט פאַרביסענעם טרויער פאַרלאָפן.

יא

אָבלדיק זיינען יידן נאָך די לוויות געוואָרן.
אין די שטיבער האָט אַ ווינט ווי פון שדים געצויגן,
פון צופיל געוויין רויט געטרוקנט האָבן אויגן.
מ׳איז געזעסן נידריק, האַלב שלאָף געבויגן
און געקלאָגט אויף די וואָס זיינען געפאַלן ווי פליגן.
מער ווי געצונדענע ליכט מיט איבערקערטע שפּיגלען,
פאַרשניטענע פנימער הינטער פאַרמאַכטע ריגלען,
האָט מען אין די צעראַבעוועטע שטיבער נישט געזען.
ערשט איצט האָט מען דערפילט די מורא, די שרעק,
די אימה וואָס האָט קינדער געוואָרפן פון בעט.
מ׳איז אַרומגעגאַנגען מיט וואונדן געבונדן —
שראַנקען און שאַפעס זיינען געשטאַנען אָפן,
צערוקט, צענישטערט זיינען געווען די שופלאָדן.

וואָס האָט יאָ, און וואָס האָט נישט געפעלט,
ווען מ׳האָט זיך נאָכן ביטערן שבת אַרומגעקוקט?
צו וואָס מ׳האָט זיך צוגערירט עפּעס זוכן,
האָט מען די יידישע הענט פאַרבראָכן:
די זילבער־שאַנק איז פון שטיקלעך געוואָרן,
די פּאָדלאָגע אויפגעריסן און אויפגעבראָכן,
און דער כלהס אויסשטאַפירונג צעטראָטן —
געוואַלגערט האָבן זיך ספרים צעפלויגן.
און ווי די הייזער האָבן אויסגעזען די גאַסן:
געוועלבער אָפּגעשליסן און אָפּגעריסן,
קוים געהאַנגען זיינען לאָדנס אויף זאַוויאַסן.
אַלץ האָט אויסגעזען ווי גלגולים פון שאָטנס,
געלויערט האָט אַ הונגער פון די שאָדנס.

יב

כאָטש צו עסן איז געווען צו זעט,
האָט דער מסחר ווי פון זיך אָפּגעשטעלט.
סוחרים האָבן איינער מיטן אַנדערן נישט פאַרקערט,
מורא געהאַט אַרויסצופאָרן אין אַנדערע שטעט.
כאָטש פאַרזיכערט האָט דער סטאַראָסטווע קהלן,
אַז גאָרנישט וועט געשען צו יידן וואָס וועלן פאָרן
נאָך סחורות וואָס זאָלן גוט מאַכן זייער שאָדן —
דער בעצירק וועט צוריק אויפלעבן די יאַרידן,
באַצאָלן דעם היזק פאַר די קלויזן און שולן.
האָט קהל מכריז־ומודיע געווען און באַפוילן,
מ׳זאָל זיך חס־וחלילה זיך נישט רירן פון אָרט
און אַז קיין ייד זאָל נישט וואַגן אַרויס פון שטאָט
ביז ס׳וועט נישט קומען די קאָמיסיע פון אויסלאַנד.

פון די ציענדיקע שלאָפקייטן נאָך דער שחיטה,
האָט מען זיך געשראָקן פאַר אַ מגפה.
די קהילה פון קראָקע האָט־דעפּעשירט,
ווי זיך צו האַלטן אויב עפּעס פּאַסירט.
געשטורמט דעם סיים האָט ריישע
מיט דאָקטאָר יהושע טאָן אין וואַרשע.
קלאָגעס זיינען דערגאַנגען קיין ווין,
אָפּגעאָרדנטע זיינען תיכף געפאָרן אַהין —
זיינען קאָמיסיעס פון די הויכע פענצטער,
געקומען אויספאָרשן דאָס בייזע וואונדער;
די צעבראָכענע שטעט און שטעטלעך באַקוקן
און צום יידישן חורבן געמיטלעך זיך באַצויגן.
ווייניק וואָס דערפון געמאַכט האָט זיך פּוילן,
שטיל זיך אויסגעלאַכט פון די גרויסמאַכטן:
אַמעריקע, פראַנקרייך און בריטאַניע —
וואָס האָבן שאַרף פאַרדאַמט אירע מעשים.
פּוילן האָט געענטפערט, זיך אַנטשולדיקט
און צו קליינגעלט געמאַכט דעם אומגליק,
און אַז אויסגעבראָכן האָט אַלץ מיטאַמאָל,
און אַז שאָדן־ערזאַץ וועט זי צאָלן צו קהל —
און אַרויסלאָזן די יידן קיין ארץ־ישראל.

## יג

די וואָס האָבן אין בטחון געוואָלט גלויבן,
האָבן אָנגענומען צו בלייבן אין פּוילן.
מ׳איז צוריק אַריין אין תכלית, אין לעבן.
ווער ס׳האָט עשירות פאַרמאָגט האָט געגעבן
אויפצושטעלן צוריק די פאַרשוועכטע מויערן,
וואָס זיינען געפאַלן פון יוונס ווילדער האַנט.

ווי אין ריישע, אַזוי אין אַנדערע שטעט נאָכאַנאַנד.
ס׳יונגוואַרג האָט ביסלעכווייז פאַרלאָזט דאָס לאַנד.
די ירידה איז צוגעגאַנגען גרויס און געשווינד:
כמעט פון יעדער שטוב איז אַוועק אַ קינד.
מאַמעס וואָס האָבן איבער די זין געציטערט,
האָבן זיי איצט אַוועקגעשיקט אומגעשטערט.
אין אַ הויז וואו ס׳זיינען אַוועק מער קינדער
אײדעמס, צי זין, צי אַפילו טעכטער,
איז גאָר אויסגעפאַלן אַ ברכה אויף שפּעטער —
און איז צונוץ געקומען ווי אַ באַוואָרעניש פון נחת
פאַר די פאַרבליבענע אַלטע מאַמעס און טאַטעס.

אַזוי ווי ס׳איז פריער געווען אַ געיעג אויף מסחר,
האָט מען זיך איצט גענומען האַנדלען מיט פּעסער.
יעדער וואָס האָט אין סטאַראָסטווע געהאַט אַן אמת,
האָט פּאַפּירן צוגעשטעלט אַרויס צופאָרן פון לאַנד.
מיט גאָלד צוגלייך איז געווען אַ פּאַס קיין אויסלאַנד —
מ׳האָט תיכף־ומיד געלט אויסגעציילט אויף דער האַנט.
דער, וועמען דאָס מזל פון אַמעריקע האָט צוגעשפּילט,
און געלט באַקומען דורך אַן אַמעריקאַנער דעלעגאַט,
איז צו פאַרשאַפן זיך אַ פּאַס אַנגעקומען זייער לייכט.
מ׳האָט זיך גיכער לאַקאַמעט אויף דאָלאַרן
אײדער אויף זלאָטעס וואָס האָבן געהאַלטן אין פאַלן.

אויסגעוואַקסן זיינען מעקלערס ווי פון דער ערד,
און ווי זאַמד, ווי שטערן יעדן טאָג זיך געמערט.
נאַטשעלניקעס אויף באַנען האָבן נישט געשטערט;
נישט ווײסנדיק זיך געמאַכט, נישט געזען, נישט געהערט.
מיט די שמוגלער בײינאַנד שוואַרצן די גרענעץ,
איז מען גרופּנווייז אַזוי געפאָרן קיין קאַטאָוויץ.
מ׳האָט זיך געשפּאַרט צו פּראַג, צו אַלמיץ,

געוואָלט קיין פּרעשבורג, קיין ברין, קיין טעפּליץ —
און אַז אויפּפּאַלנד איז געוואָרן בערלין,
האָבן שמוגלערס זיך גענומען צו ווין.

אַן אָפּקומעניש איז געווען די דריקנדיקע שרעק,
דאָס שוואַרצן די גרענעץ אַבי פון פּוילן אַוועק —
און זוכן בלינד אַן אָנהאַלט וואו, אַ צוועק.
יעדער וואָס האָט זיך נאָר אין אַ קרוב דערמאָנט,
אין אַן עלטער־פעטער אין דער ווייטער פרעמד,
האָט פון בריוו־שרייבן זיך אויסגעשריבן די הענט.
יחוסדיקע יונגעלייט זיינען אַוועק ווערן געזעלן,
און זיך באַזעצט אין מינכען און אין קעלן.
דאָס רוב וואָס זיינען אַוועק קיין אויסלאַנד,
זיינען שטעקן געבליבן אין עסטרייך־דייטשלאַנד.
מ׳האָט זיך אַרומגעדרייט אויף דער בערזע אין ווין,
געפירט פאַרווערטן מסחר קיין בערלין —
סחורות געשוואַרצט פון פּראַג קיין ברין.

ווי נאָך אַ מאָביליזאַציע צו מיליטער,
איז ריישע פון דער יוגנט געבליבן לער.
היינט איז אַוועק יענער, מאָרגן דער —
און נאָר מ׳האָט פון פאָרן געהערט.
האָט איינער שוין געוואוסט דעם טעם פון ווין,
האָט ער אין ריישע מער נישט געקאָנט זיין.
איינער פאַרן אַנדערן האָט זיך אָנגעהויבן מיען,
ברידער האָבן שוועסטערן אַראָפּגענומען.
אַזוי האָט מען אַרויסגעצויגן דאָס יונגוואַרג
און שיטערער איז געוואָרן דער מסחר אין מאַרק.
מ׳האָט פון אויסלאַנד גערעדט ווי פון ארץ־ישראל
און וועלט־שטעט זיינען געוואָרן היימיש מיטאַמאָל:
וועגן לאָנדאָן, פּאַריז, ציריך צי מערן,

האָט מען געניט געשמועסט ווי וועגן גאַליציען.
יעדעס יינגל האָט געחלומט און טרויעריק געצויגן
אַרויס פון ריישע, וואו ס'וועלן אים טראָגן די אויגן —
אַבי וואָס גיכער אַוועק פון פאַרשאָלטענעם פוילן.

# קײן אמעריקע



## א

וואָס ווייטער מ׳האָט זיך פון דער היים געפונען,
שנעלער איז דער גרויסער חלום אויסגערונען.
מ׳האָט זיך אָנגעשלאָגן אין דער ביטערער שעה —
און זיך געזען אין אַ וועלט פון קריעה־בליעה.
און טעג זיינען געוואָרן שווער און פרעמד,
מ׳איז וואָכן אַרומגעגאַנגען מיט לערע הענט
און נאָכאַנאַנד געטראָגן דאָס זעלבע העמד
און פאַר אַ היימישן זיך צו ווייזן געשעמט.
מ׳איז אַריין אין וואָר פון אומעט און עלנט —
דאָ געטאָגט, — ערגעץ אַנדערש גענעכטיקט.
דאַכט זיך ערשט ווי מ׳איז פון ריישע אַוועק,
און שוין איז מען פאַרוויקלט אין שרעק.
כאָטש היימלעך זיינען גאַסן, גרויס די שטעט,
ווייסט מען וואו דו וואוינסט, ווי דו הייסט —
דער פאָליציי־אַמט קען דיך האָבן יעדער צייט.
שווער איז צו זיין פון דער היים אַזוי ווייט,
אין אַזאַ גרויסער וועלט, אַליין
אין אַזאַ ריזיקן קראַך ווי ווין!

אַנטווערפּן, פּאַריז, דער דאַנוי, דער רייהן,
נאָך וואָס מען האָט געבענקט אַזוי שיין,
דאָס אַלץ איז דאָ נמאס געוואָרן, ווי מ׳זיך אַליין.
מילא די וואָס האָבן געצויגן פון אַ רייכן טאַטן,
האָבן זיך געקענט פאַרגינען צו עסן פון גרייטן

און זיינען חדשים אויפן טייסטער געזעסן;
זיך געפוצט, פריזירט נעט און עלעגאַנט,
האַכשטאַפּלעריש מיט אַ שטעקן אין האַנט,
טעג געשלאָפן, נעכט אויף בעלער געטאַנצט —
און געלעבט גרינג ווי גאָט אין פראַנקרייך,
ווי מען וואָלט דאָ אויף אַן אמת געוואָרן רייך,
אַבי נאָכצוטאַנצן דעם "יעקי" פון עסטרייך.

אויף די מיט אַ קינדיש געזיכט,
דער מאַמעס מילך האָט ממש געשפּריצט —
אויף זיי האָט מען מיט רחמנות געקוקט.
אין די נעכט האָבן זיי די טרערן געשטיקט,
ס'היימישע כתב פון אַ בריוו אויסגעקושט,
און געגאַנגען אַלעמאָל צום אָסט־באַן אַ געבן אַ בליק
אויפן צוג וואָס פלעגט פון ריישע קומען צוריק.
אָ, ווי דאָס האַרץ דריקט און ציט,
און ווי אַלץ פון דאָרט ווערט איצט ליב:
די געסלעך, דעם טאַטנס אַמאָליקע שטוב,
די לאַנגווייליקייט וואָס פלעגט צו טריב
אויפן קלויזניק און אויף די ספרים,
אויף די שבתים און אויף די יום־טובים,
וואָס שענער פון אַלץ איז געווען פורים.

פאַר איינעם איז ווין געווען דער "צויבער" דאָס ליכט,
און פאַר איינעם דאָס לעבן וואָס ווערט נמאס און מיד.
די וואָס זיינען געווען אָן אַ קרוב, אָן אַ גראָצער־געלט,
און זיך אַרומגעדרייט אין הונגער און אין עלנט —
זיינען אָן קעפּ אַרומגעגאַנגען ווי אויף יענער וועלט
און שטענדיק פאַרנאַרטערהייט צו זיך גערעדט.
דאָס ביטערסטע זיינען געווען די דרויסנדיקע נעכט:
געצויגן דורך די קליידער האָט די אלולדיקע קעלט

און געציטערט האָט דאָס לייב נאָך אַ וואַרעם בעט.
אין דער הויפּט־אַלעי, אויפן פראַנץ־יאָזעפסקעי,
איז מען אין פאַרטאָג אַריין, נעכטיקן געבליבן,
אין די קאַפּעען געלעבט, דאָרט בריוו געשריבן,
און מיטן „פּראַטער" דעם טרויער פאַרטריבן.

ב

„ווין, ווין, נאָר דו אַליין..."

אַלץ וואָס האָט מיט ווין אין ריישע געקלונגען,
איז געווען וואָר — נישט קיין לעגענדע.
די אַלייען ברייט, די בעצירקן רייך,
מאַכן די שטאָט די שענסטע אין עסטרייך.
אָבער נישט אַזוי לייכט איז אין ווין צו לעבן
און שווערער נאָך מיט איר זיך צו שיידן.
צו באַהערשן זיך נישט צו ווען דאָ בלייבן,
דאַרף מען זיין אַ מענטש פון אייזן:
דער דאַנוי, דער שיינברון, דאָס דיאַנאַ־באָד,
דער „טיר־גאַרדן", דאָס גרויסע „ריזנראַד",
וועגן וואָס שבתי פלעגט דערציילן פאַרנאַכט
און געמיינט אַז ר'האָט אַלץ אויסגעטראַכט —
איז לייכט איצט מיט די אייגענע אויגן צו זען.
אַזוי פיל סוחרים, טעאַטערע און וואָקזאַלן,
ווער אין ריישע וואָלט עס געקענט גלויבן?

מ'האָט ווין ערשט אָנגעהויבן צו זען פאַר די אויגן,
ווען דער שפּאַציר פאַרנאַכט האָט זיך אָנגעהויבן.
ס'האָבן אַ שלאָג־געטאָן שילדן, שרייענדיקע שויבן,
דער זומער האָט פלאַטערדיק צום פּראַטער געצויגן.
צו זיין דאָ און דעם פּראַטער נישט צו זען,

ווער וועט גלויבן אַז ביזט אין ווין געווען?
מ׳האָט מיילן לאַנג געקענט אָפּגיין אַזוי אַליין
און אָן אַ פּרוטה, פון דרויסן אַלץ באַטראַכטן:
די ווילדע פאַרזעעניש, משונהדיקע אַקראַבאַטן,
עגיפּטישע טרונעס מיט שטייענדיקע סקעלעטן.

— — — — — — — — — — — —

וואָס איז געווען דער „סענזאַציאָן איבער סענזאַציאָנען״,
וואָס אויסגעשריגן האָבן פּאַיאַצן און קלאָונען?
— שוואַרץ־קינצלער זיינען געזעסן אויף טראָנען,
מיט זעקסעלעך געשפּיגן, מיט זילבערנע קראָנען.
פון זייער מויל האָט געזעצט אַ שוואַרצער רויך,
ווען מ׳האָט מיט אַ פינגער אָנגערירט זייער בויך.

— — — — — — — — — — — —

„סענזאַציאָנען, איבער סענזאַציאָנען״,
רופט מען דעם „צושויער״ צו זען וואָס ר׳וויל:
וואונדער איז היינט דער צירקוס באַפּאַלאַ־ביל —
מען ווייזט העלפאַנטן, וועלף און לייבן,
בערן און טיגריסן פאַרשפּאַרט אין שטייגן.
געזונטע „קאַו־באָיס״ פון דער ווייטער וועסט,
שטייען שטייף און שטאָלץ, הויך און פעסט,
ווי אַ ווירע גלייך, אויף פערד אויסגעשטעלט.
מורן, ענלעך צו אַמעריקאַנער נעגער
מיט רינגען אין די נעז ווי ווילדע אַפריקאַנער —
שטייען האַלב נאַקעט־ווילד ווי אינדיאַנער.
הימל־ערד — און טרומפּייטערס שאַלן,
אויגן ווייסן נישט וואו פריער צו פאַלן:
מעסער־וואַרפערס ציען אָן אַ שרעק,
כינעזער אָן אַ וואַקל גייען אויף שטריק.
אין אַ קאַסטן אַ מענטש פריש און געזונט,
און אַ צווייטער, ווי ר׳וואָלט געווען בלינד —
זעגט איבער דעם קאַסטן מיטן מענטש צוזאַמען,

גאַרנישט פּאַסירט, וואונדערן זיך די „דאַמען“.
אַ פּחד איז פון ריזנראַד דאָס שטייגן העכער,
דאָס שווינדלען פון זען זיך איבער דעכער.
פון סכנה וואַרפט זיך אַ צאַן צו אַ צאַן,
צו זיין אויף דער ערד צוריק איז דער ווילן.

ג

ווי נאָר מ׳איז מיט דער סטעפאַניע בריק
דעם דאַנוי אַריבער אין צווייטן בעצירק
און אין דער לעאָפּאָלד־שטאָדט אַריין אַהין —
האָט זיך אויסגעדאַכט אַז ס׳איז נישט ווין.
ווי אין ריישע האָט דאָ געקאָכט און געזידט,
אויסגעזען היימיש האָט דער גאַליציאַנער ייד.
מ׳האָט געמיינט ס׳איז קראָקע, צי פּשעמיש:
מ׳האָט מסחר געפירט אויף פּראָסטן יידיש
און אַפילו אין דייטש אַריינגעמישט פּויליש.
ס׳איז געווען דער זעלבער סוחרישער ייד,
ווי אין דער היים אין מאַרק אויפן יאַריד,
וואָס האָט אויפן טאַנדעט־רינג געקערט אַ וועלט.
איינער מיטן אַנדערן האָט זיך דאָ גוט געקענט,
בירגערלעך זיך געפילט אין לעאָפּאָלד־שטאָדט.
די וואָס האָבן צו פאָרן קיין אַמעריקע חרטה געהאַט
און אויף דאָלאַרן אויסגעטוישט זייער שיפסקאַרט,
האָבן גאַנצע טעג אויף דער בערזע אָנגעשפּאַרט;
שפּעקולירט מיט וואַלוטע, אויף לאָטערי געשפּילט,
צו וואַרטן אויף אַ „טערנע“ נישט געווען מיד.
אַז מ׳האָט פאַרלוירן וואָס מ׳האָט נעכטן פאַרדינט,
האָט מען זיך געשאַרט צו די וואָס האָבן אויסגעזען נאַאיוו־נאַריש,
וואָס זיינען נאָר־וואָס פון פּוילן אָנגעקומען פריש.

ד

ווי אין גאַליציע, האָבן חסידים דאָ געהאַט רבים.
מ׳איז געווען צעטיילט אין שטיבלעך, אין גזעס.
האָט עמיץ געהאַלטן פונעם ראַזוואַדאָווער,
פונעם פשעצלאָווער, פונעם דזשיקאָווער,
פונעם סאַסאָווער צי פונעם שיניווער —
איז געווען געגוג בלויז אַ רבישער קרוב,
אַז מ׳זאָל אין ווין ביי אים פּראַווען חסידות.
די וואָס זיינען אַוועק פון „טעג״ פון ישיבות,
און צו ביסלעך אָנגעהויבן גאָלן, שערן די פּאות,
האָבן דאָ פראַנק און פריי געלעבט אין דער וועלט
און גאַרנישט און קיינער האָט זיי עפּעס געשטערט.
יעדן טאָג קלענער געוואָרן זיינען זייערע בערד,
און ווי עס פּאַסט פאַר גרויסע שטעט,
האָט מען זיך נאָך דער מאָדע געקליידט.
ווער וואָלט געגלויבט אַמאָל אַז דודל וואַצקיער,
וועט וואָגן אויסטאָן דעם חסידישן איבערציר?
ר׳האָט זיך וועלטלעך געטראָגן געקליידט
און ס׳איז אויף אים נישט געווען קיין חשד,
אַז ר׳האָט אַ טאָטן ווי ר׳ מנשה וואַצקיער געהאַט.
ר׳איז מיט ווינער באַאַמטע געווען פּאַני־בראַט,
פאַר אַ בן־עיר אַפילו אַ פּאַס פאַרשאַפט.
פון לאַנגוויל אין דער לעאָפּאָלד־שטאָדט,
האַלב־דורכגעטריבן, האַלב־פאַרשייט,
האָט ער זיך געוויצלט אויף וואָס די וועלט שטייט —
אַ טובה צו טאָן אַ יידן איז ער׳ געווען גרייט.
יאָ, ווער ס׳האָט דודלען געזען אין ווין,
האָט נישט געגלויבט אַז ר׳איז ר׳ מנשהלעס זון —
וואָרים ווער ס׳האָט אים פון ריישע געקענט,
האָט נאָכן פּאַטערס שלוש־סעודות געבענקט.

— — — — — — — — — — —

געפּלאָטערט אין ריישע האָט דער שפּאַציר,
ווען מ׳איז שבת־פאַרנאַכט צום וואַצקיער,
צום אײדעם פון אַלטן דזשיקאָווער. —
ווי דער פאַרנאַכט פון גאָט פון אברהם,
זײַנען זײַנע שלוש־סעודותן געווען פרום:
— בני היכלא דכספין
למחזי זיו דזעיר אנפין...
ווי דורך יענע בלויע שויבן דער שטערן,
האָבן זיך זײַנע זמירות אײַנגעקריצט אין זכרון.
דער זעלבער מנחה, דער זעלבער כזית,
די זעלבע הבדלה פון וואַצקיערס קלויז,
אַזוי יעדן שבת־אײַן, יעדן שבת־אויס.

### ה

די וואָס האָבן פון גאַליציע אַהער געצויגן
און קוים די גרענעץ אַריבערגעשמוגלט פון פּוילן,
און האָבן אַפילו דאָ, מורא געהאַט צו בלײַבן —
האָבן זיך אין ווין אַרומגעדרייט אין שרעק.
קיין אַמעריקע צו פאָרן איז געווען דער צוועק.
מ׳האָט נעמען, מעטריקעס און יאָרן געביטן,
אַ פאַרדעכטיקן מענטש פון די אויגן אויסגעמיטן,
פון באַהאַלטענע טעג געוואָרן אויסגעריסן.
די נאַכט ווען מ׳איז די קאַפּעען באַפאַלן,
ווען מ׳האָט צום פּאָליצײַ־אַמט צו גיין באַפוילן
און די אימה וואָס האָט געוויַיעט פון די אויגן —
האָט נישט געלויבט דאָס אַנטלויפן פון פּוילן.

בעסער שוין אײַנגאַנצן אין ווין נישט צו בלײַבן,
אײדער אין מורא, די פּאָליצײַ אויסצומײַדן.

מ׳האָט זיך אַריבערגעכאַפּט אין דער שווייץ,
פון דאָרט — קיין עלזאַס לאָטרינגען, קיין מעץ.
פאַר שוואַרצן די גרענעץ איז געקומען שיסן,
האָבן שמוגלערס פון יעדן פּאַסן געריסן.
מ׳איז נישט אָפּגעטראָטן פון „שטאָק־אַם־אייזן״
וואו ס׳האָבן אַמטירט אַמעריקעס קאָנסולאַטן.
איינער פון אַנדערן האָט נישט געטאָרט וויסן.
אַזוי האָט מען אָפּגעפּינצטערט אין בטחון;
געלעבט און געחלומט פון אַ פרישן מאָרגן
און מקנא געווען די וואָס קענען שוין פאָרן.

די וואָס האָבן געהאָט אַ לוסט
צו „פריילײַנס״, צו ראַנדעוואוס,
זיי איז קיינמאָל טרויעריק נישט געווען,
מיט זיי איז שטענדיק וואונדער געשען.
דער אַוונטיקער יולי האָט געפלאַטערט קיל און גרין,
דער „בלויער דאַנוי״ האָט רואיק געצויגן דורך ווין —
און דער פריילײַנס האַנט איז געוואָרן שלאַנקער,
גערעדט האָט דער בחור פון בריוו, פון לענדער,
און פון בײַדנס פרעמדקייט געוואָרן איז וויכע רייד,
און איינער האָט נישט געוואוסט ווי דער צווייטער הייסט.
ס׳איז געווען אי בענקשאַפט, אי גלוסט,
וואָס האָט געשפּאָרט פון דער פריילײַנס ברוסט.
שווער איז געווען איינער דעם אַנדערן צו גלויבן,
שווערער נאָך איינער פונם אַנדערן זיך צו שיידן —
מ׳האָט געפילט אויף אַ רגע בײַנאַנד צו שטאַרבן.

מעג עס זײַן לאָנדאָן, ווין צי בערלין,
ביטער איז דער עלנט צו זײַן אַליין.
וואָס גרעסער די שטאָט, ביטערער די וועלט —
האַרבסט אין דער נאָוועמבערדיקער קעלט:

אַ רעגן מיט גיכע, יאָגנדיקע טראָפּנס גיסט
און שלאָגט, ווי אויף שויבן, אין געזיכט.
פונעם קאַפּעלוש, פון די קליידער טריפט
און נאַס און נאַכטיק שאַרן זיך די טריט —
די קאַפּעען אויסגעלומפּטע שטייען מיד,
און בלעטער פאַלן געל און פאַלן טריב
און גייסט אַרום אַן אַ שליסל צו אַ שטוב.
גאַנצע נעכט אַזוי אין גרויסן וויך,
צווישן באַן־פיאַקערס און פאַנאַרן —
קוויקסטו זיך מיטן ליכט פון וואָקזאַלן
און ביסט מקנא די דרימלענדיקע פערד
מיט די שלאָפנדיקע קעפּ צו דער ערד.

פון וואָס האָט אַ ייִנגל אַן עלנטס געטראַכט,
ווען ר׳איז אַליין אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט?
ר׳זאָל חלילה נישט דאַרפן פאָרן אַהיים
פון גרויס נויט צוריק אין שטעטל אַריין
און בלייבן פאַרשעמט פאַר טאַטע־מאַמע שטיין,
ווייל ר׳האָט אין דער פרעמד נישט געקענט זיין. —
אין שטעטל האָט מען אים דורכגענומען מיט די אברים
און אויסגעמידן נאַריש האָבן אים די חברים.
אַז איינער וואָס איז שוין געווען אין אויסלאַנד,
זאָל זיך אַראָפּלאָזן צוריק צום זעלבן שטאַנד
און ווערן צו חרפּה, צו גרויס שפּאָט,
מ׳זאָל בעסער נישט געפּרוווט ווערן, גאָט!

ו

צו פאָרן קיין אַמעריקע איז געווען דער באַגער,
ווען מ׳איז חדשים אין ווין אַרומגעגאַנגען לער.

צו שיפס־קאַנטאָרן האָט דאָס האַרץ געצויגן
און ערנסט האָט מען זייערע רעקלאַמעס געלעזן.
די „האָלאַנד־אַמעריקאַן־לאַין" מיט איר פּלאַקאַט,
האָט געריסן די אויגן נאָך אַ שיפס־קאַרט.
מ׳האָט אומגעדולדיק מיטן פּאַס געוואַרט
אויף דער שעה, די שיף זאָל ווערן נאָענט,
און די וואַסערן זאָלן דיך שוין טראָגן
פּונקט ווי אויפן פּלאַקאַט איז אויסגעמאָלן:
אַ נאָרדישער מאַטראָז ביים אַנקער, ביים ראָד,
רירט די שיף מיט מענטשן — ווי אַ שטאָט,
און ציט לאַנגזאַם אָפּ פון גרויסן ראַטערדאַם
און ווערט אַזוי פון רויך פאַרצערט אויפן ים.

שווער איז געווען די נאַכט, שווערער די טריט,
ווען שלמה דער צעבויגענער הויכער ייד,
האָט דאָס יינגל פון ווין אַרויסגעפירט.
די שלאַנקע טאָכטער חוהטשע אינדערמיט,
איז נאָכגעגאַנגען און אירע טר׳ערן געווישט
און געוויינט, גערעדט אויף יידיש, אויף דייטש —
און פונעם יינגל האָט געבליט אַ מאָדנע פרייד,
ווען אַ משפחה פון צוויי האָבן אים צום באַן באַגלייט.
אינעם רענצל, אינעם סאַמעטענעם זעקל פאַרנייט,
איז געלעגן פון טאַטנס דרשה־געשאַנק — די קייט,
וואָס איז אין ריישע נאָך געבליבן פון חתונה־צייט,
ווען דער טאַטע איז קיין אַמעריקע אַוועק יונגערהייט
און דער מאַמען געלאָזט האַלב־ווייב, האַלב־צעשיידט.

ווער ס׳האָט נישט געזען דעם פלאַטער און לוסט
פון אַ געפאַלן יינגל ווען ר׳האָט ענדלעך ווין פאַרלאָזט —
האָט קיינמאָל נישט געפילט עלנט אין אַ פרעמדער שטאָט.

ס׳איז צו אים קיין גלייכן נישט געווען אין דער וועלט,
נישט אַפילו די, וואָס האָבן געשוויבלט אין געלט
און געלעבט אין גרויס וואוילטאָג — ברייט,
שטענדיק אין די גרעסטע שטעט אַרומגערייזט.
די וואָס זיינען אָבער געקומען מיט אידעאַלן,
האָבן תמיד זיך געריסן אין ווין נישט צו בלייבן,
און האָבן צו מערב אַרויף־צו ווייטער געצויגן.
מ׳איז געקומען אַזש פון טשענסטאָכאָוו, פוילן
מיידלעך און בחורים מיט פייערדיקע אויגן,
אויסגעלערנטע — צו העלפן ארץ־ישראל בויען.

ז

די פעלדער, די טאָלן, אַך, וואָס פאַר אַ רייץ.
די קופּערנע בערג פון דער שקיעהדיקער שווייץ!
ווי שטיקער וואָלקנס שפּאַרן אויסגעהאַקטע פעלזן
שאַרלעך — ווי גאָטס פּנים וואָלט זיך געוויזן.
באַרג־מענטשן ווערן דאָרט פאַרקלעטערט
און ווערן פונעם אויג ווי בראַנדז פאַרצערט.
אונטן — לויפן ציגער און יאָגן פאַרדרימלט
און ווערן צווישן די בערג פאַרגליווערט.
פאַרריסן ווערט דאָס אויג, ווילד און בלינד
צום שקיעהדיקן הימל וואָס פאַרשווינדט.
ווי פונעם באַרג סיני גיסן זיך העל אַראָפּ
פאָסן ליכט, ווי פון משה רבינוס קאָפּ.
אין חלום פאַלט דיין געזיכט אַריין געלעמט,
אַזוי צו שטאַרבן וואָלסטו זיך נישט געשעמט.

וואונדערלעכער פון ציריך, שענער פון פּאַריז,
זיינען די שטרעקעס קיין האָוער צו דער שיף.

די פרישע פרעמד אין איטלעכן געזיכט בליט;
מ׳פאַלט אין די קאַנטינען פון דער רייזע מיד.
אויף די געלעגערס שלאָפן די חלוצים איין מיטן ליד:
— „אסתרס געזיכטעלע, אַזוי רונד ווי אַן עפּעלע,
האָט באַגעגנט אַ לאַנד, קליין ווי אַ שפּילקע־קעפּעלע, —
זי האָט אָנגעשפּאַרט איר עלנבויגנדל אַן כינע
און גאַנץ ערנסט זיך פאַרקוקט אויף פּאַלעסטינע...״

— — — — — — — — — — —

די חלוצים זינגען ליד נאָך ליד,
ס׳געזאַנג ברענט און ווערט נישט מיד
מען ווערט מיט ארץ־ישראל פאַרוויגט:
„אוי ציון, מיין הייליק לאַנד,
ווי טייער ביסטו צו מיר.
פאַרגעסן זאָל איך מיין רעכטער האַנט,
אויב איך וועל פאַרגעסן, ציון, אַן דיר...״

פון דער זון ברוין, און שטאַרק ווי די ערד,
זיינען די טעכטער וואָס זיינען ציון באַשערט.
און האַרט, און ברוסטיק, און היימיש,
מיט שפּראָצנדיקע געזיכטער פריש,
איז זייער וואוקס הויך און מענעריש.
אַקסלען האָבן זיי וואָס וועלן לאָסטן טראָגן,
און הענט האַרטע וואָס וועלן שטיינער האַקן.
נישט מיט וועגענער, נישט מיט באַנען,
נאָר מיט קעמלען וועט מען שפּאַנען
און פירן סחורות אויף קאַראַוואַנען.
מען וועט גיין אין שווערן זאַמד געבויגן
מיט הייסן שטויב וועלן פאַרלויפן די אויגן —
און פאַרגרינגערן וועט מען די טריט
מיט האַסטיקן געזאַנג פון ציונס ליד.
ס׳עקשנות אין זיי וועט נישט רוען
ביז מ׳וועט ארץ־ישראל נישט אויפבויען!

ח

דאָס ייִנגל וואָס איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון ווין
און איז ביים ווייסל, ביים דאַנוי שוין געווען,
האָט נאָך אַזאַ האָפֿן ווי האַווער נישט געזען.
ר׳איז אָן אָן אָטעם פּלוצים געבליבן שטיין,
ווען ר׳האָט מיט זיינע אייגענע אויגן אַליין
אַלערליי אויסלענדישע שיפֿן געזען שטיין.
ווי ס׳איז די טבע פֿון האָפֿן־שטעט,
האָבן נעפּלען געשלאָגן פֿון יעדן ברעט.
שיפֿן האָבן זיך געוואָרפֿן ביי יעדן ברעג
צו אַנקערס צוגעטשעפּעט און צו שטריק.
דער אָקטאָבער ריח פֿון די וואַסערן ציט,
דאָס ייִנגל ווערט צו קוקן אַזוי נישט מיד.

אין ריישע, אַז דער הויכער שבתי האָט דערציילט
פֿון ימען, פֿון שיפֿן און פֿון האָפֿן־שטעט —
האָט עס געקלונגען ווי די לעגענדע פֿון „טויזנט און איין נאַכט״.
ר׳האָט זיך אינמיטן רינג אַוועקגעשטעלט ביים וואַנט
און גערעדט, די וועלט אויסגעמאָלן אויף דער האַנט.
סוחרים, משרתים, וואָס האָבן פֿון אים חוזק געמאַכט,
האָבן געמיינט אַז ר׳האָט דאָס אַלץ אויסגעטראַכט.
מ׳האָט אים ביים פּראַק געצויגן, אין צילינדער געקלאַפּט,
און שבתי האָט דערפֿאַר פּרוטות אַריינגעכאַפּט.
וואָס שבתי פֿלעגט דערציילן פֿאַר יידן אין אַ ראַד,
אַז אַ שיף קיין אַמעריקע זעט אויס ווי אַ שטאָט —
האָט צום אמת קיין סך געפֿעלט.
ס׳ייִנגל האָט איצט דערזען וואָס ר׳האָט דערציילט:
די ברייטע קוימענס מיט דער שיף „פּאַריז״,
איז פֿאַרן ייִנגל געוואָרן דער אויסגעחלומטער ריז.
פֿון קאַיוטעס די שייבלעך האָבן נאַכטיק געהעלט

און זיך געצונדן ווי פענצטער אין גרויסע שטעט.
גאָט, ווי וועט נאָך זיין אינמיטן הויכן ים,
דאָרט איז נישט האָווער, נישט ראָטערדאַם —
אַז די נאַכט, די פינצטערע דאָ אַרום,
איז נעפּלדיק אַזוי, שווער און שטום?
אָ, ווען נישט דער פּחד איבערן ים צו פאָרן,
שטורמס זאָלן חלילה די שיף נישט צעטראָגן, —
אָ, ווען נישט די אַלע מוראדיקע געפאַרן,
וואָלט ס׳יינגלישע האַרץ איצט זיכערער געשלאָגן!

ט

פאַרוואָס זאָל דאָס ייִנגל איצט נישט טרויעריק זיין,
אַז די בלוטן אין אים בענקען און ציען אַהיים?
וואו דו זאָלסט נישט זיין, אין דער כל־נדרי שעה,
ווילסטו אויפן קאָפּ דערפילן דעם זיידנס ברכה,
אויף די טישן די הויכע ליכט זען טריפן הייס,
די מאַמעס קלייד, דעם טאַטן אין קיטל ווייס;
מען גייט מיט אויסגעוויינטע אויגן פון שטוב אַוועק
און די געקאַלעכטע ווענט בלייבן אין שאַטנדיקער שרעק.
— — — — — — — — — — —
יום־הקדוש נאַכט אין אַזאַ שטאָט ווי האַווער,
די לבנה הינטער וואָלקנס ציט ווי דורך וואַסער,
איז דעם פרומען ייִנגל איצט באַשערט
אָפּצוריכטן יום־הקדוש אויף אַזאַ פרעמדער ערד.
וואָס מ׳שטיינס געזאָגט וויל דען דאָס ייִנגל?
מ׳זאָל דעם כל־נדרי נישט באַגלייטן מיטן אָרגל,
די תפילות נישט זאָגן פון אַ פראַנצויזישן מחזור —
און אַז פאַרשווינדן זאָל די נאַכט וואָס גיכער,
דער לאַנגווייליקער נוסח פון די דאַווענער,

זאָל פאַר אים נישט קלינגען ווי אַ קלויסטער. —
ווייט פון זיין היים — שפאָרט פון אים געוויין,
ער קען די מאָדנע מתפללים נישט פאַרשטיין.
נישטאָ דער ציטער פון אַ ר׳ מאָטיש עקשטיין,
נישט די אימה פון אַ תפילה־זכה אינדערהיים,
די קיטלען, וואָס האָבן געקענט רירן אַ שטיין,
ווי ס׳וואָלט אין יעדן ייד געוועזן גאָט אַליין!

י

פון אַ לאַנד וואָס איז רייך, איבער וואַסערן ווייט,
האָט דאָס יינגל נאָך ביי דער באָבע געהערט קליינערהייט.
פון זיין טאַטן האָט זי טרויעריק גערעדט און דערציילט,
אַז ר׳איז קיין אַמעריקע אַוועק אָן אַ ווייב, אָן אַ גט
און אַז ס׳איז נישט גלייך אַזוי צו לעבן אין פרעמדע שטעט;
אַז ס׳איז אַ חרפה, אַ בושה פאַר איר פרומען יחוס —
און אַז אַמעריקע איז בלויז פאַר שניידערס, פאַר שוסטערס.
און רק זי האָט מוראדיק גערעדט וועגן גרויסן ים,
וועגן די ווילדע פיש וואָס שפּייען מיט האָגל, מיט שוים —
איצט פאָרט צום טאַטן דאָס יינגל קיין אַמעריקע אַליין
מיט אַ האַרץ פון שרעק די שיף זאָל נישט אונטערגיין.

און גאָט האָט דאָס יינגל געפירט
און די שיף פון אָרט האָט גערירט.
ווען מאַטראָזן האָבן הויך געקלעטערט,
די מאַסטן מיט שטריק צו פאַרוואַרפן —
איז דאָס יינגל שטיין געבליבן דערשראָקן,
ווייל געהערט האָט ער פון ים דער צאָרן,
האָט אַמאָל אויף אַ שיף אויסגעגאָסן:
פון פחד זיינען מענטשן געשטאָרבן

און אַ סך האָבן זיך אין וואַסער געוואָרפן.
אָבער די שיף פון אָרט האָט גערירט
און גאָט האָט דאָס יינגל געפירט.

דורך נאַכט זעגלט די שיף און ציט,
די לבנה הינטער וואָלקנס גייט נאָריש מיט.
די וואַסערן הויבן זיך, ווערן ברייטער
און פון שוים ווערט די שיף פאַרלייגט טיפער.
פונעם יינגלס זכרון רוקן זיך אַפּ שטעט:
ווין, ציריך, פּאַריז — אַ האַלבע וועלט.
געוואָרן זיינען זיינע אויגן טריבער,
מען וועט דעם גרויסן ים מוזן אַריבער.
צווישן הימל און וואַסער — אין דער מיט,
ווערט דאָס יינגל צו שטיין אַזוי נישט מיד
און ציט די פּייכטע נאַכט אַריין אין געזיכט.
די כוואַליעס פון אונטן, די לבנה פון אויבן,
דרייט זיך שיכור און געשווינד פאַר זיינע אויגן.
אַלץ — וואַסער און הימל מישן זיך צוזאַמען
און ס׳וויקלט זיך דער שוים ווי ווייסע פלאַמען —
בלויז משה רבינו האָט אַזאַ ים געקאָנט צוימען.

יא

אָרעם יינגל!
וויפיל טרויער און וויפיל פרייד,
ליגט איצט אין יענע באָבישע רייד,
וואָס האָבן פון אַ ים אַזאַ דערציילט?
ס׳וויגן זיך סיגנאַלן מיט רויטן פלעמל,
האַלב אין פינצטער, האַלב אין נעפל —
און די שיף וויל איצט אַלץ דעריאָגן

איידער ס'הויבט דער הימל אָן צו טאָגן,
מיט אַ שווער האַרץ צו אַ פרעמדער היים,
פאָרט דאָס ייִנגל איצט אינמיטן ים
און טראָגט אין זיך דעם האָפערדיקן פּלאַם
צו דערלעבן די שעה מיטן טאַטן צו זײַן באַנאַנד.
שײַן מוז זײַן די גרעסטע שטאָט פון אַמעריקעס לאַנד,
דער חלום, צו וואָס מען האָט אַזוי געבענקט נאָכאַנאַנד.

בײַם ייִנגל די שליפן שלאָגן שווער ווי בליי,
אינעם האַרץ איצט גייען אויף די מעשהס אַלערליי,
וואָס מ'האָט אין רײַשע וועגן אַמעריקע דערציילט.
ווײַטער טאַטע, וויפיל שרעק איז אין ייִנגל איצט פאַראַן
בעת ער נעגעטערט איצט צום רײַכן, פרעמדן לאַנד?
ר'דערמאָנט זיך איצט אין לאָמען הערש פון דער באַן,
וואָס מ'האָט קיין אַמעריקע נישט געלאָזט אַרײַן —
און געהערט האָט ער דאָס פון לאָמען הערשן אַליין,
אַז מען מוז שטאַרק און אָן אַ פּיצל פעלער זײַן;
אַז עמיץ מוז קומען „אַפּהאַלן" ווען מ'איז אַליין,
אַנדערש, קען מען דעם „קעסל־גאַרדן" נישט דורכגיין.
ס'העלפט נישט קיין טרערן, נישט קיין געוויין,
מען שיקט מיט דער זעלבער שיף צוריק אַהיים.

— — — — — — — — — — — —

גרויסער ים, די בייזע שעה זאָל נישט זײַן,
ווען מ'זאָל אים חלילה קיין אַמעריקע נישט לאָזן אַרײַן
און אים, ווי דעם לאָמען הערש, צוריק שיקן אַהיים —
בעסער זאָל די שיף מיט אים אויפן אָרט אונטערגיין!
דאָס ייִנגל אויפן דעק ציטערט אין נאַכטיקן ווינט,
און דאָס וואַסער שרײַט און די שיף שווימט בלינד:
„זאָלסט אין מיר, טאַטע, דערקענען דײַן קינד
און מיך אַננעמען מיט דײַן פרעמדער האַנט,
ווען די שיף וועט אַנקערן אין דײַן לאַנד!"

ווען ס׳זאָל ווערן וואָר און עס זאָל טאַקע געשען,
וואָס דאָס ייִנגל האָט אַמאָל אין חלום געזען:
ווי אַזוי ר׳האָט אין אַמעריקע מצליח געווען —
וואָלט ער, ווי טעוועלע, אויף באַזוך געקומען אַהיים,
קיינער אין ריישע וואָלט זיינס גלייכן נישט געווען.
ר׳וואָלט קודם ווי אַן אַמעריקאַנער אויסגעזען:
מיט אַ ראַזירט פּנים, מיט גאָלדענע ציין,
מיט פּערלנע ספינקעס, מיט אַ זיידן העמד,
מיט אַ ביווערנעם הוט, רינגען אויף די הענט,
און דער עיקרשט — ר׳וואָלט צו שונאים געווען פרעמד.
ר׳וואָלט איינגעשטאַנען אין גרויסן האָטעל גראַנד
מיט אַלע רייכסטע רייזנדער פון אויסלאַנד —
און וואָלט דאָלאַרן געטיילט מיט אַ ברייטער האַנט.
זאַט פון וואוילטאָג און זאַט פון געלט,
וואָלט ער אַרומגעגאַנגען פון געוועלב צו געוועלב
און זיך שטאָלץ באַרימט מיט דער גרויסער וועלט.

מ׳לעבט נישט אין חלום, מ׳לעבט נישט אין וואָר —
די שיף טראָגט דאָס ייִנגל אויפן הויכן וואַסער
און די כוואַליעס פון ווילדקייט דרייען זיך אין צאָרן,
ווי נישט דאָס ייִנגל — נאָר דער ים וואָלט געפאָרן.
עס זאָל זיך נאָר נישט קיין ריר טאָן דער לויתן
און די וועלט אויפסניי אין אַ מבול פאַרשווענקען!
ס׳איז נישט דער ווייטער הימל און נישט די שטערן,
וואָס וועלן זיך צו ששת ימי־בראשית אומקערן,
נאָר דאָס, וואָס די שיף מיטן ייִנגל וועלן זינקען!
אָ, לאָז אים, גאָט, אַזוי קוקן און אַזוי בענקען,
ביז אַרויס וועט די ערד מיט אַמעריקעס אינזלען.

## יב

ווי נאָך לאַנגע מבולדיקע טעג אויפֿן ים,
האָט די שיף געגומען זעגלען לאַנגזאַם
און איז אַריין אין האַפֿן ווי נאָך אַ שטורם.
די וואַסערן זיינען מיטאַמאָל שלאָפֿער געוואָרן;
אָפּגעצויגן האָט דער כּוח פֿון רוישן, פֿון שלאָגן.
מ'איז אַריין אין האַפֿנדיקער נאַכט, אין פֿינצטער
און אויפֿגעגאַנגען איז ניו־יאָרק גרעסער, נענטער
אין אַ גלאָזערנע שטאָט — אָנגעצונדענע פֿענצטער.
און געצויגן האָבן אַהין־און־אַהער
שלעפּ־שיפֿלעך שלעפּערדיק, שווער.
האַלב אין פֿרייד, האַלב אין טרויער,
איז מען אינמיטן נאַכט אַרויס אויפֿן וואַסער
און אַרויסגעוויינט פֿון זיך גאָטס וואונדער.

ווער איז דער מענטש, דאָס פּנים, דער שטיין,
וואָס באַלייכט די שיפֿן אין די פּאָרטן אַריין?
ס'איז דער קאָפּ וואָס טראָגט די נאַכט, דאָס ליכט,
פֿון הויכן פּאָקל דעם פֿלאָם אויפֿן געזיכט. —
ר'שטייט ווי לעבעדיק אויסגעהאַקט אינדערמיט;
אַ מענטש אין די וואַסערן — איינגעמויערט
און וואָרפֿט פֿון זיך די שרעק ווי אַ גאָט
און גאָרנישט קען אים רירן פֿון אָרט.
אַ שאָר פֿון ליכט ציט זיך אַרויף
און דער בלענד שניידט דעם הימל אויף.
די סטאַטוע צו די אימיגראַנטן אַראָפּ,
קוקט ווי אַן אוראַלטער גריכישער קאָפּ.
דער שטיינערנער קראַנץ, די אויפֿגעהויבענע האַנט,
גיט אינעם ייִנגל אַריין בטחון פֿאַרן נייעם לאַנד.

אויפן מזרח־הימל אַ גרעסער פּאַס פאַרשאַרט,
פאַרפלעקט מיט טאָג די פלעמלדיקע נאַכט.
ס׳שווימט די שיף און הויבט זיך אַרויס העכער,
ניו־יאָרק דרייט זיך מיט אירע בריקן און דעכער —
און הימלעכער, און וואָרעמער און פרעמדער,
קוקט מען אימיגראַנטיש אויף אַמעריקעס וואונדער.
דאָרט... אין די הייזער, אין די „נעוו־יאָרקער״ שטיבער,
שלאָפן רואיק איצט די, וואָס נעמען אונדז אַריבער —
און דאָ, אויפן „טרערן־אינזל״, אין הערצער,
קערט זיך איצט ממש אַ וועלט איבער.
שווער צו וואַרטן ביז די זון וועט זיך שטעלן,
דאָס יינגל זאָל אַ זיכערער אויפן טאָטן פאַלן,
און דעם „קעסל־גאָרטן״ שוין בשלום אַדורכגיין.

און טאָג גרויסער איז געוואָרן.
פון שיפן האָבן וואַסער־רייפן געשלאָגן —
און גרינגער איז ס׳יינגלשע האַרץ געוואָרן,
ווען ר׳האָט מיטאַמאָל אין „קעסל־גאַרדן״
געהערט דאָס נאַקעטע יידישע לשון.
אַ, וויפיל פעלקער, וויפיל לשונות;
עלנטע, ווי ער, פון אַלערליי מדינות —
שטייען איצט מיט אים אין איין ריי
און וואַרטן, ווי ער, אויפן זעלבן גורל!...
מער ווי איבערצוגעבן זיך אין גאָטס הענט,
האָט קיינער אַנדערש איצט נישט געקענט.

דאָס יינגל נאָך איטלעכן האָט זיך געשאַרט געלעמט
און איז אין מיטן דרינען שטיין געבליבן פאַרשעמט,
ווען ס׳האָט אים אימיצער אָנגענומען ביי די הענט
און דורך אַ קינדישן סימן דאָס יינגל דערקענט.
איינער אויפן אַנדערן איז אַרויפגעפאַלן בלינד —

און באַנאַנד פונם „קעסל־גאַרדן״ אַוועק געשווינד,
איז פלאַטערדיק דער טאַטע אַרויס מיטן קינד
און ביידע זיינען געבליבן פאַרלוירענע ווי אין ווינט.
די פרייד, אַז אַלץ איז, ב״ה, אַדורך בשלום;
אַז דאָס פאָרן איבערן ים איז פאַרביי ווי אַ חלום,
האָט אָפּגעצויגן פון דעם ייִנגל די גאַנצע שרעק
און אים ווי צוגעשטיינערט צו אַמעריקעס ברעג.

# ביאָגראַפישע נאָטיצן וועגן עטלעכע געשטאַלטן אין דער פּאָעמע

דער סאַנדזער — ר׳ חיימל האַל-בערשטאַם, גרינדער פון דער סאַנדזער דינאַסטיע, מחבר פון „דברי חיים" און הויפּט-פיגור פון דער מחלוקה מיט דער סאַדעגורער דינאַסטיע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין ריישע; נפטר געוואָרן כ"ה ניסן, תרל"ו.

*

דער בלאָזשעווער — ר׳ צבֿי אלימלך, זון פון ר׳ דודל מ׳דינאָוו און איי-ניקל פון רבין ר׳ הערש מלך; מחבר פון „צבֿי לצדיק"; געפירט אַ ברייטן חסידישן הויף אין ריישע; נפטר געוואָרן ה׳ ניסן, תרפ"ה.

*

דער אמרי נועם — ר׳ מאיר הור-וויץ, זון פון רבין ר׳ אליעזר, און אויסברייטער פון דער דזשיקאָווער דינאַסטיע; גרויסער מנגן און מחבר פון „אמרי נועם"; נפטר געוואָרן ח׳ תמוז, תרל"ה.

*

דער דזשיקאָווער — ר׳ יהושעלע, זון פון „אמרי נועם", מחבר פון „עמק הלכה" און „עטרת יהושע"; נפטר געוואָרן יא טבֿת, תרע"ג, אין דזשיקאָוו. זיין ממלא מקום איז גע-ווען זיין זון ר׳ אלתר; אומגעקומען על קידוש השם, תש"ב, אין קראָקע.

*

דער ראָזוואַדאָווער — ברודער פון פּלאַנטשער, גרויסער בעל-מנגן, איי-ניקל פון ר׳ אליעזר דזשיקאָווער, שטאַמט פון ר׳ נפתלי ראָפּשיצערס גזע; נפטר געוואָרן אין ריישע.

*

דער פּלאַנטשער — זון פון ראָז-וואַדאָווער רבין ר׳ משהלע הורוויץ; נפטר געוואָרן אין ריישע, ערבֿ ר"ח חשוון, תרע"ט.

*

דער טשאָרטקאָווער — ר׳ דוד משה פרידמאַן, זון פון ר׳ ישראלטשע רי-זשינער, גרינדער פון דער טשאָרטקאָ-ווער דינאַסטיע.

*

דער גאָרליצער — ר׳ ברוכל גאָרלי-צער, זון פון ר׳ חיימל סאַנדזער און געטרייער נאָכפאָלגער פון זיין פאָטער.

דער באָבאָווער — ר׳ שלמה האַל־בערשטאַם, אייניקל פון ר׳ חיימל סאַנדזער; ייִנגלעך־חסידים פלעגן צו אים פאָרן פראַווען חסידות; נפטר געוואָרן ב׳ תמוז, תרס״ד. זיין זון, הרב בן ציון, איז אומגעקומען על קידוש השם, תש״א, אין לעמבערג.

*

דער שיניווער — ר׳ יחזקאל שי־ניווער, עלצטער זון פון ר׳ חיימל סאַנדזער; מחבר פון „דברי יחזקאל״; נפטר געוואָרן ו׳ טבת, תרנ״ט.

*

ר׳ שלמה לייבעלע טיטשינער — (ווייכסלבוים). זיין פאָטער איז געווען אַ פשוטער דאָרפס־ייִד; גע־וואַקסן פון זיך אַליין צו דער מדרגה פון אַ גרויסן פאָלקס־רבי; זיך גע־חברט מיט בעלי־עגלות און פראָסטע ייִדן; געהאַט אַ גרויסע אָנהענ־גערשאַפט פון ווייבער און חסידים פון אַלערליי גזעם; ער איז געווען אַ גרויסער עניו, צעטיילט די פדיונות צו אָרעמעלייט און אַליין געלעבט אין דחקות; מ׳איז צו אים געפאָרן נאָך טרייסט און בטחון פון גאַנץ עסט־רייך־אונגאַרן; האָט מחבר געווען „הכנת לב לתפלה״; נפטר געוואָרן אין טיטשין, לעבן ריישע.

*

ר׳ לאָזערל ריישער — שטאַמט פון ר׳ מלך רידניקער, אייניקל פון ר׳ אלימלך פון ליזשענסק; געווען באַ־רימט איבער גאַנץ עסטרייך־אונגאַרן, געהאַט אַ גרויסע אָנהענגערשאַפט, זיך אָפּגעגעבן מיט דאָקטאָריע; הונדער־טער ייִדן האָבן זיך באַנוצט מיט זיינע רפואות; האָט געפירט אַן אייגנ־אַרטיג, היימלעך חסידיש הויז; מחבר פון „משנה למלך״; נפטר געוואָרן אין ריישע, ט״ו תמוז, תרע״א; גע־בראַכט צו קבורה אין סאָקאָלאָוו (לעבן ריישע), וואו ער רוט לעבן זיין פאָטער. זיין ממלא מקום איז געווען ר׳ שלמהלע, זון פון ר׳ משהלע הורוויץ (דער ראָזוואַדאָווער). ר׳ שלמהלע איז צוזאַמען מיט זיין ווייב, קריינדעלע (ר׳ לאָזערלס בת־יחידה) אומגעקומען על קידוש השם, אין ריישע, תש״ב.

*

דער קאָלאָשיצער — ר׳ חנא, זון פון פריסטיקער רבין, איידעם פון ר׳ יחזקאל שיניווער; האָט גע־וואוינט אין ריישע; איז אומגע־קומען על קידוש־השם אין פריסטיק, תש״ב.

*

דער וואַצקיער — ר׳ מנשה אייכנ־שטיין, איידעם פון „עטרת יהושע״; געווען גרויסער קענער אין גמטריאות; געפירט אין ריישע אַ באַשיידענעם חסידישן הויף, לויט דעם דזשיקאָווער נוסח; האָט מחבר געווען עטלעכע ספרים; נפטר געוואָרן טז תמוז, תרצ״ה.

*

ר׳ שלומל רובין — שטאַמט פון ראָפּשיץ־קאָזשעניץ; זיך דערוואָרבן

אַ אָנהענגערשאַפט פון גלאָגאָווער חסידים דורך זיין יחוס עצמו; גע־פירט אַ שטיל באַשיידן רביש הויז אין ריישע. זיין איידעם, הרבֿ ר' דודל רובין (לאַנצוטער רבֿ), געפינט זיך מיט זיין משפחה אין אַמעריקע, וואו ער זעצט פאָר זיין שווערס דרך. ר' שלומל איז נפטר געוואָרן אין ריישע, ד' אָבֿ, תרפ"ד.

*

ר' מאָטיש עקשטיין — איינער פון די פאַרבנרייכסטע חסידישע פיגורן אין גאַליציע. איז געווען אַ גרויסער און געטרייער אָנהענגער פון דער דזשיקאָווער דינאַסטיע; געפירט אַ ברייט עשירותדיק הויז; געהאַט אַן אייגן חסידים־שטיבל, און פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט אין דער ריישער קהילה; איז געווען יאָרן־לאַנג ראש־הקהל; ראַדניק (ראַטסמאַן) אין ריישער מאַגיסטראַט, און קאַנדי־דאַט פאַרן פּוילישן סיים. זיינע זין: מאירטשע, ראובֿן און מענדל, האָבן געשמט מיט זייער לומדות, פרומקייט און וועלטלעכקייט. די מערסטע פון די עקשטיינס זיינען אומגעקומען על קידוש השם.

## דערקלערונג פונם
## „דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור־פאָנד"

בעריש וויינשטיינס „ריישע" איז דאָס ערשטע בוך, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פונם ליטעראַטור־פאָנד, וועלכער איז גע־גרינדעט געוואָרן דעם 14טן אָקטאָבער 1945, לכבוד דעם 60־יאָריקן יובל פון דוד איגנאַטאָוו.

דער פאָנד ווערט געשאַפן דורך פרייוויליקע באַשטייערונ־גען מצד פאַרערערס און ליבהאָבערס פון דער יידישער ליטע־ראַטור. די אויפגאַבעס פון פאָנד סימבאָליזירן דוד איגנאַטאָווס אייגענע גרויסע פאַרדינסטן ווי אַ שריפטשטעלער־בעלעטריסט, רעדאַקטאָר, און ווי דער אָנפירערישער כוח פון אַ גאַנצער תקופה אין דער יידישער ליטעראַטור — די תקופה פון די „יונגע", די זאַמלביכער „שריפטן" און פאַרלאַג „אַמעריקע".

די צילן פון דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור־פאָנד זיינען:

1. העלפן פאַרעפנטלעכן די ווערק פון נייע און יונגע יידישע שריפטשטעלער, און אויך די ליטעראַרישע ירושות פון די שריפטשטעלער וואָס זיינען פריציייטיק אַוועק פון אונז.

2. באַקענען די יידן אומעטום מיט דער יידישער וואָרט־שאַפונג אין אַמעריקע.

3. שטיצן און דערמוטיקן אַלע פּראַקטישע פרואוון צו באַרייכערן די יידישע ליטעראַטור.

4. אַרויסגעבן ספּעציעלע אַלמאַנאַכן און זאַמלביכער.

# אינהאַלט פון קאַפּיטלען:


| | |
|---|---|
| | זייט |
| היימישע ערד | 7 |
| וואָכעדיקע טעג | 21 |
| שטאָט און פעלד | 35 |
| אַטלאַס און זייד | 51 |
| צוויי הייליקע געשטאַלטן | 67 |
| ירושה פון דורות | 85 |
| דעם זיידנס יורשים | 103 |
| אַ שנירל פערל | 135 |
| ערד און שווערד | 151 |
| נע ונד | 171 |
| פוילן | 189 |
| שווערע טעג | 209 |
| חלום און וואָר | 227 |
| יידן | 245 |
| פאַרמעט | 263 |
| קיין אַמעריקע | 287 |
| ביאָגראַפישע נאָטיצן וועגן עטלעכע געשטאַלטן | 311 |
| דערקלערונג פון איגנאַטאָוו-פאָנד | 315 |

Printed by
GRENICH PRINTING CORP.
151 W. 25th St., N. Y. 1, N. Y.
166